STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00052

LIDER, BALADES, POEMES

Itzik Fefer

Permanent preservation of this book was made possible by
Pearl Schiff
in memory of
mother, Fannie Cohen, cousin of martyred poet Itzik Feffer

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איציק פעפער

לידער
באלאדעס
פּאָעמעס

אויסדערוויילטס

„סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע — 1967

רעדאקטאָר — א ו ר אָ ם ג אָ נ ט א ר

צונויפגעשטעלט —

ר אָ כ ל פ ע פ ע ר־ק א ל י ש

לידער

* * *

ווי זון האָט זיך טונקל געסמאָלעט
מיט ווערבעס בא קאנטן פון וועג,
איז צעוואָרפן א שטעטעלע שפּאָלע
מיט שטיבלעך, מיט מענטשן און טעג.

מײַן טאטן יערושע פארבליבן —
פיר ווענט מיט א שטרויענעם דאך,
ווי אנדערע שטיבלעך א שטיבל,
בא א שטויביקן שליאך.

אין א טאָג, אין א פּראָסטן אָן וווּנדער,
אין א בעט, אָף א ציצענער ציך,
גלײַך מיט אנדערע קינדער
האָט מײַן מאמע געבוירן מיך.

מיר דאכט, איך געדענק נאָך איצטער
מײַן קינדערשן ערשטן געשריי,
מ׳האָט באשטימט, איך זאָל הייסן איציק,
און געפּויעט מיט זיסער טיי.

1924

* * *

וויפל מענטשן דארף מען נאָך א וועג באַוויַיזן,
וויפל בלינדע בלאָנדזשען נאָך ארום,
שטייען שטעט געטאָקט פון שטיין און אײַזן,
און די מענטשן אף די גאסן זײַנען שטום.

וויפל מאמעס, וויפל מאמעס קלאָגן,
ליגט בא יעדן ראָג א נאקעט קינד,
ליגן נאקעטע פארפרוירענע בא ראָגן,
און די מענטשן אף די גאסן זײַנען בלינד.

שטייען שטעט געטאָקט פון שטיין און אײַזן,
און די מענטשן אף די גאסן זײַנען שטום,
וויפל מענטשן דארף מען נאָך א וועג באַוויַיזן,
וויפל בלינדע בלאָנדזשען נאָך ארום...

1924

* * *

האנט צו האנט און פלייצע צו פלייצע,
פוס צו פוס און שינעל צו שינעל, —
אונדזער ערד איז א פרישע און ווייצענע,
אונדזער הימל איז רויכיק און העל.

באהאלטן די קעפּ אין די אקסלען,
בא אלעמען דרעמלען די פּיס.
אף פעלדער, מיט מענטשן באוואקסענע,
ליג איך און שיס.

מ׳וועט ברענגען ברויט, וועט מען עסן,
ניט ברענגען — עסן מיר ניט.
מיר האָבן שוין שלאָפן פארגעסן,
מיר האָבן פארגעסן זײַן מיד.

אונדזער ערד איז א פרישע און ווייצענע,
אונדזער הימל איז רויכיק און העל,
האנט צו האנט און פלייצע צו פלייצע,
פוס צו פוס און שינעל צו שינעל.

1924

אין וועג

צווישן היים און וועג — בין איך,
צווישן מיר און וועג — מײַן פערד,
און די פיס זײַנען גרינג און גיך,
און גרייט איז מײַן זאק און שווערד.

איז דען א וווּנדער, וואָס איך יאָג גלײַך,
און מײַן לײַב איז פעסט און שלאנק,
איך האָב פארלוירן אזא גרויסן שליאך,
און ס'טוט מיר נית באנק.

אלע טאָג און אנדער היים,
און ס'איז ווארעם און גוט און ליב, —
נעכטן — איך סטעפּ אף א שטיין,
הײַנט — אין א פויערשער שטוב.

צווישן היים און וועג — בין איך,
צווישן מיר און וועג — מײַן פערד,
און די פיס זײַנען גרינג און גיך,
און גרייט איז מײַן זאק און שווערד.

1924

* * *

שווימט ארום אין ווייצן זאטער זומער,
גייט די זון זיך ווארעמען אף דער ערד —
ביסט אזא מין צארטע אין מײַן צימער,
ביסט אזא מין צארטע אפן פערד.

יאָג איך אום און קאָן דיך ניט געפינען,
שלעפט שוין קוים מײַן פערד די מידע פיס;
אלע גערטנער וואקסן שוין און גרינען,
נאָר מײַן גאָרטןווארט אף מיר אומזיסט.

וועלן קומען ווארעמע פארנאכטן,
שטיל זיך לייגן ערגעץ בא א שוועל —
וועל איך, זיצן דאָ אין פעלד און ווארטן
אף דײַן לאנגן, אף דײַן טונקעלן שינעל.

זע איך טויטע נאָר, פארלאָרענע אף וועגן,
זע איך טריט ערשט נעכטיקע אין פעלד,
און א שטילער זומערדיקער רעגן
טרויערט ערגעץ קלינגענדיק אין פעלד.

1924

נאקעטע טעג

אין אזוינע צעשויבערטע,
נאקעטע טעג
קאָן איך דען וועלן דאָס, וואָס מע מעג?
כ'וואַרט אַלע נאַכט אַף דיר
שטיל בא מײַן טיר,
קומסטו נאָר איין מאָל אין כוידעש צו מיר...

קומסטו א מידע פון ערגעץ א ווײַט,
אויגן פאַרגעסענע,
היטל אַף זײַט,

העגער באַגלייטן פאַרשלאָפן די נאַכט,
שטויבן באַגלייטן פאַרשלאָפן דײַן גאַנג;
כ'וואַרט אַלע נאַכט אַף דיר,
שטיל בא מײַן טיר,
קומסטו נאָר איין מאָל אין כוידעש צו מיר...

קומסטו א וואַרעמע ערגעץ פון וועג,
קאָן איך דען וועלן נאָר דאָס, וואָס מע מעג?

1924

* * *

זיי ווארטן צעוואָרפן אַף שניי
מיט ביקסן אין הענט,
באַוואַקסן מיט אומעט און קויט —
מיר פאָרן, מיר פאָרן צו זיי,
מיר פירן זיי קוילן און ברויט.

ס'שיט, און ס'שיט, און ס'שיט,
און צוג האָט פאַרלאָרן דעם וועג
און שטייט;
מיר שטייען שוין עטלעכע טעג,
און שאַרן און שאַרן דעם שניי;
ווער ווייסט, אַז מיר זײַנען אין וועג,
אַז מיר בלאָנדזשען שוין עטלעכע טעג,
אַז מיר פאָרן און פאָרן צו זיי.

אַף פאַרלאָשענע ווערסטן פון נאַכט,
בײַ פאַרלוירענע רעלסן אין ווײַט
עמעץ גייט
מיט פאַרדרימלטע טריט,
און ס'שנייט,

און ס׳ווייט,
און ס׳שיט, און ס׳שיט, און ס׳שיט...
ווער זשע גייט,
וואָס זשע ברענט,
ווער זשע שאַרט אין דער פֿינצטער דעם שניי?
מיר פאָרן, מיר פאָרן צו זיי!

1924

פארגעסענע אויגן

ר. קאליש

ניט קיין הימל, קיין זון, ניט קיין ווײַט
האָט מײַן טראָט אַף די וועגן געצויגן,
נאָר דײַן היטל, דײַן גראָזוס אַף דער זײַט,
און די גראָווע פארגעסענע אויגן.

...געבלאָנדזשעט, געזוכט און געזוכט,
ביז טאָג איז א ווילדער אנטלאָפן,
און אָוונט האָט זילבערנע ליכט
געצונדן אַף פעלדער פון צאָפן...

געיאָגט און געוויכערט מיט וועג,
מיט שטויב פון צעוואַלגערטע יאָרן,
נאָר אין רויך פון צעשאָסענע טעג
דײַן פארגעסענעם בליק ניט פארלאָרן.

ניט קיין הימל, קיין ווינט, ניט קיין פעלד
האָט מײַן טראָט אַף די וועגן געצויגן,
נאָר דײַן לאנגער, דײַן גראָווער שינעל
און די גראָווע פארגעסענע אויגן...

1924

* * *

מעג איך דען, קאָן איך דען שווײַגן?
און ביז ווען קאָן מען שווײַגן, ביז ווען? —
נאַקעטע האַרבסטיקע צווײַגן
פֿאַרבראָכן אין פֿענצטער די הענט.

מעג איך מײַן צימער פֿאַרשפּאַרן,
ווען עמעצער שטייט נאָך און וואַרט?
שטערן, ווי זילבערנע באַרן,
פֿאַלן אין קויש פֿון דער נאַכט.

קאָן מען דען, קאָן מען דען בלײַבן
אין שטענדיקן צימער אַליין
און הערן, ווי אָוונטן טרײַבן
פֿון האַרבסט אַ פֿאַרלאָזטן געוויין?

ווי קאָן מען, ווי קאָן מען ניט גייען,
ווען עמעצער שטייט נאָך און וואַרט,
און לויטערע ווינטן צעווייען
זילבערנע שטערן פֿון האַרבסט?

1924

1*

* * *

איך גיב זיך אָפּ אומזיסט דער וועלט,
דעם ווילדן יאָג פון העלע „שוינען".
צו זײַן א פונק נאָר דאָרט, וווּ ס'העלט, —
וועט לוינען.

איך בין געווען א נאכט, א גרויסע נאכט
אף וועג פון קיינמאָלדיקן טאָגן, —
ווי גוט איז איצט א פונק אין הארץ
כאָטש טראָגן.

און גרינגער איז דער ווייטער מײַנער
אף קרומע הונגעריקע אקסלען.
אין הארץ שטײַגט אוף די לעצטע טײַנע:
וואקסן!

1924

יאטן

די יאטן געשענקט

איןָ טעג אזוינע הייסע,
אין טעג פון פראָסטן ווונדער,
אין יעדן שפּאן
אף אונדזער גרויסער ערד,
נאָר מיר,
נאָר אונדז,
נאָר באָרוועס-גרויע קינדער
דאָס נעכטיקע צעשיסן
איז באשערט.

1–2405

* * *

דאָרט באַם גרענעץ, דאָרט באַם פעלד
שטייען יאַטן אויסגעשטעלט.

קיינמאָל דאָרשטיק, קיינמאָל מיד,
שטייען יאַטן און מע היט.

דאָרט באַם גרענעץ יאָגן פערד
גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט.

ווער א יאַט איז — דאַרף זײַן גרייט
אי פאַר טרויער, אי פאַר פרייד.

ביקס אַף פּלייצע, שווערד אין הענט,
אויגן שטענדיק ווײַט געווענדט.

קיינמאָל דאָרשטיק, קיינמאָל מיד,
שטייען יאַטן און מע היט.

* * *

שווער איז איצטער אונדזער צײַט,
ביקס אַף פּלייצע, ביקס בא זײַט.

ציטערט בלוט אין הייסן לײַב:
— „אָדער שטיי דאָ, אָדער בלײַב!“

דאָרט באַם גרענעץ, דאָרט באַם פעלד
שטייען יאַטן אויסגעשטעלט.

קיינמאָל דאָרשטיק, קיינמאָל מיד,
שטייען יאַטן און מע היט.

* * *

שטייט א צוג. וואגאָנען און וואגאָנען.
באַם אַרײַנגאַנג ליגט א מידע נאַכט.
כעוורע. מיידלעך. רייען. פּאָנעץ.
קאָמיוגיסטן פאָרן אַפן שלאַכט.

קומט מען. שטייט מען. ביז מע וועט באגלייטן
אַף די פראָנטן כעוורע פון קאָמיוג;
נאָכדעם וועט אין סטעפּ אין קאַלטן און פארשנייטן
יאָגן ערגעץ ווײַט א שווארצער צוג.

גוט איז דאָרט, וווּ ס׳ביטאָ קיין שוועלן,
גוט און פרײַ איז נאָר אין ווײַסן סטעפּ.
קאָמיוגיסטן, ביקסן און שינעלן
מיט בודיאָניס היטלען אַף די קעפּ.

לויפט א צוג. וואגאָנען נאָך וואגאָנען.
נאָכן צוג לויפט נאָך א מידע נאַכט.
שרײַען יאַטן. זינגען יאַטן. ווייען פאָנען.
קאָמיוגיסטן פאָרן אַפן שלאַכט.

* * *

איבער שטעט און דערפער גייען שווארצע וואָלקנס,
פאָרן אף די פראָנטן בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס.

א ציגאר אין ליפּן, אף דער זייַט דאָס היטל —
בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס פון דערפל און פון שטעטל.

פון דערפל און פון שטעטל, פון באקעט און פון כורוועס.
בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס — הונגעריק און באָרוועס.

פון אלע זייַטן שפּארן ווראנגעל און פּעטליורע, —
זייַנען קאָמסאָמאָלקעס אפן פראָנט געפאָרן.

ווארעם זייַנען הערצער, ווארעם זייַנען אויגן.
זייַנען קאָמסאָמאָלקעס אפן פראָנט געפלויגן.

וואָס א טאָג איז שווערער, וואָס א טאָג איז ליבער, —
ליגן אויסגעוואָרפן יאטן איבער גריבער.

ליגן אויסגעוואָרפן יאטן, קאָמסאָמאָלקעס.
ערגעץ גייען פאָלקן, ערגעץ שיסן פאָלקן.

איז א יאט געפאלן, ליגט א יאט אין ווונדן,
מיט א ווײַסן פארטעך ווונדן צוגעבונדן.

אפן פראָנט געגאנגען, פונעם פראָנט געקומען,
וויפל יאטן הייסע, וויפל ליבע נעמען...

איבער שטעט און דערפער שווימען ניט קיין וואָלקנס, —
פאָרן פון די פראָנטן בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס.

1925

* * *

אפן לײַוונט פון אָוונט
מאָלן קלאַנגען בלויע הענט,
אין דעם שטילן זומער־צימער
האָבן קלאַנגען זיך צעברענט.

אין דער נאַכט האָבן די קלאַנגען
זיך צעשאָטן — טיף און ברייט,
און דאָס שווײַגעניש פון שטילקײַט
מיט א קלינגעניש פארוויט.

האָט דער צימער זיך צעזונגען
אין דער טונקלקײַט פון ווענט,
אפן לײַוונט פונעם אָוונט
מאָלן קלאַנגען בלויע הענט...

1920

ווילדע כאַלוימעס

כ'האָב זיך אײַנגעהילט אין הימל —
מיט די שטערן זיך פאַרקנעפּלט,
פֿון דער זון געמאַכט א שלייער
און געלאָזט זיך אינעם וועג.
כ'האָב די וועגן אויסגעהימלט,
כ'האָב באַשטערנט יעדעס שטיבל,
כ'האָב מיט זון אַרומגעשנירלט
אַלע שאָען, אַלע טעג...
מענטשן קומען מיר אַנטקעגן
און זיי ווינקען מיט א האַס:
— ר'האָט באַהימלט אַלע וועגן!
— ר'האָט באַלויכטן יעדער גאַס!
כ'האָב געכאַפּט די קאַלטע מענטשן,
זיי געהויבן אין דער ליכט,
זיי געבאָדן אין די שטערן,
נאָר זיי ווילן גאָרניט וויסן,
גאָרניט הערן,
און זיי האָבן זיך צעשפּרונגען,
זיך צעשפּרונגען און אַוועק.

— — — — — — — — — — — —

כ'האָב זיך אײַנגעהילט אין הימל
און געלאָזט זיך אינעם וועג.

1918

* * *

גיט א פענדזל! גיכער! גיכער!
זאוועררוכעס — אף מײַן טאָג.
טאַנצט ארוף א ווײַסער וויכער
אין מײַן שנייִקן בלאָקנאָט!..

אף די דעכער שפּרינגען ווינטן,
ברעכן ווינטן זיך אף מיר;
פונעם הויכן בלויען טינטער
כליופּען קלאנגען אָן א שיר...

קומט אהערצו גיכער, גיכער,
הימלען, זונען, לענג און ברייט!
זעט, ווי ס׳ווערט דער ווײַסער וויכער
איבער שורעלעך צעווייט!

מײַנע ווערטער לייענט דער שטורעם,
מײַנע לידער לייענט דער שליאַך;
וועמעס הערצער זײַנען אָרעם?
מײַנע הערצער זײַנען רײַך!

אין די קעשענעס פון וועגן,
אויף די לײַלעכער פון שניי
האָט צעכליופּעט זיך אַ רעגן
פון מײַן זוניקן געשריי!

1921

* * *

ווינטער, ווײַסקײַט, ווײַטע וועגן.
וואָס וועט מאָנען הײַנט מײַן שפּאַן?
וועמען קאָן מען עפּעס פֿרעגן
אויף שנייִקן עקראַן?

וואָס וועט הײַנט מײַן גאַנג באַווײַזן,
דער פֿאַרוואָלגערטער פֿון וועג,
אין דער פֿינצטערניש פֿון ווײַסן,
אין דעם שטילן שנייען־ברעג?

ווינטער, ווײַסקײַט, שליאַך און הימל
שאַרכן שטילע, שניי אין פֿעלד,
כ׳וועל דערמונטערן דעם דרימל,
כ׳וועל דערוואַרעמען די קעלט.

1921

* * *

האָפשטיינען

...און בין איך אפן בארג,
מיט פעלדז, מיט זון, מיט מאָך,
נאָר עפּעס איז מיר קארג,
און עפּעס וויל איך נאָך.

איך וויל נאָך זײַן אף טײַ
בא וואָלקנס און בא זון,
פארבײַטן יאָרן־ווײַ
אף טעצעלעך פון רו.

און האָב איך אפן בארג
צעווייט מײַן שטומען בראָך,
נאָר עפּעס איז מיר קארג,
און עפּעס וויל איך נאָך!

1922

לידער אף פּלויטן

אוי, איר, ווײַטע, פאַרכאַלעמטע ברידער
אין צעריסענע רעקלעך און שיך,
איך האָב אף פּלויטן געשריבן מײַנע לידער
וועגן זיך און אזוינע, ווי איך.

איבער בלייזקער ברייט פון אוקראַינע
האָט געטאָטעמט מײַן ראשיקער גאַנג,
זײַנען לידער איצט מער שוין ניט מײַנע,
אַלע זינגען מײַן פּראָסטן געזאַנג.

אַלע, אַלע, וואָס קאָנען זיך פרייען
אין שווערע און רויִקע טעג,
אַלע זינגען, איך האָב זיי געזעען
אין סטעפּעס, אין וועלדער, אין וועג.

זינגט זשע, ווײַטע, פאַרכאַלעמטע ברידער
אין צעריסענע רעקלעך און שיך,
מײַנע גרויע פאַרויכערטע לידער
וועגן זיך און אזוינע, ווי איך.

1925

* * *

סיביר,
אוראל,
קאלוגע און טריפּאָליע,
מיט הייסן בלוט אין הייסן לײַב צעבליט —
כ׳בין אומעטום
א הייסער קאָמסאָמאָליעץ
מיט יונגע
זיגעוודיקע טריט.

אין פעלד, אין דאָרף, אין רויכן און אין שאכטן,
ווו יעדער שאָ איז גרייט פאר נײַעם גליק —
דער הייסטער מיט דער שווערד אין יונגע שלאכטן,
דער הייסטער
מיטן האמער אין פאבריק.

אין טעג אזויגע יונגע,
אין טעג פון פראָסטן וווּנדער,
אין יעדער שפּאן אף אונדזער גרויסער ערד —
נאָר מיר, נאָר אונדז, נאָר באָרוועס־גרויע קינדער
דאָס נעכטיקע
צעשיסן איז באשערט.

סיביר,
אוראַל,
קאַלוגע און טריפאָליע,
מיט הייסן בלוט אין הייסן לײַב צעבליט —
כ׳בין אומעטום אַ הייסער קאָמסאָמאָליעץ
מיט יונגע זינגענדיקע טריט.

1924

א ראַדיאָ צו אַלע

מאָסקווע, קרעמל.
א ראַדיאָ צו אַלע...
א שוואַרצע ראַדיאָ אין ווינטערדיקן סטעפּ,
אין אומעטיקע שטעט, אין גרויע דערפער פאַלן
שוואַרצע ווערטער, גרויזאַמע אַף הוילע קעפּ.

באַם פרישן קיווער שטייען מיר, ווי קינדער,
און וועג איז אַזוי ווייַט, און טאָג איז אַזוי שוואַרץ;
ס'איז דאָ אַזויפיל פראָסטער לעבנס ווונדער
אין אונדזער שטאָלענעם און ווייַנענדיקן האַרץ.

מאָסקווע, קרעמל.
א ראַדיאָ פון אַלע...
אַן אַנדער ראַדיאָ, א צווייטע ראַדיאָ פליט:
איליטש איז דאָ מיט אַלע און בייַ אַלע
אין אונדזער הייסן בלוט, אין שטרענגע קאַלטע טריט.

ס'איז דאָ א וואָרט, וואָס וועט א וועג אונדז ווייַזן,
און ס'לעבן מענטשן פראָסטע אָן א צאָל.

ס'איז דאָ א לאַנד פון פעלדער און פון אייַזן —
א לעניןֿ־לאַנד פון קאָרן און פון שטאָל.

מיר זײַנען אַלע דאָ.
צעווײַנטע הערצער וואַכן,
און הייס איז אונדזער בלוט,
און פעסט איז אונדזער לאַנד,
אין דערפער און אין שטעט,
אויף פעלדער און אויף שליאַכן —
מיר זײַנען אומעטום
מיט לעבינס פאַן אין האַנט.

1924

לעם מאָוזאָליי

א שטילער און א פּראָסטער,
א שווײַגיקער איך שטיי
אַף רויטן פּלאַץ פון מאָסקווע,
לעם לענינס מאָוזאָליי.

פון שטעטל אַף אוקראַיִנע,
אין ווינטערדיקער נאַכט,
האָסטו מיט ברידער מײַנע
אהערצו מיך געבראַכט.

איך שטיי בא דײַן צוקאָפּנס,
די אַלטע פאָן איז גרייט,
און ס'טריפן שטילע טראָפּנס
פון טרויער און פון פרייד.

און ביט קיין שאָטנס שוועבן
לעם שווײַגיקן געביין.
דאָ שלאָגט א קוואַל פון לעבן,
דאָ לעבט דער טויט אליין!

1929

אין קלעם

שווארץ זיינען פעלדער באנאכט אונטער קיִעוו,
ווייַט זייַנען הימלען און פינצטער און טיף.

פאלן אין פענצטער פון פינצטערער הויך
רייכעס פון שנייען, פון בלוט און פון רויך.

דאָ זייַנען קעלטער די נעכט אפן שטייך,
דאָ קריצן קעלטער צעשראָקענע צייך.

דאָרט פאלן מענטשן אפן בלוטיקן שניי,
דאָרט ליגן מענטשן אין רויך און אין וויי.

ווייַט זייַנען פעלדער פון טפּיסע באנאכט.
טויערן, שטיינער, א היטער, וואָס וואכט.

נאכט ווערט צעגאנגען אין בלוילעכן טאָג,
מיר הערן פון ווייַטן א פייַף פון א צוג.

מיר הערן פון ווייַטן א ריס נאָך א ריס,
א ווינט האָט געבראכט אונדז א לויטערן גרוס.

ווייַט זייַנען הימלען און פינצטער און טיף,
שווארץ זייַנען פעלדער באנאכט אונטער קיִעוו.

1924—1919

* * *

מ׳האָט מיך געפּאַקט אין א שטיבל אַן אַלטן,
מ׳האָט מיך געפּאַקט און מע האָט מיך פאַרהאַלטן.

ווערטער צעשיטן זיך פרעמדע און וויסטע:
פונוואַנען, וואָס טוסטו, וואָס דאַרפסטו, ווער ביסטו?

וווּהין וועט די שיקערע נאַכט מיך פאַרפירן?
— א פּאַספּאָרט? א ביכל? ניטאָ קיין פּאַפּירן.

איך זוך, און איך מיש, און פאַרמיש, און זוך ווידער,
אין טאַש ליגן ביכלעך מיט יידישע לידער.

די ביכלעך געפּאַקט און צעפליקט, און צעריסן:
— אַזוינע טשעקיסטן, ווי דו, דאַרף מען שיסן.

אָט וואַרפט ער זיין בליק אף צעשראָקענע שכיינים:
— מיר וועלן אייך אַלע צעשיסן ביז איינעם!

און דאָרט אין דער הייך, בא דעם דאַך, אין די שפּאַלטן
ליגט מיין נאַגאַן מיט מיין פּאַספּאָרט באַהאַלטן.

זיי זיינען ווי שטילע יעסוימים פאַרבליבן,
און מיך האָבן דריי אָפיצערן געטריבן.

1924—1919

* * *

אין שטיינערנעם מויער זײַנען שטרענגער
די הארטע מעסלעסן,
ליגן מענטשן פון מענטשן פארלאָזט
און פון גאסן פארגעסן.

נעכט צעהענגען לײַלעכער שווארצע בא אײַזערנע שטײַגן,
לייגן זיך מענטשן אף ברעטלעך און ליגן און שווײַגן.

נעכט פארוויקען די אײַזערנע שטײַגן מיט פראָסטיקע שטערן,
לייגן זיך מענטשן אף ברעטלעך און ליגן און הערן:

דאָרט אין דער שטאָט גייען מענטשן ארום
און מ׳פרייט זיך,
דאָ גייט א נאכט און א מענטש מיט א ביקס
אף דער פלייצע.

ליגן מענטשן מיט אָפענע אויגן און דרעמלען און שווײַגן,
און הערן דאָס שווײַגן פון ווענט און פון נאכט
און פון אײַזערנע שטײַגן.

טיף אין דער נאכט וועלן טופען אָפּצאסן
   און סקריפּען די טירן, —
מ׳עט קומען און נעמען א מענטשן און ערגעץ אים פירן.

דערנאָך וועט א שאָס א געשריי טאָן,
   און ווידער וועט שווייַגן
די אייַזערנע נאכט אין די אייַזערנע שטייַגן.

וועט ליגן אין הויף פון דער טפיסע א לייַב א פארגעסנס.
אין שטיינערנעם מויער זייַנען שטרענגער די הארטע
מעסלעסן.

1919—1924

* * *

בעט זיך א געלעגער
אף די ווענט דער טרויער,
וואלגערט זיך אף שטיינער
פינצטערער מעסלעס,
סקריפען ערגעץ וועגענער
אף פארלאָזטע וועגן,
ליגט די זון באם טויער
ווי א פרישער מעס.

רייסן זיך די אויגן
אף די פוסטע גאסן,
כאָטש איין מאָל א מעסט טאָן
אָט דאָס לעצטע גראָז,
נאָר מיין בוך פארשלאָסן
אין א שווארצן קאסטן,
און די טיר פארהאנגען
מיט א שווערן שלאָס.

1924—1919

* * *

פון יענער זײַט טפּיסע
לויפֿן צעשראָקענע װעגן,
לעם פּענצטערלעך
ציטערט אַ שטילער פֿאַרכאָלעמטער רעגן.

מיר טרוימען פֿון װײַטע
און דולע װאָקזאַלן,
פֿון פֿערדלעך,
װאָס שטייען פֿאַרשלאָפֿן אין איינזאַמע שטאַלן.

פֿון פֿערדלעך,
װאָס זײַנען, װי פֿײַל און װי בויגן,
אף פֿעלדער אף גרויע, אף װײַטע, אף דולע
געפֿלויגן.

די זון איז דאָ קאַלט אף די װענט מיט פֿאַרזשאַווערטע פּאַסן,
סע גלוסט זיך אַ פֿלי טון,
אַ ריס טון,
אװעק
איבער גאַסן.

לויפן פון יענער זײַט טפיסע
צעשראָקענע װעגן,
דרעמלט לעם פענצטערלעך שטיל
א פארכאָלעמטער רעגן.

1924—1919

* * *

סע ברענט דער וואַלד, אַף פעלדער ברענען בריקן,
מיט טויטע און מיט שנײ פאַרזײט דער װײַסער װעג;
פון ווײַטן גײט מאַכנאָ, און װײַטער גײט דעניקין,
און מיר איז דאָ באַשערט צעבײַטן מײַנע טעג.

וווּ ביסטו הײַנט, מײַן פערד מיט אומעטיקע אויגן?
איך האָב אין שלאָף געזוכט — געזען און ניט דערקענט,
מיר זײַנען איבער פעלד און איבער סטעפּ געפלויגן,
און הײַנט איז מיר באַשערט דאָ וויינען אין די ווענט.

און הײַנט איז מיר באַשערט דאָ מײַנע טריט צעזייען,
און ברודיק איז מײַן קאָפּ, און לײַזיק איז מײַן העמד,
און ברידער לויפן אום מיט פאָלקן און אַרמייען,
און דו ביסט ערגעץ ווײַט מיט פרעמדע אין דער פרעמד.

1919—1924

* * *

מיר שלאָפן ניט באנאכט, מיר ליגן שטיל און הערן, —
פונוואנען קלינגען רייד, נאָך וועמען טופען טריט?
א גאנצע נאכט האָט עמעץ קאלטע שטערן
אין אונדזער קאלטער פינצטערניש געשיט.

ווער ווייסט, צי וועלן מיר ביז מאָרגן זיך דערוואַרטן,
צי עפשער איז שוין היינט געקומען אונדזער ריי.
אוי, ערגעץ ברענען שטעט, ערגעץ הוליען שלאכטן,
און אונדז וועט זון געפינען אפן שניי.

מיר ליגן שטיל מיט צוגעפּרעסטע ליפּן,
מיט שווייגן און מיט נאכט איז פול מיין שווערער קאָפּ;
מיר הערן שווערע טריט אין קאָרידאָרן טופּען,
און רויטע זיינען שוין לעם באכמאטש—קאָנאָטאָפּ.

א גאנצע נאכט האָט מען אין פינצטערניש געשאָסן,
און שוידער האָט געיאָגט אף קאלטע ווענט.
א גאנצע נאכט האָט הויך געראַשט און האָט געגאָסן,
א גאנצע נאכט האָט לייב אין וואַרטעניש געברענט.

1924—1919

* * *

י. נוסינאָוו,
אין אָנדענק פון לוקיאנאָווקע

אף טישל ליגט צעפליקט א ביכל לידער: פושקין;
מיר האָבן עס געלייענט שוין אלע א מאָל זעקס.
אונדזו כאַלעמען זיך אָפּט געלאַטעטע טעפּלושקעס,
מיט ווארעמקייט און קויט, מיט פויערים און זעק.

ס'איז דאָ אזויפיל ווארעמקייט, אזויפיל ליבער טרויער
אין פרעמדע טריט פארגעסענע אף שניי,
א מענטש קומט אָן צו אונדזו, א קאלטער און א גרויער,
און ברענגט פון הויף א טאָפּ מיט קאלטער טיי.

פושקין, הערהפער, פויערים, אָניעגין.
צו וואָס האָט ער צעשאָסן לענסקין אפן שניי?
אין הערצער טריפט פון הארבסט א לעצטער רעגן,
מיר זיצן אלע שטיל און זופן קאלטע טיי.

אין די אויגן לויפן שנייִקע טעפּלושקעס.
הימל אף די הערבער. פויערים מיט זעק.
אף טישל ליגט צעפליקט א ביכל לידער: פושקין;
מיר האָבן אים געלייענט שוין אלע א מאָל זעקס.

1925—1919

* * *

גאנצפרי איז גרינג און רעגן טריפט פארשלעפערט,
דער טאָג האָט זיך צעגאָסן אָף די ווענט.
א בריוו. א פעקל. איצקאָ פעפער.
איך האָב איר קסאוו דעם נאָענטן דערקענט.

כ׳צענעם, כ׳צעביינד אין שטילן וואונדער:
א ברויטל, מיט א בלײַשטיפט, מיט א העמד.
מײַן מאמע האָט פארלאָזט דעם טאטן מיט די קינדער,
דעם זון פארלוירענעם געפונען אין דער פרעמד.

נו, וואָס האָב איך געקאָנט מײַן שטילער מאמע זאָגן,
דערציילן וואָס פון טפיסע און פון מיר,
זי וועט דאָרט גאנצע נעכט איר ליבן זון באקלאָגן,
איר בליק וועט גאנצע נעכט זיך רײַסן דורך דער טיר.

באָר נאכט איז שווארץ און שווארצער נאָך איז טפיסע,
און ווײַט איז וועג צו מאמע און צו היים.
פונדאנען וועט מען ווידער פירן אונדז צעשיסן,
און פאלן וועט דער שאָס אָף טפיסעס קאלטן שטיין.

גאַנצפֿרי איז גרינג און רעגן טריפֿט פֿאַרשלעפּערט,
דער טאָג האָט זיך צעגאָסן אַף די ווענט.
אַ בריוו. אַ פּעקל. איצקאָ פּעפּער.
איך האָב איר קסאַוו דעם נאָענטן דערקענט.

1924—1919

* * *

אַף שטיינער פון שווײַגן, פון שווײַגן
האָב איך הײַנט צעקלונגען מײַן גלאָק,
נאָר קאלט, ווי דער אָטעם פון טײַגע,
האָבן שטיינער באגעגנט דעם טאָג.

געענטפערט האָט קיינער, האָט קיינער,
פארשטאָפט האָט די מײַלער די וועלט,
נאָר גלאָק האָט די ווילדע געוויינען
געשאָטן אַף ווערסטן פון עלנט.

איך בין מיט מײַן גלאָק נאָך געשטאנען
מיט שאָען פארשטומטע פון טאָג,
נאָר וועלט האָט דעם רוף ניט פארשטאנען —
די קופערנע ווערטער פון גלאָק.

1924—1919

* * *

שווער איז זען
דאָס שווייַגן פון די שטיינער,
שווער איז זען
א נאכט אף הארטן שטיין.
נאכט,
און איך באַר איינער,
און דער רעגן מיט זייַן נאכטישן געוויין.

שווער איז זען,
ווי טירן שווארצע שווייַגן,
טירן שווארצע, שווארצער פון דער נאכט,
מענטשן שטומע,
מענטשן אין די שטייַגן,
טירן, טויערן
פארשפארט.

מייַנע פענצטער פרישט ניט קיין באגינען;
שאָטנס שטומע
בלאָנדזשען דאָ ארום.
קומען וועלן מענטשן און געפינען
נאכט און נאכט
און שלעסער אומעטום.

1924—1919

* * *

ליגן, ווי יעסוימים, הונגעריקע כורוועס,
פון יעדערן פארגעסן און פארלאָזט.
איך האָב ליב, ווען ווערטער זײַנען באָרוועס,
איך האָב ליב, ווען לידער זײַנען פּראָסט.

צי האָב איך רעכט דאָ זיצן זינגען לידער,
צי האָב איך רעכט צו קלינגען אויף פּאַפּיר?
מיט האק און האמער קלינגען מײַנע ברידער,
און האק און האמער ווארטן שוין אויף מיר.

איך גיי ארום איבער פארטאָגעדיקע פּלעצער,
איך זע דעם ווײ פון אָפּגעבערענטע שטעט,
צי זאָל איך ווידער זײַן א פּראָסטער זעצער,
צי זאָל איך בלײַבן א פּאָעט?

וואָס קאָן איך טאָן מיט אײַך, אָ ליבע כורוועס,
פון יעדערן פארגעסן און פארלאָזט?
איך האָב ליב, ווען ווערטער זײַנען באָרוועס,
איך האָב ליב, ווען לידער זײַנען פּראָסט.

1925

בליִענדיקע מיסטן

* * *

נאָך יאָרן אף פעלדער, אין שטעט הינטער טויערן,
אין א יונגן, א ווארעמען הארבסטיקן טאָג,
אין שטעטל, ווו ס'האָט מיך מייַן מאמע געבוירן,
טראָגט מיך דער צוג.

דאָס שטויביקע שטעטל איז שווער צו פארגעסן,
סע שטייט פאר די אויגן מיט רויכן פארוויט.
איך ווייס, אז די שטויבן אין אלטינקן געסל
האָט פעלדישער שטורעם געיאָגט און געדרייט.

מייַן זיידע פלעגט האנדלען מיט גערשטן און קאָרן,
טונקל און שווער האָט געשלעפט זיך זייַן וועג;
דער שטאָלענער צוג איז אין פעלדער פארלאָרן,
דער וועג איז פארוואשן מיט רויכן פון טעג.

וואָס טוען זיי איצט נאָך, די קרעמערשע ייִדן,
אין ל'וואָניקע שטעטלעך מיט קרעמערשע הענט?
ווער ווייסט, וואָס פון שטעטל איז איצטער פארבליבן,
הייַזלעך ווי פריִ'ר, צי פארסמאליעטע ווענט...

דרייען זיך פעלדער און לויפן, ווי יאָרן,
ערד איז פון אונטן און הימל איז הויך.
דער שטאָלענער צוג איז אין פעלדער פאַרלאָרן,
דער וועג איז באַוואַקסן מיט טעג און מיט רויך.

1925

* * *

איך געדענק אים, דעם שטעטלשן הימל, דעם בלאָוון
(ס'א ליגן, דער הימל איז דאָרט ניט פאַרוויסט),
נאָר ס'קערן נאָך הייבן די העק די קאַצאָווים
און ס'קערן זיך שפּילן נאָך קינדער אין מיסט.

צי לעבן נאָך זאַטע און בײַכיקע ייִדן
מיט קעשענקעס ברייטע און גלאַנציקע שיך,
וואָס טוען דאָרט איצטער די שוסטער און שמידן? —
זיי שרײַבן נאָך ווינציק אין „עמעס" פון זיך.

צי דרעמלען נאָך הײַזלעך אָן טיר און אָן טויער
מיט שטרויענעם ציטער פאַר ווינט און פאַר קעלט?
צי האָבן שוין הײַזלעך דעם נעכטיקן טרויער
אין האַרבסטיקן שטורעם פאַרלוירן אין פעלד?..

איך געדענק זיי, די שטעטלשע שטויביקע פּלעצער.
זיי וועלן דערציילן מיר פרײַנטלעך און גיך,
ווי לעבן דאָרט איצטער די ברידער, די זעצער,
ווי לעבן דאָרט יאַטן, אַזוינע ווי איך?..

1925

* * *

מיר פֿאָרן שוין צו דער סטאַנציע דער לעצטער,
איך געדענק די סטאַנציע פֿון ווײַטע ווײַסע נעכט.
א קויטיקער וואָקזאַל מיט פֿענצטער צוויי צעזעצטע,
באַלעגאָלעס טונקעלע, מידע טונק׳לע פֿערד.

ניט איין מאָל האָבן מיר פֿון דעם וואָקזאַל געשאָסן,
ווען באַנדעס פֿלעגן קומען פֿון דערפֿל לעבעדין.
און אָט איז שוין לעם מיר דער באַלעגאָלע יאָסל,
און אָט איז שוין אַף מיר די קאַרגע, קאַלטע זון.

אָט דאָרטן איז דער יאַר, ווו כ׳פֿלעג זיך אָפֿט באַהאַלטן,
און אָט איז דער בעסוילעם, און אָט איז דער שפּיטאָל.
אָט דאָרט האָט מיך אַמאָל פּעטליורעס שטאַב פֿאַרהאַלטן,
אָט דאָרטן מיך געפֿירט צעביי̆טן אין א טאָל.

די פֿערדלעך לויפֿן גיך, און געסלעך קרומע פֿינקלען,
און אָט איז שוין פֿון טיקאַטש דער דרעמלדיקער ברעג.
ס׳איז יעדער געסל ליב און איז יעדער ווינקל,
און אומעטום האָב איך געלאָזט א ביינטל טעג.

1925

* * *

און אָט איז דער פּלאַץ אין שטעטעלע דער גרעסטער,
און אָט ליגט דער אַלטער פּראַקשנטער מאַרק.
וואָס טוען דאָ מענטשן? מײַן טאַטע? מײַן שוועסטער?
נו, יאָסל, נו, גיכער אַראָפּ פונעם באַרג.

נו, יאָסל, דערצייל מיר, וואָס טוסטו, וואָס מאַכסטו?
ווי לעבן דאָ ייִדן? וואָס הערט זיך בא דיר?
— דאָס ווײַב וועט איינגיכן מיר שענקען דאָס אַכטע,
איך זע אָפּט דעם טאַטן, ער וווינט הײַנט לעם מיר.

א טרײַב און א פּאָר, און די פערדעלעך לויפן,
א שפּרונג איבער בערגל, א שפּרונג איבער גרוב,
אָט פינקלען באַקאַנטע פאַרשלאָפענע הויפן,
און אָט איז מײַן טאַטנס געיאַרשנטע שטוב.

א טרויעריק שטיבל מיט פענצטער צעזעצטע,
געלאַטעט מיט ברעטלעך, געלאַטעט מיט ליים.
לעם שוועל ליגט די זון און דאָס אַלטינקע קעצל,
איך קען זי, איך זע זי, אָט דאָס איז מײַן היים.

1925

* * *

אַט זע איך זיי ווידער, די שוסטערס און באַנדערס,
מיט ברייטע גוטמאַרגנס אין טונקעלע הענט.
איך גיי איבער סיטקעס פון איינעם צום אנדערן,
זיי האָבן מיך אַלע דערקענט.

אַט זע איך זיי ווידער, די שניַידערס און שמידן,
פאַרוויט און פאַרלאָפן מיט שטויב און מיט וועג.
די פּראָסטע, די האַריקע, וואָכיקע ייִדן
מיט האַמערס, מיט שערן, מיט זעגן און העק.

אַט זע איך זיי ווידער, איך גיי זיי אנטקעגן —
אַף יעדערן פאַלט מײַן צופרידענער בליק,
זיי גייען מיר נאָך און זיי פרעגן און פרעגן:
— וואָס טוט זיך אין מאָסקווע? וואָס הערט זיך אין „ציק"?

אַט זע איך זיי ווידער, די שמידן און באַנדערס,
פאַרגרויט און פאַרעלטערט — איך האָב זיי דערקענט.
איך גיי איבער געסלעך פון איינעם צום אנדערן
און דריק זיי די האַריקע, וואָכיקע הענט.

1925

* * *

סטערלינגען, טשערוואָנצעס, רענדלעך —
לופּטיקע ווערטער און לופּטיקע טעג.
ערגעץ לויפט נאָך, ערגעץ פּינעט מענאַכעם־מענדל
אַף זײַן אַלטן שימלדיקן וועג.

זײַנען שאָען קויטיק נאָך און קרעציק.
עפּעס שטיקט נאָך, עפּעס ווארגט נאָך מײַנע טריט.
מענאַכעם־מענדל הוליעט נאָך אַף אַלע פּלעצער
און ער דרייט זיך, און ער פרייט זיך, און ער פליט.

אומעטום אין אַלע שטעט און לענדער
וואַרטן פּלעצער אַף אַזוינע טעג.
ערגעץ לויפט נאָך, ערגעץ פּינעט מענאַכעם־מענדל
אַף זײַן אַלטן שימלדיקן וועג.

1925

* * *

אונ מײַן שאָכן איז נאָך אלץ א בלעכער,
זײַן א בלעכער, זאָגט מײַן שאָכן, לוינט;
זיצן שטענדיק, שטענדיק אף די דעכער
איז מײַן אלטער שאָכן שוין געוווינט.

הערט מײַן שאָכן דונערן און בליצן,
זאָגט ער: בלעכערס קלינגען אפן הויכן שליאך;
איז מײַן שאָכן גרינגער נאָך צו זיצן,
גרינגער נאָך צו פארבן אלטן דאך.

טוט א פארב די הייך א רעגנבויגן,
טוט א פארב א רעגן גרויען שליאך,
גרויע טראָפּנס, ווי זײַן טאָכטערס אויגן,
זעט מײַן שאָכן פלוצלינג אפן דאך.

איז מײַן שאָכן וויפל יאָר א בלעכער,
זײַן א בלעכער, זאָגט מײַן שאָכן, לוינט;
זיצן שטענדיק, שטענדיק אף די דעכער
איז מײַן אלטער שאָכן שוין געוווינט.

1925

דאָרט, וווּ גראָזן זײַנען נאַסער

דאָרט, וווּ גראָזן זײַנען נאַסער,
שטייט אַ קרענעצע פֿאַרטראַכט.
קומען מיידלעך ציִען וואַסער
מיט די עמער אַלע נאַכט.

אונטער זון, ווי ווײַסע בערן,
וואַקסן טעג אין גרויסן סאָד.
און אין ווײַטקייט פֿון די שטערן
טאַנצן יאַטן אין אַ ראָד.

פֿון די סטעפּעס ווינטלעך בלאָזן
און אַ פֿײַערל דערברענט,
גייען מיידלעך אויף די גראָזן
מיט די עמער אין די הענט.

ווערט לעוואָנע בלאַס און בלאַסער,
ערגעץ פֿויקט מען אין דער נאַכט.
דאָרט, וווּ גראָזן זײַנען נאַסער,
שטייט אַ קרענעצע פֿאַרטראַכט.

1928—1926

* * *

מיט קאַרענער זאטקייט אָטעמט דער סטעפּ,
אָטעמט מיט ווייצענעם ווונדער.
איך זיץ אין מײַן קליינינקן צימער און שטעפּ
העמדעלעך צוויי פאַר די קינדער.

דער טאָג איז אוועק מיט זײַן לויטערער היץ,
אוועק אין דער ווײַטקייט פון זומער,
העמדעלעך פּראָסטע פון רויטינקן ציץ
שטעפּ איך אין קליינינקן צימער.

דער טאַטע וועט קומען פון פעלדער הײַנט שפּעט.
ניטאָ איצט קיין צײַטן אף דרימלען.
דו הערסט, ווי סע רוישן אין ווײַטקייט די שטעט,
ווי ס׳קלינגען די קאַרענע הימלען?

פון יענער זײַט פענצטער כאָלעמט דער סטעפּ,
כאָלעמט מיט וואָכיקן ווונדער.
זיץ איך אין קליינינקן צימער און שטעפּ
העמדעלעך צוויי פאַר די קינדער.

1928—1926

* * *

טוט א זון א ווארעם,
טוט א ווינט א בלאָז,
הוידעט זיך אף פעלדער בליענדיקער קאָרן;
אפן הויכן בארג און אפן גרינעם גראָז
שאלט א ווײַטער האָרן.

טוט א יאָג די סטאדע,
טוט א פײַף די ווײַט,
שיטן זיך די קלאנגען אפן זאטן קאָרן,
פליען יונגע שעפעלעך פונעם בארג פארשײַט,
שאלט א ווײַטער האָרן.

טוט א פערד א הירזשע אף דער גאנצער ברייט,
פאלט די זון פארשיקערט אפן רײַפן קאָרן.
קערט זיך אום די סטאדע, ווען די זון פארגייט,
שאלט א ווײַטער האָרן.

1928—1926

* * *

שמעקט מיט פארנאכט דער ארום,
ברויטן פארכאָלעמטע לויפן,
טשערעדעס קערן זיך אום
אין היימישע הויפן.

א רעגן צעזינגט זיך און פאַלט
און לייגט זיך אף שטויביקע גראָזן.
פונוויַיטן, פון שמייכלענדן וואלד
ווינטעלעך היימישע בלאָזן.

אין לייענשטיבל זינגט מען שוין לאנג,
א ראַדיאָ שריַיט אינעם קוימען;
שיט זיך דאָס פרישע געזאנג
אף פעלדער, ווי זאפטיקע זוימען.

דער הימל איז ווארעם און שטום,
שטערן, ווי ווייצן זיך שיטן;
שמעקט מיט פארנאכט דער ארום,
מיט ברויטיקע פרישע מינוטן.

1926—1928

זילבערנע טריט

כ׳האָב ליב זיי, די זילבערנע טריט,
די ווערטער די פעסטע און קלאָרע,
טיטשינע, טשומאַק און סאָסיורע, —
די נײַע אוקראַיִנישע ליד.

כ׳האָב ליב די צעשאָטענע פרייד,
די ביטערע שורעס דערקענען
פון פרישע געזאַנגען, וואָס זענען
בא מיר און בא אַלע צעזייט.

מיר ליבן דעם אייגענעם ווינט,
מיר ליבן דעם אייגענעם אָוונט;
איין שטאָלענער וועג איז אונדז באַוואָגט,
איין ביטערער פאָדעם אונדז בינדט.

דערפאַר ווער איך קיינמאָל ניט מיד
פון ווערטער פון פעסטע און קלאָרע,
טיטשינע, טשומאַק און סאָסיורע, —
די נײַע אוקראַיִנישע ליד.

1926

מיר איז לאַנג שוין נימעס

מיר איז לאַנג שוין נימעס הערן
זייער סקריפּ פון לעוואָנעס און פון נאַכט;
טויזנט יאָר האָט מען באַזונגען שטערן
און ס׳האָט קיינעם, קיינעם ניט געאַרט.

און ס׳איז יעדערן געווען געפעלן,
און ס׳האָט יעדערער געשטערנט אין זײַן ליד;
גאָרניט לאַנג, אַז איך באַזינג שינעלן,
זײַנען דיכטער שוין געוואָרן מיד.

קלאָגט מען זיך: ס׳איז איבעריק און נימעס —
פעלדער און שינעלן אָן אַ צאָל,
און מיט מידע, הייזעריקע שטימעס
זינגט מען ווידער ווי אַמאָל.

מיר איז לאַנג שוין נימעס הערן
זייער סקריפּ פון לעוואָנעס און פון נאַכט;
טויזנט יאָר האָט מען באַזונגען שטערן
און ס׳האָט קיינעם, קיינעם ניט געאַרט.

1926

* * *

זיי גייען ארום ווי פֿארבלאָנדזשעטע,
מיט שטילע, פֿארלאָשענע טריט
און קוקן אף פֿלייצעס אף בראָנזענע
צעשראָקן, פֿארוווּנדערט און מיד.

איך גיי ניט ארום קיין פֿארוווּנדערטער,
ווײַל אלץ איז מיר קלאָר און באקענט,
איך פֿאָדער אין נאָמען פֿון הונדערטער:
ווייִנט ניט און ברעכט ניט די הענט!

און אלץ, וואָס סע קומט מיר אקעגן אָן,
שרײַ איך: דעם פּלאָנטער פֿארלאָזט! —
א קלאָרקײַט אף אלץ זאָל דאָ רעגענען,
אויב פּראָסטקײַט איז צו פֿאר אײַך פּראָסט!

1925—1928

ווען ווײַסער פראָסט

ווען ווײַסער פראָסט האָט ריטשקעלעך געזויגן
און ווײַסער שניי האָט צוגעדעקט דאָס פעלד,
מײַן טאַטער האָט מיט אירע בלויע אויגן
דעם ערשטן קוק געטאָן אף אונדזער וועלט...

כ׳האָב זיך געשטיקט פון ייִנגלשן געלעכטער,
ווען ס׳האָט א קלונג געטאָן מײַן טאָכטערס קאָל...
וואָס וויסן זיי, די קינדערלעך, די טעכטער?
זיי וויינען באַך, ווי מ׳האָט געוויינט אמאָל!

אף גאסן שפאנען זינגענדיקע יונגען,
דער טאָג — אין זון, די גאס — צעהעלט,
קיינער האָט אין געסל מײַנעם ניט געזונגען,
ווען כ׳האָב דעם ערשטן קוק געטאָן אף אונדזער וועלט!

1926

ס׳איז דאָ א ליד

ס׳איז דאָ א ליד, זי איז נאָך ניט געבאָרן,
זי שטראָמט אין אונדז,
ווי ריטשקעס שטראָמען אין א טאָל;
די שאָ די הײַנטיקע איז ניט ווי פאַראיאָרן,
די ליד די הײַנטיקע איז אויך ניט ווי אמאָל.

מײַן הארץ איז פול מיט קלאָרקײַט און מיט הימנען;
איך ווייס:
אז קלאָרקײַט איז פון קינדהײַט מיר באַשערט,
ווײַל אלץ, וואָס נעכטן איז געהאנגען אפן הימל,
איז הײַנט צעשלײַדערט שיקער אף דער ערד.

דערפאר איז גרינג אף מײַנע שליאכן שפאנען
און ווארטן אף דער קומענדיקער שאָ.
נאָר
וויפל דיכטער זײַנען שוין פאראנען
און קיין לידער זײַנען נאָך ניטאָ.

ס׳איז שאָטן דאָ אין אלע קלאָרסטע קלאָרן,
און צארטקײַט איז פאראן אין טיף פון הארטסטן שטאָל;
ס׳איז דאָ א ליד,
זי איז נאָך ניט געבאָרן,
זי שטראָמט אין אונדז, ווי ריטשקעס שטראָמען אין א טאָל.

1928—1923

זאָלסט מיך ניט פארלאָזן

אינעם וואלד דעם הויכן,
אפן שמאָלן שיידוועג
האָב איך דיך באגעגנט
רייצנדיק געקליידעט...

יוגנט מיי̆נע, יוגנט,
האָב איך דיך באגעגנט
שפאנען איבער וועלדער,
זיבגען אף די וועגן...

איבער וועלדער הויכע
הענגען הימלען ליידיק,
האָבן מיר באקאנט זיך
אפן שמאָלן שיידוועג...

האָסטו מיר געהייסן
מיט דיי̆ן פלינקער העלקיי̆ט
אף די אלטסטע שליאכן
קיינמאָל ניט פארוועלקן.

אינעם וואַלד דעם הויכן,
אפֿן שמאָלן שיידוועג
זײַנען מיר געלאָפֿן,
יוגנט מײַנע, יוגנט.

טעג אוועק מיט וואָכן,
כוידעש גייט נאָך כוידעש,
האָבן זיך די צווײַגן
איבער אונדז געהוידעט.

הילכן ווײַטע וואָכן,
אומרוּיִקע וואָכן,
האָבן זיך די צווײַגן
איבער אונדז געבראָכן.

האָבן זיך געררייכערט
איבער אונדז די יאָרן,
לויפֿן מיר נאָך ביידע
אומרוּיִקע, קלאָרע...

אין די הייסטע שלאַכטן,
אין די קאַלטסטע צוגן
האָסט מיך ניט פֿאַרלאָזן,
יוגנט מײַנע, יוגנט...

ס'איז דער וועג צעשניטן:
פֿינצטערקײַט און שײַטערס...
יוגנט מײַנע, יוגנט,
לאָמיר לויפֿן ווײַטער!

יעדער קער — אַן אויפרייס,
יעדער שפּאַן — אַ לאָזונג,
יוגנט מײַנע, יוגנט,
זאָלסט מיך ניט פֿאַרלאָזן!

1930

באם יאם

ווען
זון איז הויך און ווײַט
און פראָסט באַשיט די גאַס
מיט ווינטעלעך פון קאַלטקײַט,
ווען
ווינטער וואַרפט מיט ווײַסן יונגן זײַד
אויף פעלדער ווײַטע, אַלטע, —
דערמאָן איך זיך אין קרים,
אין יאַם,
אין אַ באַגעגעניש
לעם יאַלטע.

ווען ס'ווערט באַדעקט די ערד
מיט לויטערקײַט און שנייען,
דערמאָנט זיך מיר דיוּלבער.
די לויטערע אַלייען,
די ווענט
ווי שנייען.
כ'געדענק:
אַרום אין גרינס, אין העלן גרינס די ערד,
אַרום איז פּליאַזש און זון און בערג,

און לײַבער װערן פֿול מיט שײַן,
און לײַבער װערן שטאַרק װי װײַן...
...אין לײַבער ליגט די קעלט פֿון די אָקאָפּן,
און ס׳קילן קוילן סוינישע צעזייט —
איצט ליגט די זון בײַ זיי צוקאָפּנס
און כוואַליעס טאַנצן אַרום זיי.
כ׳געדענק,
נאָך טעג אין בלוט, אין רויך, אין פֿלאַם
געקומען זײַנען מיר צום יאַם

פֿון ווײַטן פֿײַקלענדיקן שליאַך
די קראַנקע לונגען היילן,
און כוואַליעס זאָלן מײַסעס גרויזאַמע דערציילן...
מע זאָגט, אַז דיכטער ווייסן זייער שפּראַך,
סע רוישט דער יאַם —
מע זאָגט — ער וויינט, מע זאָגט — ער לאַכט,
דאָס האָבן דיכטער אויסגעטראַכט...

געהערט האָב איך אַ ווערטעלע אַן אַלטס
אַמאָל באַנאַכט אויף גרויע באַריקאַדעס,
געהערט — לעוואָנעס ווייסן אַלץ
און זונען ווייסן דאָך אַוואַדע...

דאָס האָט מען אויבעט אויסגעקלערט
אין טיפֿע ווינטערדיקע נעכט.

די ווײַט איז הויל,
די זון איז פֿויל,
זי ליגט אין גראָז,
זי וואַלגערט זיך אין בלומען,

זי ווייסט אפילו ניט,
פונוואנען זייַנען מיר געקומען...

די לופט איז ריין, ווי גלאָז,
דער הימל הוידעט זיך אף הויכע קיפּאַריסן,
און ס׳ליגט דער טאָג מיט הויכער זון אין גראָז
אף שטיקלעך טויזנטער צעריסן...
ווי יונגע הירשן
יאָגן כוואַליעס צו דעם ברעג געשווינד
בא פענצטער פון דיולבער, ווו ס׳פלעגן שטייען פירשטן, —
שטייען מיר אצינד.

כ׳האָב זיך געשעמט,
וואָס לידער מייַנע קליינגען אזוי שטיל,
וואָס לידער מייַנע הודען ניט ווי יענע יאָרן,
און ס׳האָט מייַן בליק זיך שעמעוודיק פאַרלאָרן
אין קיל פון ליכטיקע אלייען...
כ׳האָב זיך געשעמט:
איך האָב דעם יאַם
צום ערשטן מאָל
געזען...

א ביכעלע א דינס...
מיט לידער קורצינקע און שטילינקע אזוינע...
א ביכעלע אזא איז אויכעט א געווינס,
ווען די פאַרלאָגן דרוקן נאָר געווינים...

...ס׳איז קלאָר:
דאָס איז געווען אין צוואַנציק צווייטן יאָר...

. . . .

...מיר... די יִונגלעך, — שווער צו זאָגן,
צי האָבן מיר געשריבן, צי געשטיפט,
אליין, אליין פאפיר געטראָגן,
די ראָד געדרייט, געזעצט דעם שריפט...

. . . .

כ'האָב ליב דעם יאַם,
ס'איז ברייט און גוט,
כ'האָב פייַנט באַ שמאָלע טייַכלעך זיצן,
און ווי צו דעם, וואָס זיצט בארוט,
און ציילט
די איינעכטיקע
בליצן...

ס'איז שווער די מי, נאָר ס'מאכט ניט אויס,
די פראָזע
שווערער איז
פון מארשן...
דער בליק איז ווייַט, די קראפט איז גרויס,
נאָך טעג נאָך מאָרגנדיקע כ'גאר שוין...

מע שטערט פון רעכטס,
מע שטערט פון לינקס,
ניט גרינג איז אָנקומען און ווערן,
מיר וואקסן הויך, מיר גייען פלינק,
און בייגן אלע די, וואָס שטערן...

ווייַל שטרענגער מוז מען איצטער זייַן,
און פעסטער דארף מען שטיין באם רודער...

דאָס דולע בונטעוועו פון פײַנט
בארעכטיקט אונדזער שטרענגקײַט, ברודער!

מיר זײַנען שטענדיק אף די פראָנטן,
ווײַל ס׳דויערט אומעטום דער שטרײַט,
מיר ווילן שטעט אין בײַקײַט אָנטאָן,
אין שטאָל, אין אײַזן...
ווער דארף זײַד?

. . . .

איך שטיי און קוק, ווי זאווערוכעס לויפן פונעם צווינטער,
איך הער, ווי זאווערוכעס זינגען אונדזער הימן.
אין קרים דערמאָן איך זיך די גוטע ווינטערס,
און ווינטער כאָלעמט זיך מיר קרים...
שניי און פראָסט און ווינטערדיקע פראָזע
וואקסן איצט אין דורכזיכטיקן סאָד,
אף די פעלדער ליגן ווײַסע גראָזן
און ווי דיולבער איז ווײַס די שטאָט...

דער שטאָט אָט דער כ׳צי אויס מײַן האנט,
מײַן הארץ, מײַן בלוט און מײַנע גלידער,
און לעבן זאָל דאָס לענין־לאנד!
דאָס לאנד איז שענער פון די לידער!..

...און דעם, וואָס קומט פון קרעטשמעס פוילע, וויסטע,
שטרענגער זאָג: דײַן „איך״ פארנוויגו!
באווײַז מיט טאט, ווער ביסטו, און וואָס ביסטו,
און ניט מיט פליגל־וואָרט, און ניט מיט גלאנץ פון אויג...

מע יאָגט פון אונדז נאָך בולקעס ווײַסע,
מע קומט אהער, ווען אלץ איז גרייט,

מע קומט, מע ברענגט אַ באָבע־מייַסע,
מע שרייַט: מייַן לאַנד! מייַן דאָר! מייַן פרייד!
די קונסט בין איך! די קונסט איז הויך!
און מע קוסטאַרעוועט, אַז ס'גייט אַ רויך!
ס'איז גאָרניט, פרייַנט, און כאַפּט דער רועך עס,
אַ ביל, אַ קריץ, אַ ווינט אין פעלד,
איך הער דאָס קאָל פון ווייַטע זאַוועררוכעס,
וואָס הילכן אָף דער גאָרער וועלט...
און נאָכן לעצטן גלייַקן גערשאַנגל,
ווען ס'וועט דער פייַנט צעריבן זייַן, צעמאָלט,
דעמלט וועלן מיר דאָס צעטל אַלעמען דערלאַנגען:
סע קומט אַ כויוו פון אייַך, באַצאָלט!

...אָ, מאָרגן!
איך זע, איך הער אין יעדן שפאַן,
אין יעדער ווינקעלע, אָף יעדער שליאַך,
די שיינע פעסטקייַט פון דייַן האַנט,
די שטרענגע קלאָרקייַט פון דייַן שפראַך!
. . . .

און:
ווען שאַרפער איז דער פראָסט אָף גאַסן און אָף פעלדער,
אַלץ מערער פיל איך זיי, די וואַרעמקייַט פון קרים.
וואָס מער די שטיינער אָף די שליאַכן ווערן עלטער,
אַלץ נע'נטער קלינגט די צוקינפטיקע שטים!

און ווען זון איז הויך און ווייַט
און פראָסט באַשיט די גאַס,
דערפיל איך זיי, די טעג די מאָרגעדיקע,
וואָס ליגן נאָך אין אונדז באַהאַלטן,

דערמאָן איך זיך
אין קרים,
אין יאם,
אין יאלטע...

1930

צווישן בערג

צווישן בערג דרײַ שטומע ביימער,
יעדער בוים איז ווי א שוימער.

מ׳האָט געשטעלט זיי דאָ אינמיטן
הויכע בערג אין נעכט באהיטן.

זאָל די אלטע זון ניט בראָטן,
פאר א מענטש זאָל זײַן א שאָטן.

שטיקער זון אף אלטע צווײַגן,
שטייען ביימער דרײַ און שווײַגן.

מ׳האָט א מאכנע דאָ געטריבן,
זײַנען ביינער נאָר געבליבן.

וואשט דער רעגן יענע ביינער —
וועמענס ביינער ווייסט ניט קיינער.

און וואָס קאָנען ביימער זאָגן,
זעלטן פאָרט דאָ דורך א וואָגן.

זעלטן קומט א ווינט פון צאָפן,
קומט א ווינט און ווערט אנשלאָפן.

שטייען שטיל דרײַ שטומע ביימער,
יעדער בוים איז ווי א שוימער.

1930

אין הארבסט

כ׳האָב ליב פון הארבסט די פרייד
ביז ערשטע שנייען ציִען,
ווײַל אַלץ, וואָס בליט, פאַרגייט,
קעדיי נאָך שטאַרקער בליִען.

ס׳האָט יעדער קאַלטער שלאַכט
געמערט אין אונדז דעם פײַער...
נאָך יעדער אַלטער נאַכט
קומט אָן א טאָג א נײַער...

סע וויאַנעט און סע גריבט,
און געלס מיט גרינס זיך טוישן...
און שטילער ווערט דער ווינט,
קעדיי נאָך שטאַרקער רוישן...

די גראָזן איבעם פעלד,
די ביימער און די שטערן,
און אַלץ אַף דר׳ערד פאַרוועלקט,
קעדיי נאָך יינגער ווערן.

1930

א רעגן

דאָס פעלד האָט געבענקט נאָך א רעגן...
אין פעלד און באם וועג זײַנען גריבער געלעגן צעוואָרפן,
ווי ליידיקע גריבער,
אין פעלד און באם וועג האָבן געל זיך געהוידעט פארשטאָרבענע
זאנגען,
אין פעלד און באם וועג האָבן טרוקענע ברויטן געשוויגן,
געשריגן האָט וואלד, דער געשריי איז געהאנגען
איבער דאָרשטיקער געגנט:
— א רעגן!

האָט זון זיך דערשראָקן,
און זון איז אנטלאָפן אף העכסטע, אף הימלשע שטאָקן...
פון פעלדער אוועק איז דער גלי און די היץ...
א בליץ
האָט מיט מעסערלעך רויטע און שמאָלע
דעם הימל געשניטן,
איז א דונער אוועק איבער טאָלן
און פלוצלינג געבליבן אינמיטן...

און ס׳האָט זיך באוויזן...
ס׳איז רעגן געפאלן מיט פלינקע קרישטאָלענע שפיזן,

געשמיסן,
געשטאָכן,
די זאַנגען געבראָכן...
זייַנען ברויטן געלאָפן, ווי סטאַדעס פאַרלאָזטע, צערייצטע,
וואָס האָבן דעם פאַסטעך פאַרלאָרן.
געקלאָגט האָט דער האָבער, געיאָמערט דער ווייץ האָט,
געוויינט האָט דאָס קאָרן,
זיי האָבן געוויינט און זיי האָבן געפלאַטערט:
— גענוג שוין! גענוג שוין! מיר זייַנען פאַרמאַטערט!
— גענוג שוין! גענוג שוין! פאַרמאַך דייַנע קוואַלן!
— גענוג שוין! גענוג שוין! מיר זייַנען פאַרפאַלן!
נאָר ס׳האָט זיי, די טרוקענע ברויטן,
דער רעגן געיאָגט און געבויטעט...
געדרייט און געפּאַטשט און געשלאָגן,
און... סטאָפּ!

באַ דער זייַט און אינמיטן די זאַנגען
זייַנען פּאַסיקלעך וואַסער געגאַנגען
און רויִק דעם שטויב פון די זאַנגען צו טייַכן געטראָגן...
א רעגן...

א וואָלקן א לעצטער אַוועק איז ווי רעגנס א דענקמאָל...
ס׳וועלן די זאַנגען דעם רעגן געדענקען...

א טאָג איז אַנטלאָפן...
און ס׳ליגן שוין ווידער די זאַנגען
מיט דאָרשט און מיט שטויבן פאַרלאָפן...
און ס׳בראָט זיי שוין ווידער די היץ
און ס׳פרעסן צעגליטע מעסלעסן,
און ס׳האָבן די זאַנגען די שמיץ פונעם רעגן פאַרגעסן...

אין פעלד און באם וועג זײַנען ווידער די גריבער
געלעגן צעוואָרפן, ווי ליידיקע קריגן,
אין פעלד און באם וועג האָבן ווידער געהויִדעט זיך
געלע פארשטאָרבענע זאנגען,
אין פעלד און באם וועג האָבן ווידער
די טרוקענע ברויטן געשריגן,
און געשריגן האָט וואלד, דער געשריי איז געהאנגען
איבער דאָרשטיקער געגנט:
א רעגן!

1930

דער צוג

ס׳איז שוין קלאָר נאָך די יאָרן פון זיג,
ס׳איז שוין קלאָר און באַשטעטיקט:
אַ צוג, ווען ער קומט אויף אַ בריק,
ווערט ער מיט שטילקייט געזעטיקט.

אַ צוג, ווען ער קומט אויף אַ בריק,
גייט ער וואָגיק, פאַרטראַכט און פאַמעלעך
און שפּרייט זײַנע רינגיקע רויכן אויף וואַסערן העלע
און וואַרפט זײַנע רינגיקע רויכן
אויף כוואַלישע טעלער...

ס׳איז שוין קלאָר פאַר דער אויגיקער וועלט
און אפילו פאַר בלינדע:
אַ צוג, ווען ער קומט אויף אַ פעלד,
גייט ער שטענדיק געשווינדער.

אַ צוג, ווען ער קומט אויפן פעלד,
איז מיט רויש און מיט ראַש און מיט ווילדקייט,
ער וואַרפט זײַנע ראַשיקע רויכן אויף פעלדישער מילדקייט,
און וואַרפט זײַנע רויכיקע וואָלקנס
אויף ווייצענער שטילקייט...

ס׳איז שוין קלאָר פונעם איַיז־יאַם ביז דניעפּר,
ס׳איז שוין קלאָר און באוויליקט:
א צוג, ווען ער קומט אין א סטעפּ
אף די רעלסן פון פּריליגג,
פליט ער נאָך הייסער אף סטעפּישן רוקן,
האָט ער קיין ציַיט ניט די רעלסן באקוקן
מיט אויגן מיט גרויסע,
מיט רויטע לאמטערנס,
צי ליגט
אף די רעלסן
א נעכטיקער שטערן,
צי ליגט
אף די רעלסן
א היַינטיקע שטערונג,
אָן אלטע נעווילע,
א בינטל מיט בלומען —

דער צוג ווייסט פון יאָגן!
דער צוג ווייסט פון קומען!

און וויי צו די אלע,
די אלע, וואָס שטערן
דעם צוג זיך באוועגן
און ליגן
אף זיַינע געשווירענע וועגן!
ער וועט זיי צעמאָלן,
דער צוג
דער גערעכטער,
ער וועט זיי צערייַבן,
מיט זאַפט און מיט בלוט

אף די פעלדער פֿאַרשרײַבן,
פֿאַרשרײַבן,
פֿאַרקריצן
אף רעלסן אף ווײַטע,
אף רעלסן אף קאַלטע:
אָט דער האָט דעם יאָג
פֿון די רעדער
פֿאַרהאַלטן!..
און ווידער די ווערסטן די סטעפּישע שלינגען
און לויפֿן נאָך הייסער און לויפֿן נאָך שנעלער,
און וואַרפֿן די רויכן, ווי שטאָלענע רינגען,
אף ווײַצענער שטילקײַט,
אף כוואַלישע טעלער...

1930

ווען מיר קאָנען...

ווען מיר קאָנען ברייטער עפענען די אויגן,
וואָלטן מיר נאָך ברייטער אַף דער ערד געשפּאַנט,
וואָלטן יונגע לידער פרייליכער געפלויגן,
וואָלטן מיר נאָך מערער ליב געהאַט דאָס לאַנד,
ווען מיר קאָנען ברייטער עפענען די אויגן...

ווען מיר קאָנען טיפער יעדער שפּאַן באַזינגען,
וואָלטן לידער יונגע קיינמאָל ניט געקלאָגט,
וואָלטן לידער נייַע העכער נאָך געקלונגען,
וואָלטן שטילע ווערטער מערער נאָך געזאָגט,
ווען מיר קאָנען טיפער יעדער שפּאַן באַזינגען.

1930

א לויב־געזאנג דעם כיריק

כ׳האָב ניט ליב, ווי ניט ליב האָט מײַן זינגענדיק לאנד
קיין אָדעס און גלאַט פּאנעגיריק,
פונדעסטוועגן נעם איך א פען אין דער האנט
א לויב־געזאנג שרײַבן דעם כיריק.

ניט וווּנדערט זיך, פרײַנט, וואָס איך טו זיך א נעם
פאר א בינטל ניט וויכטיקע סטראָפן,
דער מעכטיקער כיריק,
זײַן ריזיקער שעם
לאָזט מיך ניט רוען,
ניט שלאָפן...

דער כיריק פארדינט א געניויעם טראַקטאַט,
א פײַנעם,
א גרויסן,
א טיפן,
נאָר כ׳בין א פּראָפעסאָר נאָך אָן א מאנדאט,
טאָר איך דערווײַלע ניט שטיפן...
מיט קיינעם פון דער אקאדעמישער וועלט
קאָן איך זיך נאָך ניט פארוועטן,
ס׳פעלט מיר א נאָמען און... וויסנשאפט פעלט —
טו איך נאָך שרײַבן פאמפלעטן...

אין פאַרשונגען בין איך דערווײַלע נאָך שוואך,
נאָר אױף וואך פון דער וויסנשאַפט שטיי איך,
כ׳בין ווײַט פונעם ברייט־אַקאַדעמישן שליאַך,
נאָר די ווערט
פונעם כיריק
פאַרשטיי איך...

דער כיריק איז קײַלעכיק, פונקט ווי די ערד,
ווי די זון, ווי לעוואָנע באַנאַלע,
ס׳איז אַלע פּלאַנעטן זיך דרייען באַשערט, —
דרייט זיך דער כיריק מיט אַלע...

ער דרייט זיך ארום אױף דער וועלט, ווי א העלד,
מיט שטרעבונגען, טאַטן, באַגערן!
אין גאַנג פון געשיכטע ווערט רײַכער די וועלט
מיט כיריקעס
מער,
ווי מיט שטערן...

אָט קריכט ער, דער כיריק, פּאַרוויאַנעט און קאַלט,
פון סייפער פון אַלטן און שטילן,
אָט זיצט ער אין ברייטן פּאָטעל פון אַנשטאַלט,
דער ליימענער כיריק אין ברילן...

אָט טאַנצט ער ארום אין זײַן אַלטן מונדיר,
אין זײַן אַלטן מונדיר, אין... באַנײַטן,
אָט פּליט ער און ווילן אױף א שטיקל פּאַפּיר
דאָס בלוטיקע לעבן פאַרבײַטן...

ער דרייט זיך ארום מיטן האָרב, מיט די קרעץ,
פאַרפרינדעט אין פרישע אַפּישן,

גענוג האָט נאָך כיריקעס
גאָגאָל באַזעצט
באַ נײַע, באַ הײַנטיקע טישן...

דרייט זיך דער כיריק אַרום שטילערהייט,
ער פּויקט ניט אין מעשענע טאַצן,
ער קאָן אָבער טאָן מיטאַמאָל זיך אַ שפּרייט
אַף זיבעציק
וויכטיקע
זאַצן...

מ'האָט נאָך ניט באַזיניקט זײַן ריזיקע מאַכט,
זײַן ווילן דעם גרויסן און פעסטן,
דער כיריק איז פייִק... און אוי, באַ אַ סאַך...
פאַרשטעלן דעם אינהאַלט דעם גרעסטן...

מיר גיבן אַוועק אונדזער קראַפט אַפן ווינט,
איך ווייס וואָס... אַף פּראָזע, אַף ליריק,
ניט יעדערער, ברודער, פאַרשטייט שוין אַצינד
די קראַפט פון אַלמעכטיקן כיריק!

ער געוועלטיקט שוין לאַנג אַף דער אָרעמער וועלט,
נאָר לאָמיר די ספאָרים ניט מישן,
ער ציט נאָך, אַ סוואָרע, דער כיריק, דער העלד,
זײַן ייִכעס פון אָדאָם-האָרישן...

כ'טו אַ קוק אין דער טיף פון געשיכטע און זע:
ווי אַלטע צעפאָרענע מיידן,
זיצן די כיריקס אין אַ קאַפּע
פון געגנעם און אויך פון גאַניידן...

זיי זיצן און זינגען אליין זיך א לויב
מיט געלע ארכיווישע בליקן,
עס זאָל זיי געלינגען מיט פינטעלעך שטויב
דעם אָטעם דעם הייסן דערשטיקן...

און טיפער איך קוק: בא א גלעזעלע טיי
איך זע א געהויבענעם קוואָרום,
דאָס קריכן די כיריקעס, פונקט ווי די פליי,
פון אלטע צעפרעסענע ספאָרים...

זיי קריכן מיט קאלטן ארכיווישן שפאן,
פון גאניידן און אויכעט פון גענעם,
אמאָל איז מען נאָר צו א מיניען געגאן,
היינט לויפט מען שוין אויך אף א פלענום...

דער כיריק איז ניט נאָר אף יענער וועלט גרויס,
אומעטום קאָן זיין גרויסקייט א שטראָל טאָן,
עס טרייבט אים מיליאָניקער אָטעם ארויס —
און ער קריכט אריין דורך די שפאלטן...

אָ, ער איז דאָ אומעטום, אומעטום
מיט שמייכלען, מיט שפיזן, מיט נעצן,
ער קריכט און ער קריכט און פארסאמט דעם ארום
מיט ליבע צו טויטע געזעצן...

מע טרייבט אים דורך טירן ארויס פונעם הויז,
דורך פענצטער ער קומט, ווי א היגער,
איך קני פאר זיין מעכטיקער קליינינקער גרויס,
איך קני, ווי מע קניט פאר א זיגער!

זיי מויכל מיר, כיריק פון יענער זייט וועלט,
און כיריק, וואָס לעבט נאָך, זיי מויכל,

וואָס כ׳האָב איך פאַמפּלעט אַזוי קורץ און פאַרשטעלט
אַ קיצל געטאָן דײַנע הויכן...

איך קאָן ניט, ווי אַנדערע, טיף און געניט
באַם ניסטער געפינען די „אונען“,
איך קאָן אויך ניט, ברודער, מיט גרויס אַפּעטיט
בײַ מענדעלען ציילן די „פונען“...

און דו האָסט אַוואַדע פאַרדינט אַ טראַקטאַט
אַ גרויסן, אַ שיינעם, אַ טיפן,
נאָר כ׳בין אַ פּראָפעסאָר נאָך אָן אַ מאַנדאַט,
טאָר איך דערווײַלע ניט שטיפן...

1932

נארעלע, קליינס...

דאַרעטשקען

אף די פענצטער — דער אָנהייב פון ווינטער,
פון דער זון טוט מיט ווינטער א בלאָז,
כ'האָב ניט ליב, ווען עס וויינען די קינדער...

טראָפּנס טינט אף די ווענט.
שטיקלעך גלאָז.
אפן דיל — א צעבראָכענער טינטער...
איז וואָס?

שווער איז מײַן טאָכטער פארטראָגן
אן ערשטן, פריצײַטיקן ווײ,
טרערן מעשוגענע יאָגן,
קלאפּט אין די ווענט איר געשריי...

...ערשטער שניי טוט א שאָט...
אָט צערינט ער,
...ערשטער ווײ טוט א ברי
און פארשווינדט.

כ'וועל דיר קויפן א שענערן טינטער,
כ'וועל דיר קויפן נאָך בעסערן טינט.

שלאָפט שוין דער פראָסט אפן דאך...
אן אָונט א גאנצן דו ווייגסט...

וואָס איז א טינטער? — א שפּילכל. א זאך,
נארעלע, קליינס.
א פּעלדז טוט א קראך,
א העלד...
עס ברעכט זיך א וועלט...
מע גייט אף די שערבלעך פון וועלט און מע לאכט,
כליופּעט מיט אלטן, פארזשאווערטן בלוט,
מיט פארזשאווערטן יאָך...

און ס'איז טויזנט מאָל גוט,
וואָס עס ברעכט זיך א וועלט.
נאָך,
און מע לאכט.
קעדייַ געוועזן ווייגען א גאנצן פארנאכט.

פּרעסט אפן שליאך...
די לעוואָנע איז גרין־ווייַס,
די טינטענע נאכט טוט פון הימל א גאָס;
כליופּעט שניי אף די ווענט,
די דעכער,
די רינוועס,
שטיקלעך גלאָז...

און דו ווייגסט נאָך, מייַן קינד?
דאָס פּאָנעם — אין טרערן, די הענטלעך — אין טינט...
טראָפּנס טינט אף די ווענט,
שטיקלעך גלאָז אפן דיל...

איך פיל:
שווער איז דעם ווייטעק דעם ערשטן באנעמען,
וועסט האָבן נאָך פריידן, וועסט האָבן נאָך קלעמען
א סאך...

ביז שניי וועט פארשיטן די ברעמען...

און וואָס איז א טינטער? —
א שפילכל,
א זאך.

עס ווארטן נאָך זונען, עס טשאטעוועןן פרעסט,
דארף מען זיין פעסט.
שטארקע האָט ליב אונדזער צייט.
טרערן פארטראָגט ביט די צייט.

און דו ווייגסט,
נארעלע, קליינס...

אן אומגליק קומט אָן און אן אומגליק פארשווינדט,
מע דארף זיך געוווינען ביט וויינען, מיין קינד.

1934—1931

אַ בילד

אַ רויִע רויִקייַט, אַ רו אַ בלייַענע,
אַף יעדער כאַטקעלע, אַף יעדער בוים
קיין ווינטן ווייִנען ניט, קיין דונערס שרייַען ניט,
די וואָלקנס הענגען נאָר אין פייַכטן רוים...

ווי גרינע דענקמאָלן, — די גרינע טאָפּאָלן,
ווי גרינע גליווערניש, ווי גרינער שטיין,
קיין פויגלען זינגען ניט, קיין רייַטער טאָפּען ניט,
די וועגן גייען ניט, די מייַלן שטיי׳ן...

אַרמייער האַסטיקע, נאָר זיי מאַרשירן ניט,
די קאַסקעס בלעכענע, די זון באַגילדט...
דאָס איז אַ וועלט אַזאַ? — ס׳איז אַ פּאַפּירענע.
באַ אונדז געשעט אַזוינס נאָר אַף אַ בילד.

1934

פון סאָטשי קיין כאָסטע

וווהין גייען ביימער צעבליט און בארוט
מיט היטעלעך בלויע און ווייַסע?
פון סאָטשי ביז כאָסטע איז פופציק מינוט,
מיטן באַן קאָן מען קומען פאר דרייַסיק...

איך שטעל זיך אוועק אין א ביימערשער ריי,
כ׳וויל אויכעט קיין כאָסטע, כ׳וויל אויכעט,
זיי ווייסן דעם וועג, וועל איך גיין איצט מיט זיי,
מיט זיי, מיט די ביימער די הויכע...

זיי גייען פאמעלעך, זיי רוקן זיך שטום,
מיט בלעטער און צווייַגן באַלאָדן,
איך קוק און איך זע, ווי דער גאנצער ארום
לייגט זיך אין יאם אריַין באָדן...

אָט טוט זיך א טוק דאָרט א בארגיקער קאָפ,
אָט פליוסקען זיך ביימעלעך נאסע,
און בערגעלעך ווארפן די הייזלעך אראָפ
און טאנצן אריַין איבעם וואסער.

דער וועג איז א הייסער און שפאנען איז שווער,
מיר שלעפן די ווערסטן פארמאטערט —
איך און א טשעד, און א מיידל פון טווער,
און ארבעטער צוויי פון סאראטאָוו.

ס'איז גאָרניט, וואָס זון איז צעשמאָלצן און בליט,
וואָס שטראלן, ווי שפיזן, זיך שיטן,
מיר גייען אהין, ווו עס בליט דער סאמשיט,
ווו ס'פינקלען באנאכט סטאלאקטיטן...

מיר שפאנען, מיר גייען מיט היץ און פאראד
די פעלדזן די ווײַסע באקוקן,
און זאָל זיך די זון, ווי א יונגער סאָלדאט,
רײַטן אף בארגיקע רוקנס...

שיין איז דער ברעג און ס'איז שיין אומעטום,
אי די רו, אי דער יאָג פון די כוואליעס —
און איינער פון אונדז טוט צופרידן א ברום:
— Мы сроду того не видали!

1931—1934

איך טרינק דעם ראש

שטייט א בארג, ווי א פלאש,
מיט א האלדז א שמאָלן,
רוישט דער בארג, גייט דער ראש
איבער אלע טאָלן...

און לעם בארג, ווי א גלאָז,
רוט א שטילע אָזערע,
איז די גלאָז פון ריינעם גלאָז,
נאָר מיט ראנדן גראָזענע...

איז אין בארג דער וואסער ענג,
לויפט זי אין די טאָלן,
שלענגלען זיך, ווי לאנגע שלענג,
וואסערן־קרישטאָלן...

טוט זיך פלינק א הירש א לאָז,
קוקן אויגן פײַכטע:
ס'איז מיט וואסער פול די גלאָז,
צי מיט הימלען לײַכטע?

טוט די וואסער אים א נאר,
רייפעלעך זיך דרייען,

טוט ער מיטן פּוס אַ שאַר,
זאָל דער הימל גייען...

נאָר דער הימל טרעט ניט אָפּ,
רייפעלעך פאַרזשינקען,
בייגט דער הירש אַראָפּ זײַן קאָפּ
ריינע וואַסער טרינקען...

קומען קינדער פונעם דאָרף,
אַלע העמדלעך בלימלען,
טוען קינדער זיך אַ וואָרף
אין די פײַכטע הימלען...

טוט דער הירש אַ פּלי, אַ פאַל,
נאָזלעכער צעבלאָזענע,
פון זײַן אויג — אַ לעצטער שטראַל
פאַלט אַרײַן אין אָזערע...

כ׳טו אַ הייב די גרויסע פלאַש,
גיס זי אויס אין גלאָז אַרײַן,
און איך טרינק דעם נײַעם ראַש
פון דער אַלטער אָזערע...

1936

אף קידער־ווידער

כ'וויל ניט זײַן אף קידער־ווידער
מיט מײַן מיידל אין שפּאַציר,
איר געפעלן מײַנע לידער,
וועל איך מאַסקים זײַן מיט איר...

וועגן וויגן זיך און וויגן,
און דער אָוונט לויפט געשווינד,
וועל איך זיך מיט איר ניט קריגן,
כ'גיב זיך אונטער, ווי א קינד...

איך בין איר די מײַלעס מויכל,
די כעסרוינעס אירע — אויך...
ס'איז געווען אין פּאַרק א רויכל,
איצטער איז אין פּאַרק א רויך...

און דער אָוונט ווערט געדיכטער,
און דער הימל שווימט אין שטויב,
איך בין שיקער, איך בין ניכטער
און איך גלויב איר ניט און גלויב...

כ'וועל ניט זײַן אף קיִדער־ווידער
מיט מײַן מיידל, זי איז קלוג,
איר געפֿעלן מײַנע לידער
און זי מיינט, אז ס'איז גענוג...

1936

קאַלינעס

קלײַבן רויטע קאַלינעס
בין איך מיר געגאַן,
זע איך לעם די קאַלינעס
דרעמלט אַ קורגאַן...

קלײַב איך רויטע קאַלינעס,
ווערט מײַן קוישל שווער,
ווער אָט דאָ געפאַלן איז,
קיינער ווייסט ניט ווער...

ווי אַ גרינע שאַלן, איז
אָנגעטאָן דער טאָל,
און די רויטע קאַלינעס
ברענען, ווי אַמאָל...

נאָר קיין טרויבן שאַלן ניט,
טופּען ניט קיין פֿיס,
לעם די רויטע קאַלינעס
וואַקסן ווילדע ניס...

װי אין רײנסטע קװאַלן, איז
אויסגעשװענקט דער טאָל,
איבער רויטע קאַלינעס
הימלען, װי קרישטאָל...

װער אָט דאָ געפאַלן איז,
װײסן אַף געװיס
נאָר די רויטע קאַלינעס
און די װילדע ניס...

בײגן זיך די קאַלינעס
איבערן קורגאַן,
אונטער רויטע קאַלינעס
ליגט אַ פּאַרטיזאַן...

פֿליען שמײכלען קאַלינעס
צו זײַן פֿלינקן שפּאַן,
פֿליען פֿאַלן אַלע ניס,
װען ער איז געגאַן...

װײַל געװוען פֿון שטראַלן איז
יעדער װאָרט זײַנס צאַרטס,
צװויטען איצט די קאַלינעס
רויטע, װי זײַן האַרץ...

1936

איזאַבעלע

איזאַבעלע, איזאַבעלע,
כ׳בין אַנטלאָפֿן פֿון מײַן צימער
אין די סעדער אין די העלע,
אויף די ברעגן — אויף די קרימער.

ס׳איז דײַן פֿרישקײַט מיר געפֿעלן,
און דײַן רײַפֿן און דײַן קוועלן.
איזאַבעלע, איזאַבעלע,
ס׳איז דײַן יונגקײַט מיר צום האַרצן
און דײַן זאַפֿט אין זײַד אין שוואַרצן.

ווו דו וואַלסט זיך ניט געפֿונען —
אונטער שטערן, אונטער זונען,
וועל איך שטענדיק נאָך דיר בענקען,
וועל איך שטענדיק דיך געדענקען.

אויף די הענט וועל איך דיך הויבן,
אין די לידער מײַנע לויבן,
איזאַבעלע, איזאַבעלע,
איזאַבעלע, רויטע טרויבן!

1936

רויט

א קראָ אפֿן שניי
איז נאָך שוואַרצער פֿון שוואַרץ,
מײַן האַרץ האָב איך ליב, ווײַל ס'איז רויט,
ווען אַ קראָ זאָל אַרײַן
און אַ שוואַרץ טאָן מײַן האַרץ,
וואָלט איך עס דער ערשטער געטויט...

מײַן אויג האָב איך ליב, ווײַל איך זע, ווײַל איך שפּיר,
אַז מײַן אויג האָט ליב פֿאַרבן פֿון שלאַכט.
ווען מײַן אויג זאָל אַ צי טאָן אַ פֿרעמדער קאָליר,
וואָלט איך עס דער ערשטער פֿאַרמאַכט!

ס'איז גוט, ווען די ליד
טוט אַ הילך איבעם גאַנג,
ווען די ליד איז דורך מאַכנעס באַוועגט,
ווען מײַן וואָרט זאָל ניט קלינגען
איך אונדזער געזאַנג,
וואָלט איך עס דער ערשטער פֿאַרמעקט.

אַ קראָ אפֿן שניי
איז נאָך שוואַרצער פֿון שוואַרץ,

מײַן האַרץ האָב איך ליב, ווײַל ס'איז רויט.
ווען אַ קראָ זאָל אַרײַן
און אַ שוואַרץ טאָן מײַן האַרץ,
וואָלט איך עס דער ערשטער געטויט.

1937

אין וואַלד

איז לאָמיר אַזוי אַף קאַטאָוועס
אַוועק אין אַ פֿינצטערן וואַלד
אַ קוק טאָן אין אויגן פֿון סאָוועס,
וואָס טליִען אין פֿינצטערניש קאַלט...

אַ שרעק דאַרף דאָרט הערשן, אַ שוידער,
כ׳בין לאַנג ניט געווען אין קיין וואַלד,
ווער ווייסט, וואָס פֿאַר רוכעס און סוידעס
די וואַלדישע שוואַרצקייט באַהאַלט?

מיר נעמען אַ גרויסן לאַמטערן,
די שייַן זאָל פֿאַרלעשן די שרעק,
ס׳באַגלייטן אונדז וואַרעמע שטערן,
און אָט איז דער וואַלדישער וועג!

מיר שטעלן זיך אָפּ און מיר שטוינען:
ווי אַלץ איז אָט דאָ אומגערירט,
מיר שטייען ווי מאָדנע פֿאַרשוינען,
דער וואַלד איז פֿאַרגאָסן מיט ליכט!

די שטערן, ווי ריזיקע עפּל,
די לאָמפּן אַף צווײַגן צעצווײַגט,
און איבעריק הענגט אַף אַ קנעפּל
דער טונקל'לער לאַמטערן און שווײַגט...

ניט קיין פּינצטערע אוראַלטע ריטער,
ניט קיין שרעקלעכער נאַכט־קאַרנאַוואַל,
טוט אַ הוידע דער וואַלד און אַ ציטער,
ווען אַן אוראַלטער דעמב טוט אַ פאַל...

און די מענטשן, ס'איז גאָר ניט קיין מענטשן,
מיט האָריקע, ווילדישע הענט,
מיר האָבן זיי אַלע דערקענט שוין,
די מונטערע אויגן דערקענט...

זיי קוקן אַף אונדז און זיי לאַכן
מיט אויגן פאַרוווּנדערט און גרויס...
ווער שפּאַנט עס אַף ליכטיקע שליאַכן
און טראָגט אַ לאַמטערן פאָרויס?

דער וואַלד האָט אונדז פרײַלעך באַגעגנט
מיט לידער, מיט ליכט אָן אַן עק,
און ווײַט האָט געקלונגען אין געגנט
דאָס הויכע געזאַנג פון די העק...

1937

בענקשאפט

כ׳וויל דיך זייער, זייער זען איצט,
כ׳וויל דיך שפירן, כ׳וויל דיך הערן,
כאָטש מיר זיינען אָפּגעגרענעצט
מיט א גרענעץ מיט א שווערן.

כ׳טאפּ די ווענט, ווי א בלינדער,
און איך זע דיך ניט אצינדער,
נאָר עס סוידען זיך די זאנגען,
ביסט פארביי ערשט דורכגעגאנגען...

פרעג איך בא מיין הארץ: ווו ביסטו
און אין וועלכע גערטנער פליסטו?
ענטפערט מיר מיין הארץ, אז דאָרטן,
ווו עס הייבט זיך אָן דער גאָרטן.

זוך איך צווישן גרינע בלעטער,
צווישן הויכע קוסטעס כ׳קלעטער.
בלייב איך הענגען אף די צווייגן,
און די בלעטער דיך פארשווייגן.

קומט אַ הייסער ווינט אַ גרינגער
און דערציילט, אַז זײַנע פֿינגער
האָבן דײַנע האָר געגלעט דיר
און דײַן בעט מיט פּוך געבעט דיר...

קומט די זון איבערן טויער,
רוימט אַ סאָד מיר אָפּן אויער,
אַז זי האָט דיך אומגעאָרעמט,
אַז זי האָט דײַן האַרץ דערוואַרעמט...

בין איך ניט קיין ווינט קיין גרינגער,
האָב איך ניט קיין שטראַלן — פֿינגער,
און דו האָסט די ערד צעגרענעצט,
און איך וויל דיך זייער זען איצט.

1937

צום שטילן אָקעאַן

*   *   *

ס׳פֿליט דער טאָג נאָך גיכער פֿונעם באַן,
מיר טראָגן זיך צום שטילן אָקעאַן,
בערעזע־וועלדער טראָגן זיך אַפּסנײַ,
ס׳פֿליט דער באַן אין שטויבן און אין מײַ.
אָט לויפֿט אַ וואַלד, אַ כוטאָר און אַ שטאָט,
אָט שווימען ווידער פֿויגלען אויפֿן דראָט,
אָט ווינקט אַ פּלויט, אַ שטיבל, אַ קורגאַן,
מיר טראָגן זיך צום שטילן אָקעאַן!

האָט זיך פֿאַר מיר מײַן גרויסע היים צעשפּרייט,
די גרויסע היים האָט מיך אין וועג באַגלייט,
איך בין באַקאַנט אין וועג מיט יעדער ווינט,
מיט יעדער בוים, וואָס לויפֿט פֿאַרבײַ געשווינד.
דאָ איז מיר נאָענט יעדער בליק און יעדער שפּאַן,
מיר טראָגן זיך צום שטילן אָקעאַן!

פֿונהינטן איז געבליבן דער בײַקאַל,
אין מײַנע אויגן בלאַנקט זײַן לעצטער שטראַל,
כ׳האָב ליב די לופֿט, וואָס גיסט זיך אין מײַן לונג,
און יעדער ווינטל פּרוּוו איך מיט דער צונג.

מײַן היים איז גרויס, נאָר ס׳פּליט זיך אזוי גיך,
ווען אַלץ איז מײַנס און כ׳טראָג די היים אין זיך...
און ס׳איז אַזויפיל זעען נאָך פאַראַן,
טשיטאַ, אולאַן־אודע, בּיראָבּידזשאַן,
מיר טראָגן זיך צום שטילן אָקעאַן...

1937

די טײַגע וואַרט

די טײַגע וועקן מיר: שטיי אויף!
זי ליגט אין מיזרעך־שײַן,
צו אונדזער קאָל, צו אונדזער רוף
די טײַגע הערט זיך אײַן...

ווער טופּעט דאָרט? ווער שפּאַנט עס דאָרט
דורך פּעלדער פֿון סיביר?
ס׳איז אונדזער טראָט, ס׳איז אונדזער וואָרט:
ס׳איז מיר!
ס׳איז מיר!
ס׳איז מיר!

דער וואַלד איז רײַך, אַמור איז רײַך —
די ערד שטייט אויף פֿון קלעם,
שטייט אויף דער וואַלד, שטייט אויף דער טײַך,
און אַלע בעטן: נעם...

ווער זינגט עס דאָרט? ווער יאָגט אַזוי
דורך וועלדער און דורך ווינט?
א לאַנגער צוג, פֿון שטויבן גרוי,
א פֿײַף, און ער פֿאַרשווינדט...

7-2405

פון ווײַטן קוקט מען אף די געסט,
מע קוקט פון אומעטום,
סע רופט די ערד, דער וואַלד די געסט,
און אַלע בעטן: קום!

דער מיזרעכדיקער הימל הענגט
און ציט זיך צו דער ערד,
נאָך שטײַפע הענט האָט זיך פאַרבענקט
די רײַכקײַט אין די בערג!

האָט זיך א ריר געטאָן די ערד,
און ס׳גייט דאָס שוואַרצע אײַז,
און די ביט־גוטע טײַגע־נעכט
צעלויפן זיך, ווי מײַז!

די פרישקײַט בלענדט, די פרישקײַט נאַרט,
די לופט איז דאָ געשמאַק,
דער אַלטער צעדער שטייט און וואַרט
אף אונדזער שאַרפער האַק!

וואָס יאָגן טעג אזוי פאַרשײַט?
ווער הילכט עס אינעם טאָל?
די אויגן גלאַנצן אין דער ווײַט
מיט אָפּגלאַנצן פון שטאָל...

ווער גייט עס דאָרט? ווער טופּעט דאָרט?
די ליד נאָר לאָזט א שפּור,
ס׳איז אונדזער טראָט און אונדזער וואָרט
אף ברעגן פון אמור!

1937

אַף דער בירע

עד, איז דאָס אַ טײַך, די בירע,
קוקט נאָר אָן די כוואַליעס אירע,
ווי זיי שטיפּן באַ די ברעגן,
ניט קיין ברעגן — אַ פאַרמעגן!
מיט קיין וואָג ניט אָפּצוּוועגן,
מיט קיין מאָס ניט אויסצומעסטן
אָט די כוואַליענדיקע נעסטן!

טוט אַ קוק מיט מײַנע אויגן
אַף די ברעגן פון דער בירע,
ס'וואַקסט אַ דירע לעם אַ דירע,
און אָט שפּרייט זיך שוין אַ גאָרטן,
און אַ צווייטער, און אַ דריטער,
און לעם סאָפּקע, אָט־אָ דאָרטן,
שײַנט אַ טעפּיך אַ צעבליטער,
אַפן טעפּיך וואַקסט אַ יישעוו.
קומט אַ מענטש אַ ניט געניטער,
קאָן זיך דאַכטן, אַז ס'איז קישעף!
עד, איז דאָס אַ טײַך, די בירע,
קוקט נאָר אָן די פישער אירע,
ווי זיי זיצן אויסגערוטע,

אין דער פריִער זון פארקוטעט,
און זיי קוקן אין די טיפן,
ווי די יונגע קארפן שטיפן,
ווי עס פינקלען די סאזאנעס
אין דער וואסער־טיף דער פרישער,
און זיי טראָגן זיך פונדאנען,
פון די אומבאקאנטע פישער
מיט בערדיטשעווער שטיוואלעס
און מיט העמדער אויסגענייטע,
מיט אוקראַינער העמדערברייטע,
מיט די ווײַסע בערד, ווי כאַלעס,
און מיט רויטע האָר, ווי פאקלען;
ס'פינקלען האָמלער קאצאווייקעס
און ליוסטרינענע פידזשאקלעך.
נעמען, נעמען, וויפל נעמען —
מאָדנע נעמען, נײַע נעמען
פאַלן אף די וואסער־שפיגלען!..
סאָפקעס קוקן דורך די ברעמען,
ביימער פאָכען, ווי מיט פליגלען...
בליצן שטעכן, ווי מיט שפּיזלעך,
און עס דאכט זיך, אז זיי פרעגן,
צי ס'איז נאָך דער ווײַטער מיזרעך,
צי ס'איז גאָר די בוגער ברעגן.
עך, איז דאָס א טײַך, די בירע!

1936—1937

אמורזעט

ס'איז גוט אונטער לויטערע הימלען שפאצירן,
מיר גייען איינצווייען, איינדרײַען, אײנפירן...

סע ציִען זיך זאפטיק צעאקערטע סטעפּעס,
סע ליגן די בערג, ווי צעשניטענע עפּל...

מיר הערן דעם קרעכץ פון די ברעטער די פרישע,
מיר שלינגען די לופט פונעם יִדישן יִשעוו...

דאָ האָבן זיך פעלדער צעשפּרייט אמורזעטער,
איך מיש זיי, ווי גרויסע פירקאַנטיקע בלעטער...

אף ברעגן אמורער,
אף פעלדער צעבליטע

מיר גייען אײנפירן:
א מיידל פון ליטע,

א מיידל פון מינסק און א מיידל פון סמילע,
פון טונקלען אמור גייען ווינטעלעך קילע.

מיר גייען און גייען, מיר שמועסן, פלאַפּלען,
איך קוק אין די מיידלשע יונגע שוואַרצאַפּלען,

און זע, ווי די זון איז אין וואַסער פֿאַרגאַנגען,
סע שפּרייטן זיך שאָטנס צעצוויגענע, לאַנגע.

סע שמעקט פֿון די בערגלעך מיט היי און געוויטער,
אָט פֿאָרן אַהיים פֿון די פֿעלדער די שניטער.

אָט גייען די פּרויען און טראָגן די זוימען,
און לעמפּעלעך צינדן זיך אָן אין די רוימען...

אָט פֿאָרט ער, דער יונג, אויף זײַן אײַזערנעם שליטן,
ער האָט הײַנט די ערדן, ווי לעקעך, געשניטן.

דער אָוונט אין דאָרף איז געזונט און לעוואָניק,
סע שמעקן די הויפֿן מיט היי און מיט האָניק.

אַ הונט טוט אַ ביל אויף לעוואָניקע בּרייטן,
צעטראָגט זיך דער ביל פֿון איין עק ביזן צווייטן.

און ס'ענטפֿערט אַ הונט מיט אַ ביל מיט אַ דולן,
העט־העט פֿון מאַנדזשוריע דערטראָגט זיך דאָס בילן...

דאָ האָבן זיך שטיבלעך צעזייט אַמורזעטער,
איך שלעפּ זיך אַרום איבער זיי און איך קלעטער...

און אומעטום זע איך דאָ אויגן צעבליטע,
מיר שפּאַנען אײַנפֿירן: דאָס מיידל פֿון ליטע,

דאָס מיידל פֿון מינסק און דאָס מיידל פֿון סמילע,
פֿון טונקלען אַמור ווייען ווינטעלעך קילע.

מיר שפּאַנען אײַנפֿירן, מיר זינגען אײַנפֿירן,
ס'איז גוט אונטער הײמישע הימלען שפּאַצירן!

1937

ביראָקאנער מירמל

איבער מירמלנע ווילדע מאסיוון
שפּאַן איך אַ שאָ און אַ צווייטע,
איך שלעפּ מײַנע שטויביקע שטיוול
איבער מירמלנע הרודעס צעזייטע...

אָט פינקלט דער מירמל דער גרינער,
ווי לאָנקעס, וואָס רופן פון ווײַט דאָרט,
מיט אָדערלעך העלע און דינע,
אָט ווינקט שוין דער שווארצער — צעשלײַדערט...

אָט ליגט מיט אַן אָפּגלאַנץ אַ צארטן
דער ראָזער מיט זוניקע שפּריצן,
ער ליגט אינעם גליווער פון ווארטן:
דער סקולפּטאָר זאָל קומען און שניצן...

איך שפּאַן איבער מירמלנע שטיינער,
איך שפּאַן און איך מורמל אף יידיש,
אַ קוואַל פון אַ בערגל, אַ ריינער,
בלײַבט שטיין און צערוישט זיך פארכידעשט...

אמאָל האָט דער מירמל געוווּנקען
צו מיר נאָר פֿון פּאַלאַצן פֿרעמדע,
ווי ער, האָב איך דעמלט געזונקען
אין פֿינצטערע בערג אין פֿאַרקלעמטע...

ער האָט זיך אין דענקמאָלס באַהאַלטן
מיט גליווערדיש שווערער און גרויער,
ער האָט אויף בעסאַלמענס אָף קאַלטע
געהיט אונטער ביימער דעם טרויער...

איך האָב אים אמאָל אין מוזייען
געזען מיט אַלטקייט באַהאַנגען,
נאָר ס'פֿלעג מיך זײַן קאַלטקייט ניט פֿרייען,
זײַן שיינקייט האָט מיך ניט געפֿאַנגען...

ער האָט ניט געצערטלט די אויגן:
מײַן שוועסטערל האָט זיך געשראָקן,
ווען ס'האָבן די מירמלנע מוידן
געקוקט פֿון די גווירישע שטאָקן...

איך שפּאַן איבער מירמלנע הרודעס,
אָף די בירקאָקאַנער מאַסיוון,
איך הער, ווי יאָרהונדערטן הודען
אָף סאָפּקעס, אין טאָלן, אין ריוון.

איך שטיי, און די צײַטן איך בלעטער,
און ס'דאַכט זיך — ווי אין אַ געוויטער
זיך טראָגן די גריכישע געטער,
די מירמלנע רוימישע ריטער...

זיי פליִען פארביַי מײַנע אויגן,
ווי אַלטע פארוואָגלטע טרוימער,
די קנעכט מיט די פלייצעס געבויגן,
די גריכן די ווײַטע און רוימער...

פון ווײַטע מוזייען און היילן
זיי קומען אין שטויב און אין וווּנדן,
זיי פליִען פארביַי און דערציילן
פון וועלטן, וואָס זײַנען פארשוווּנדן...

און כ׳זע שוין אף הרודעס אָט איצטער,
ווי העלדן ווי אונדזערע שטייען,
פון מירמל פון שטרענגן געשניצטע
אין ביראָבידזשאנער אלייען...

דעם מאָסקווער מעטראָ, א באצירטן
מיט ראָזעווע מירמל מיט קלאָרן,
און פאלאצן אין די קאָלווירטן
שוין לויכטן אין שפּעטערע יאָרן...

מיך רופן דורך מאָרגנס דורך רייִנע
די מירמלנע שטעט פונדערווײַטן,
און כ׳לייען אף מירמלנע שטיינער
דעם אָנקום פון פּרעכטיקע צײַטן...

1937

לאָנדאָקער לאַנדיש

האָסט עפּעס אנדערש
מיך היינט געבלענדט.
לאָנדאָקער לאַנדיש
אין דיינע הענט.

דער מילדער אָטעם,
דאָס בלאָנדע קאָל,
אין בערג צעשאָטן
איז לאָנדאָקאָ...

די ווינטן לויפן
מיט א געשריי,
אין אלע הויפן
א לאַנדיש־שניי...

ביז וויַיטן ראַנד איז
א שטערן־הויך,
ווי ס'איז אין לאַנדיש
דער הימל אויך...

מיר גייען ביידע
מיט דריבנע טריט,
איך רוף דיך, איידע,
און קען דיך ניט.

דו קומסט אהערצו
פון זייער ווײַט,
דאָרט זײַנען הערצער
פארשטעקט אין זײַד...

אין ווערטער זיסע,
מיט סאם פארשפּינט,
סע שמעקט מיט טפיסע
פון יעדער ווינט...

האָסט איבער יאמען
צעווייט די שרעק
און ווילסט פונדאנען
שוין ניט אוועק...

מיר שפּאנען ביידע,
דער אָוונט רוט,
איך רוף דיך: איידע,
און קען דיך גוט...

אזא מעהאלעך
און דו ביסט דאָ!
דו לויבסט דעם קאלעך
פון לאַנדאָקאָ!

פון פרעמדן לאנד איז
דײַן הארץ אוועק,
דו שמעקסט מיט לאנדיש,
ווי מײַנע טעג...

מיר גייען ביידע,
מיר זײַנען ווײַט...
איך רוף דיך: איידע,
און ס'לויפט די צײַט.

1937

די זון איז אופגעגאנגען

די זון איז אופגעגאנגען!
די זון איז אופגעגאנגען!
דאָס טײַכעלע דאָס טונקעלע
ווערט נאָכאמאָל א זילבערנס,
די ביימעלעך די פינצטערע
צעגרינען זיך, צעבלעטערן,
די בלום הייבט אוף דאָס קעפעלע,
דער ווינט הייבט אוף דאָס פליגעלע
דאָס ליכטיקע, דאָס לויטערע,
און מענטשן פליִען נאָכאמאָל
מיט אויגן מיט קרישטאָלענע...

די זון איז אופגעגאנגען!
די זון איז אופגעגאנגען!
דער גאָרטן ווארפט אראָפּ פון זיך
די לײַלעכער די טונקעלע,
און גרין ווערן די אוגערקעס,
און רויט ווערן די רעטעכלעך,
און געל ווערן די זון־רויזן,
און שווארץ איז נאָר די ערד,

די אויגן בא מײַן מיידעלע,
די צעפּלעך בא מײַן מיידעלע,
און מער איז גאָר ניט שוואַרץ!

די זון איז אופגעגאַנגען!
די זון איז אופגעגאַנגען!

די טײַכן זײַנען טײַכן שוין
און ניט קיין שוואַרצע סאַמעטן,
די וועלדער זײַנען וועלדער שוין
און ניט קיין בערן מאָכיקע,
די הימלען זײַנען הימלען שוין
און ניט קיין גרויע טעפּיכער.

די זון איז אופגעגאַנגען!
די זון איז אופגעגאַנגען!

1937—1936

א כאַסענע אין ביראָבידזשאַן

וואָס האָט זיך עס צעשפּילט אַזוי, צערוישט ביראָבידזשאַן?
דאָס איז מען אַף אַ כאַסענע אַ ייִדישער געגאַן!
נו, נו, איז דאָס אַ כאַסענע אַ פרייִלעכע געווען,
די וועלט האָט אַזאַ כאַסענע נאָך קיינמאָל ניט געזען!

מיט פרייד האָט מען און בריית האָט מען די כאַסענע געגרייט,
עס האָבן זיבן נייטערנס די פּאָוועלע גענייט,
עס האָבן זיבן וועבערנס די מאַנטעלעך געשטריקט...
עס האָבן זיבן קעכערנס די גענדזעלעך געפּליקט.

די מעכוטאָנים טראָגן זיך פון נאָענט און פון ווײַט,
מע טופּעט און מע טענצלט, און מע טופּעט און מע רײַט!
די מיידלעך אין קאָסינקעס, און די זיידעס מיט די בערד,
זיי טראָגן זיך אַף אויטאָס און זיי פליִען אַף די פערד,
כאָלילע ניט פאַרשפּעטיקן און קומען צו דער צײַט,
מע טופּעט און מע טענצלט, און מע טופּעט און מע רײַט!

— ייִדל, נעם דײַן פידעלע, און בערל, נעם דײַן באַס!
שטייט ייִדל מיטן קעלישעק און בערל מיט דער פאַס...
און אונדזער לעץ, דער מאַרשאַלעק, שטייט אויך שוין אויבנאָן,
ער קײַעט אַ צוקערקעלע שוין מיטן לעצטן צאָן.

8*

צעזינגט זיך אונדזער מארשאלעק: „אוי, קאלע, קאלע, וויין,
און עסן זאָלסטו, קאלעניו, געפילטע פיש מיט כריין!
און האָבן זאָלסטו קינדערלעך, אנטיקעלעך א סאך,
זאָלסט זײַן א גוטע מאמע זיי. ס'איז אויך א גרויסע זאך!

אוי, וויפל גיסטו, קאלעניו, און וואָס פאר א נאדן, זאָג!"
„צוויי צעפלעך ביז די סאמע קני, א קוש אין א פארטאָג,
צוויי אויגן, ווי די קארשן גרויס, און פערלדיקע ציין,
און הענט צוויי ברוינע, גאָלדענע, א שמייכל מאָלע־כיין..."

„און וואָס האָסטו באקומען, זאָג, פון טײַערן כאסאן,
און וואָס האָט דיר געשענקט אזוינס דײַן מאָרגנדיקער מאן?"
„קיין פינגערלעך, קיין אוירינגלעך, איין־איינציקן ברילִיאנט:
א פרײַנט און א סטאכאנאָוועץ, דעם בעסטן אינעם קאנט!"

איז טוט א שפּיל, קלעזמאָרים, און זאָל דונערן די גאס,
ניט יידל מיטן פידל און ניט בערל מיטן באס:
דרײַ פויקן און דרײַ פײַפעלעך, א פלייט און א באיאן, —
זיי האָבן עס א שפּיל געטאָן אף גאנץ בירָאָבידזשאן.

איז האָט מען עס א טאנץ געטאָן, א גיי געטאָן א שער,
און מער פון אלע דרייען זיך די שוויגער און דער שווער.
עס כוואליען די פאטשיילעס זיך, די פאָלעס אינדערהייך,
די זיידעס מיט די אייניקלעך, די אור־אייניקלעך אויך,

די יונגע שוועסטערקינדער און די ברידער און די פרײַנט,
די שנורן און די איידעמס און... א שער האָט מען ניט פײַנט!

און העכער הילכט די מוזיקע, און ברייטער ווערט די ראָד.
זי טראָגט זיך פון וואָקזאל אוועק אהינצו ביזן סאָד,

אהינצו, וווּ דער בירע־טײַך פֿאַרשלענגלט זיך צום באַרג,
אהינצו, וווּ די טענענביימער טוליען זיך אין פּאַרק...
און ס׳דרייען זיך די אַלטיטשקע מיט יונגע יאָרן רייַ̇ך.
וואָס אַלטיטשקע, ווער אַלטיטשקע, מע דרייט זיך אַלע גלײַך.
דער אַלטיטשקער סטאַכאַנאָוועץ, דער יונגער פּיאָנער,
זיי מאָנען בא די קלעזמער נאָר: אַ שער זאָל זײַן, אַ שער!
מיט יאָמטעוו און מיט בליונגען — די גערטענער פֿאַרזייט,
איז האָט מען עס אַ טאַנץ געטאָן — די וועלט האָט זיך געדרייט:
אין טײַכן און אין אָזערעס דער קאַרפּ און דער סאַזאַן,
אין וועלדער, אין געדיכטעניש — די פּיכטע און דער טאַן,
די הירשן און די בערן, ווי אָנגעלייגטע געסט,
דער וועוווריק אפֿן צווײַגל און דער פֿויגל אין זײַן נעסט.

נו, נו, איז דאָס אַ כאַסענע אַ פֿריילעכע געווען,
די וועלט האָט אַזאַ כאַסענע נאָך קיינמאָל ניט געזען!

און ניט אַזוי דאָס דרייעניש און ניט אַזוי דער ווײַן,
ווי אָט די בערג די רונדיקע, באַגאָסענע מיט שײַן,
ווי אָט די סאָפּקעס אונדזערע, די טישן אַרום זיי,
ווי אָט די הויכע פֿלעשעלעך, וואָס שטייען שוין אין ריי
און בעטן זיך בא אַלעמען אַ הייב טאָן שוין דעם קאָס,
דער ווישניק און די ווײַנען זאָלן געבן זיך אַ גאָס!

און ניט אַזוי די פֿלעשעלעך און ניט אַזוי דער ווײַן,
ווי אָט די געסט די טײַערע, באַגאָסענע מיט שײַן.

פֿאַר זיי האָט מען די טישטעכער די ציכטיקע געשפּרייט,
פֿאַר זיי האָט מען די קאַטשקעס און די אינדיקעס געגרייט,
דער טײַך אַמור האָט יאָרנלאַנג די פֿיש פֿאַר זיי געוויגט,
די ערד אַליין האָט ברויט פֿאַר זיי און ווײַנטרויבן געשיקט!

8–2405

געפעלט האָט דאָרטן גאָרנישט ניט, געווען איז דאָרטן אַלץ:
א צענדליק מינים קוגעלעך און לעבערלעך מיט שמאַלץ,
און האָניקדיקע לעקעכער און שטרודל מיט קישמיש,
און וואָס דאָס מויל האָט אויסגערעדט, געווען איז אפן טיש!

נו, נו, איז דאָס א כאַסענע א פריילעכע געווען,
די וועלט האָט אזא כאסענע נאָך קיינמאָל ניט געזען!

— איז טוט א שפּיל, קלעזמאָרימלעך, דער קאַלע א וויוואַט,
קיין שאַדכן ניט, קיין באַדכן ניט, און כאַסענע געהאַט!
און וואָס באַקומט דער כאָסן הײַנט און וויפל נאַדן, זאָג:
— צוויי צעפּלעך ביז די סאַמע קני, א קוש אין א פּאַרטאָג,
צוויי אויגן, ווי די קאַרשן גרויס, און פּערלדיקע ציין,
און הענט צוויי ברוינע, גאָלדענע, א שמייכל, מאַלע־כיין,
קיין רענדלעך ניט, קיין דימענטן — איין־איינציקן ברילִיאַנט,
א פרײַנט און א סטאַכאַנאָווקע — די בעסטע אינעם קאַנט!

עס דרייען זיך און דרייען זיך א געסל מיט א גאַס,
א כאַסענע ז'א כאסענע, און ווײַן איז ניט קיין קוואַס!

די סאָפּקעס זײַנען פול מיט גוטס, די ערדן זײַנען רײַך,
די געגנט איז א געגנט, און די בירגע איז א טײַך,
דער הימל איז א הימל הײַנט און ניט קיין באַרג פון בלײַ,
און ייִדן טאַנצן, זינגען הײַנט, ווי אָט די פויגלען פרײַ!

אײַ־אײַ, איז דאָס א כאַסענע א פריילעכע געווען,
די וועלט האָט אזא כאַסענע נאָך קיינמאָל ניט געזען.

איז טוט א שפּיל, קלעזמאָרימלעך, דער באַס און דער באַיאַן,
זאָל טאַנצן די גערעטעניש אין גאַנץ בירָאָבידזשאַן.
דאָס קאָרן זאָל א הייב טאָן זיך נאָך העכער פונעם באַרג,
דער ווײַנטרויב זאָל זיך אָנגיסן, דער ווײַן זאָל ווערן שטאַרק.

און זייַן זאָל אַ געראַטעניש אויף שעפּסעלעך די וואָל,
און פֿול זאָל זייַן מיט לאָשעקעס דער בליִענדיקער טאָל,
די פֿיש אין אַלע וואַסערן זיך מערן אָן אַ צאָל,
די וועכטער באַ די גרענעצן נאָך שטאַרקער זייַן פֿון שטאָל!

— „אוי, זונטיק בולבע, מאָנטיק בולבע, בולבע אָן אַ שיר,
און אָרעמקייַט, און נאַקעטקייַט, און מיסט לעם יעדער טיר...“
ווער בולבעט עס? וואָס בולבעט עס? געבולבעט שוין גענוג,
אַ פֿולער הויף מיט אינדיקעס, מיט מילך איז פֿול דער קרוג.

אוי, זונטיק הון און מאָנטיק אָף און דינסטיק פֿרישע פֿיש,
און מיטוואָך אָף און פֿרייַטיק הון און שאַבעס — פֿול דער טיש!

איז דרעמלט ניט, קלעזמאָרימלעך, זאָל שפּילן דער באַיאַן,
דאָס פּייַקל זאָל אַ פּייַקל טאָן אויף גאַנץ ביראָבידזשאַן!
געדענקען זאָל די כאַסענע די קלעזמער און די פּאָר,
איעדער מעכוטענעסטע ביז הונדערט צוואַנציק יאָר!

און ווען די כאָסן־קאַלע וועלן ווערן אַלט און גרוי,
זאָל זאָגן אונדזער זיידעניו דער באָבעניו אַזוי:
„נו, נו, איז דאָס אַ כאַסענע אַ פֿריילעכע געווען,
די וועלט האָט אַזאַ כאַסענע נאָך קיינמאָל ניט געזען!“

1937

בירָאבידזשאַנער וויגליד

שלאָף, מײַן קינד, פאַרמאַך די אויגן,
טונקלער ווערן בערג,
ס'איז אַן אָדלער דורכגעפלויגן,
זײַן זאָלסטו, ווי ער.

און, ווי ער, זאָלסטו זיך הויבן,
זײַן מיט וואָלקנס גלײַך,
דורך די אָונטיקע שויבן
קוקט דער בירע־טײַך...

ס'פלעג דײַן זיידע טראָגן קייטן,
קייטן אין סיביר.
אָט דער קאַנט מיט זײַנע ברייטן,
ער געהערט שוין דיר...

ס'פלעג דײַן טאַטע אויף די וועגן
שלעפּן דעם געוויין,
אויף אַמורער שיינע ברעגן
בויען מיר אַ היים.

פאר מײַן היים וועל איך זיך שלאָגן
ביזן לעצטן בלוט.
ס'נעמט די גאנצע ערד שוין טאָגן,
שלאָף, מײַן קינד, בארוט...

אף די בערג און אף די צווײַגן
דורכזיכטיקע רו,
קינדער וואקסן אין דער טײַגע
גליקלעכע, ווי דו.

ביזן קרעמל גייען גרוסן
וועגן דיר, מײַן קינד,
זאָלן דאָרטן אלע וויסן,
אז דו שלאָפסט אצינד!

שלאָף, מײַן קינד, פארמאך די אויגן,
טונקלער ווערן בערג,
ס'איז אן אָדלער דורכגעפלויגן,
זײַן זאָלסטו, ווי ער.

1937

בירָאבידזשאנער פריילעכס

שפּילט אַ פריילעכס! שפּילט אַ פריילעכס!
אין דער ראָד אַרײַן געשווינד,
אַלע פּאָלעס און פּאַטשיילעס,
ווי די זעגלען אפן ווינט!
פידלען, פלייטן, קאָנטראַבאַסן,
זאָלן טאַנצן אַלע גאַסן,
זאָלן דונערן טרומייטן,
און די גריַנסן אף די בייטן
זאָלן זאַפּטיק זײַן און גוט!
פידלען, פלייטן, ביט גערוט!
ווי געשמאַקע הויכע זאַנגען,
זאָלן רוישן די געזאַנגען!
שפּילט אַ פריילעכס!
מיידלעך! יונגען!
ס׳איז אַ לעבן דאָ פאַרפלאַנצט.
אויב געזונגען, איז געזונגען,
אויב געטאַנצט, זאָל זײַן געטאַנצט!

איבער בערג און איבער וועגן
פאָרט אַ מונטערע די געגנט,
מיט דער שיף און מיטן באַן,
איבער הייכן פון כינגאַן,

איבער טײַכן, איבער קרוטשעס
הילכן נעמען אף דער וועלט:
פּאשקאָוו, ראדע און אָבלוטשע,
לאָנדאָקאָ און בירעפעלד!
טאנצן ייִדן און קאָרייער,
פּיִאָנערן, רויטארמייער,
טאנצט א מיידל פון וואָלין
מיט א באָכער פון פּאָלטאווע,
אַלע פעלדער זײַנען גרין,
אַלע וועלדער — קוטשעראווע!

ראָהאטשאָווער און אָדעסער!
זאָל די ראָד נאָך ווערן גרעסער!
ווען סע טאנצן די טשערקאסער,
הייבט זיך אין בירא די וואסער,
ווען סע טאנצן די וואָלינער,
ווערן אַלע סאָפּקעס גרינער,
קומען אומאנער ארײַן,
שוימט אין פלעשעלעך דער ווײַן!

אויב געהוליעט, איז געהוליעט,
קאָוונע, נעמיראָוו, קאפּוליע,
און א יונג פון אוקראינע,
און א יונג פון פּאלעסטינע,
און א יונג פון ארגענטינע.
שפּילט א פריילעכס!
מיידלעך! יונגען!
ס'איז א לעבן דאָ פארפלאנצט,
אויב געזונגען, איז געזונגען,
אויב געטאנצט, זאָל זײַן געטאנצט!

איבער בערג און איבער טאָלן,
וווּ די מיזרעך־ווינטן מאָלן,
וואַרטן רײַכקײַטן צעזייט,
וואַרטן רײַכקײַטן פֿאַרגרייט.
בײַ די ברעגן פֿון אַמור,
אין דער וואַסער פֿון קולדור,
קוילן ווינקען פֿון קימקאַן,
מירמל זינגט אין ביראָקאַן,
און דאָס גאָלד אין בריקיטשאַנקע,
און דאָס פּוטער אינעם וואַלד,
און די צעדערן די שלאַנקע,
און די ערד, וואָס ווערט ניט אַלט!

שפּילט אַ פֿריילעכס!
מיידלעך! יונגען!
ס'איז אַ לעבן דאָ פֿאַרפֿלאַנצט,
אויב געזונגען, איז געזונגען,
אויב געטאַנצט, זאָל זײַן געטאַנצט!

1937

א שאָס אין וואַלד

א שאָס, א הילך, דער פויגל פאַלט,
די עכאָ ענטפערט פונעם וואַלד,
די ווײַסע פעדערן אין בלוט,
דער פויגל פאַלט — אַזוי איז גוט!

ער האָט געמאַכט א קליינעם קרײַז,
די אויגן — גרינע שטיקלעך אײַז,
א קליינער קרײַז, א פלי, א הילך!
דער שנאָבל איז אין שוים, ווי מילך...

איך שטיי אין וואַלד, איך בין פאַרברוינט,
צום שאָס אין וואַלד בין איך געוווינט,
ס'האָט ליב דער יעגער, ווען סע פאַלט
זײַן קאָרבן אין א הויכן וואַלד...

א צווײַג האָט זיך געטאָן א בראָך,
דער וואַלד איז אויסגעבעט מיט מאָך,
ס'איז שיין דער פאַל, דער פויגל וויינט...
איך האָב די פליגלען ניט געמיינט...

א פליגל האָט געטאָן א קרעכץ
און זיך א דריי געטאָן אףּ רעכטס,
א ווינט האָט נאָר געטאָן א וויי,
און ס׳איז מיר גוט, נאָר ס׳טוט מיר וויי...

א גוטער פלי, א שלעכטער פלי
צי ס׳טוט א בייזע קויל א ברי,
צי ס׳טוט די שווערד פון טויט א גלאנץ,
די פליגלען מוזן בלײַבן גאנץ...

וואָס איז אףּ ערדן ערגער נאָך,
ווי שטאָלצע פליגלען אינעם בראָך?
די וועלט איז גרויס, דאָס הארץ איז קליין,
מע דארףּ אויך קאָנען שטארבן שיין!

1937

האַלב אין זון

האַלב אין זון און האַלב אין שאָטן
ליגט א דערפּעלע צעשאָטן.

אַף דער זון א הייסקייַט כ׳פּיל,
אינעם שאָטן איז מיר קיל...

און קיין מיט איז ניט פאַראַנען:
רוט דער שאָטן אונטער טאַנען...

לעם די פענצטער, הינטער ווענט,
גייט אַרום די זון און בלענדט...

ווייל איך, זאָל די זון ניט בראָטן,
כ׳טו א שפּרונג אין סאַמע שאָטן...

ווערט מיר קאַלט אין סאַמע שאָטן,
לויף איך אַף דער זון זיך בראָטן.

לויף איך אַף דער זון אַרויס,
נאָר די היץ איז ווידער גרויס...

נאָר צו וואָס? ס׳איז ניט פאַרבאָטן
זייַן אין זון און זייַן אין שאָטן!

1937

די ערד

די ערד איז גאָר ניט שלעכט געמאַכט,
כ׳האָב ליב, ווען מײַן באַקאַנטע לאַכט,
און ס׳טוט די יוגנט זיך אַ קנויל
אין מילדע ווינקלען פֿון איר מויל...

די ערד איז גאָר ניט שלעכט געשניצט,
איך האָב זי ליב באַזונדער איצט,
ווען דונערס קײַקלען זיך געשווינד,
און בליצן פֿלאַמען אָפּן ווינט.

די ערד איז גאָר ניט שלעכט געבויט,
די זון איז דאָ אויף יעדן פּלויט,
דער שטאָל איז שטײַף, דאָס ברויט — געשמאַק,
און ס׳פֿאַלט דער דעמב אונטער דער האַק...

די ערד איז גאָר ניט שלעכט געטאָקט,
אין כינע טאָגט, אין אינדיע טאָגט,
און שפּאַניע טראָגט אַ רויטע פֿאָן,
ס׳איז שיין, ווען שטורעמס קומען אָן!

די ערד איז גאָר ניט שלעכט צעבליט,
אַף העכסטע פעלדזן הילכן טריט,
אין טיפסטע טיפן הילכן טריט,
דאָס איז דער הילך פון אונדזער ליד!

1937

די נאכט־קאפעלע

גוט איז מיר אין היי אין פרישן,
גוט איז שלאָפן אָן א קישן
אף די הויכע, פרישע סטויגן,
כ׳קוק דעם הימל אין די אויגן —
הימל־אויגן, שטערן שווײַגן,
אלע הוילע, אלע העלע,
און אף אלע שפּיל־געצײַגן
שפּילט די גרויסע נאכט־קאפעלע.
טוט א בלאָז א ווינט א פלינקער,
טוט א רויש אין אלע ווינקלען,
שטייען אוף פון שלאָף די קליאָנען
און צעוויגן די לעוואָנע
אף די בלעטער אף די ברייטע,
בלעטער דרייען זיך צעשפּרייטע,
רוישן בלעטער, צווײַגן סקריפּען...

כאפּט זיך אוף דער כאָר פון ליפּעס,
קאָנען דעמבעס שוין ניט שווײַגן,
ווי די פידלען ווערן צווײַגן,
בלעטער פאלן, ניסלעך פאלן,
שאָרכן הינער אין די שטאלן,

און אין שטערן־שײַן אין העלער,
זשומעט ערגעץ א פּראָפּעלער.

נאָר די הויכע שטערן שווײַגן,
אַלע הוילע, אַלע העלע,
און אַף אַלע שפּיל־געצײַגן
שפּילט די גרויסע נאכט־קאפּעלע.
הירזשען פערדלעך אַף די וועגן,
פליעסקען פיש בא בלויע ברעגן,
ווערן פעלדזן ווי די טאצן,
טראָגן שטראָמען זיך און פּלאצן,
בא די פעלדזן זיך צעדרויבן,
ווינטן בלאָזן אין די טרויבן,
און פון ווײַט א מאָדנע קאָל דראָט,
ס'איז דער הימל הײַנט מײַן קאָלדרע,
און דאָס היי איז הײַנט מײַן קישן,
גוט איז מיר אין היי אין פרישן...

האָב איך צוגעמאכט די אויגן,
איז א רײַטער דורכגעפלויגן,
צו דער גרענעץ זיך געטראָגן,
און דער הימל נעמט שוין טאָגן.

אין געדיכטעניש פארלאָרן,
זיצט נאָך אַלץ דאָס יונגע פּאָרל,
איצטער קאָן מען גייען שלאָפן,
ס'איז די נאכט שוין דורכגעלאָפן...

ס'האָט דער האָן פון לאנג געקרייט שוין!
און דער גרויסער טאָג — ער גייט שוין!

א גוט־מאָרגן, מײַנע סטויגן!
פאַלט דער שלאָף אַף מײַנע אויגן,
איצטער קאָן מען רויִק שלאָפן,
ס׳איז די נאַכט שוין דורכגעלאָפן!

1937

זײַנען בושעלעס געפֿלויגן

זײַנען בושעלעס געפֿלויגן מיט א גוואלד,
זײַנען בושעלעס געפֿלויגן פֿונעם וואלד,
האָבן וועגן זיך צעצויגן,
און אױף אלע וועגן — פֿורן,
ניט קיין פֿורן — הויכע סטויגן...
אױף די וועגן בלײַבן שפּורן —
הארבסט און שטרוי,
הארבסט און שטרוי.
שרײַען בושעלעס פֿון הויכן בלוי:
— פֿורן, פֿורן, שטעלט זיך אָפּעט!
נאָר די פֿערדלעך טופּען, טאָפּען,
אױף די וועגן טופּען, טאָפּען,
טופּ און טאָפּ...
קוקן בושעלעס אראָפּ.

קוקט דער וואונדער פֿון די אויגן:
סטויגן! סטויגן!
סטויגן!

ערשט האָט נאָך די זון געפֿלאקערט,
ערשט געזייט און ערשט געאקערט,

9–2405

ווי די צײַט איז דורכגעפֿלויגן,
ווידער, ווידער פֿירט מען סטויגן!

זײַנען בושעלעס געפֿלויגן פֿונעם וואַלד,
זײַנען בושעלעס געפֿלויגן מיט א גוואַלד...

שרײַען טרײַבער פֿון די ערטער,
שרײַען מיט אזעלכע ווערטער:
— פֿליט אײַך, בושעלעס, אוועק,
מיר פֿארשטייען ניט די שרעק,
ווו ס׳איז ווארעם, דאָרט איז גוט,
ווו ס׳איז קאַלט, איז אויכעס גוט,
אונדז איז ליב און אונדז געפֿעלט
אי די ווארעם, אי די קעלט!

זײַנען בושעלעס געפֿלויגן אין דער הויך,
פֿון די רעדער האָט געטראָגן זיך א רויך.
סטויפּעס, סטויפּעס. לאנגע דראָטן —
דראָטן גלאנצן קאַלט,
און דער הארבסט האָט זיך געשאָטן
פֿונעם וואַלד.

1937

צו א פרײַנט

ליבער פרײַנט מײַנער, פארגעס זי,
דײַן באקאנטע, די פּאָעזיע,
זי איז טאקע ניט קיין מיִעסע,
זי האָט שײנקײַטן געװיסע,
און אפילע װערטער פעסטע,
נאָר זי איז שױן שטארק צעפּעסטעט...
פון דײַן פּענע גײט א קרירע,
כ׳שטעל זיך פאָר די לאגע אירע,
װען זי בלײַבט מיט דיר אײנצװײען,
װעסט זי קײנמאָל ניט פארשטײען!

ליבער פרײַנט מײַנער, פארגעס זי,
דײַן באקאנטע, די פּאָעזיע;
װען זי גײט נאָך מיט א צװײטן,
קאָן זי זיך אמאָל א דרײ טאָן,
נאָר מיט דיר איז גאָר מיט גאָרניט,
װײַל דו ביסט צו איר קײן פּאָר ניט!
מעגסט באזינגען אלע שטערן,
װעסט קײן דיכטער שױן ניט װערן!
ביסט א יִנגל, פול מיט פײַער,
װעסט א מאן זײַן א געטרײַער,

װעסט זיך אַ פאַמיליע שאַפן
באַ אַ גוטן, שטילן האָפן;
ליבער פֿרײַנט מײַנער, פֿאַרגעס זי,
דײַן באַקאַנטע — די פּאָעזיע!
זי איז זייער אַ קאַפּריזע,
און דערצו אַ בייזע איז זי,
גיי דערלאַנג איר גוטע גראַמען,
נאָר פֿאַרגראַם זי ניט מיט יאַמען,
בײַע װערטער װיל זי הערן,
נאָר פֿאַרגראַם זי ניט מיט שטערן,
זי װיל לייענען גוטע לידער,
ס'איז פֿאַר דיר אַ שלעכטער שידעך.
װעסט ניט זײַן מיט איר צופֿרידן,
ס'װעט דײַן לעבן דיך ניט פֿרייען,
ניט קיין לידער — אינװאַלידן
קאָנט איר האָבן בלויז אינצװייען!

ליבער פֿרײַנט מײַנער, פֿאַרגעס זי,
דײַן באַקאַנטע — די פּאָעזיע...

1937

די זון אין זעניט

ס׳איז זומערדיק אין פעלד,
די ברייט און ווײַט צעבליט,
אין גאָלד א גאנצע וועלט,
די זון איז אין זעניט.

און ס׳פליט דער טאָג געשווינד
דורך זאנגען און דורך צוויט,
ווי פריש עס ווייט דער ווינט!
די זון איז אין זעניט.

איך זיך. עס ברענט דער שטייך,
די ערד איז אָנגעגליט,
די שאָטנס ווערן קלייך,
די זון איז אין זעניט.

אין בראָנזע מײַן געזיכט,
און זוניק ווערן טריט,
מײַן הארץ איז פול מיט ליכט,
די זון איז אין זעניט.

1937

מיר וואַרטן

נו, רעג מיך שוין ווידער, נו רעג,
ווי דעמלט אין האַרבסטיקע טעג,
ווען ס׳האָבן די פֿויגלען אין סטעפּ,
ווי שורעס פֿון לידער געשוועבט...

נו, רעג מיך שוין ווידער, נו רעג!
א ווײַטקייט, א הויכקייט, א וועג,
פֿון מיזרעך אַף מײַרעוו איך פֿאָר
און זע אין דער זון דײַנע האָר...

נו, רעג מיך שוין ווידער, נו רעג!
א וועלדל, א טײַכל, א ברעג,
דאָס טײַכל דערמאָנט מיר דײַן קאָל,
דײַן פֿרישקייט דערמאָנט מיר דער טאָל...

נו, רעג מיך שוין ווידער, נו רעג,
ווי דעמלט אין טעג פֿון געשלעג,
איך האָב נאָך דײַן שמייכל געבענקט,
דו האָסט זיך אין רויכן געשווענקט...

נו, רעג מיך שוין ווידער, נו רעג...
איך הער שוין דײַן גאנג אפן ברעג,
מיר ווארטן אינצווייען שוין לאנג:
ס'איז איך און מײַן יונגער געזאנג...

1937

דער שוואַרצער וועג

איך האָב דורך ווילדע בערג געשפּאַנט,
געפּרוּווט די ווילדקייט מיט מײַן האַנט,
געגנערט מײַן לײַב מיט ווילדער פרוכט,
א שווערן וועג האָב איך פארזוכט.

איך האָב דעם העכסטן וועג געפּרוּווט,
איך האָב געוואַנדערט אין דער לופט,
איך האָב צוריק אַף דר׳ערד געבענקט,
נאָר כ׳האָב דעם הימל־וועג געדענקט...

דורך יאַמען האָב איך אויך געריַיזט,
אויך דאָרט איז שטאָלץ געווען מײַן גײַסט,
און כ׳האָב בא קיינעם ניט געפרעגט:
— ווו איז דער וועג?

און ברייטע וועגן אָן א שיר
זײַנען צעעפנט איצט פאַר מיר,
נאָר כ׳בלײַב א יינגל א געגאַרטס,
ווען כ׳זוך די סטעזשקע צו דײַן האַרץ...

1937

שפּאַצירן

די גאַסן בײַטן די קאָלירן,
די טײַכלעך טאַנצן בײַ די טירן,
און מיר שפּאַצירן...

דער טראָטואַר איז ווי אַ שפּיגל,
אַ פֿויגל פֿליט מיט פֿײַכטע פֿליגל,
און מיר שפּאַצירן...

פֿון דעכער דינע שנירלעך פֿליסן,
די וואָלקנס שיקן שלעכטע גרוסן,
און מיר שפּאַצירן...

אויף טײַכלעך וואַסער־קאַטשקעס טאַנצן,
און דעכער גלאַנצן, שויבן גלאַנצן,
און מיר שפּאַצירן...

כ'האָב זייער ליב, ווען פֿרויען שווײַגן,
עס קאַפּעט שטאַרקער פֿון די צווײַגן,
און מיר שפּאַצירן...

דו טוסט אַ זאָג אַ וואָרט אַמאָל נאָר,
די פֿײַכטקייט גאַנוועט זיך אין קאָלנער,
און מיר שפּאַצירן...

דערמאָנסט מיר רעגנס אין אָקאָפּן,
און אַף די באַקן גלאַנצן טראָפּנס,
און מיר שפּאַצירן...

דער רעגן גיסט פֿון הויכע שטאָקן,
און טראָפּנס טריפֿן פֿון די לאָקן,
און מיר שפּאַצירן...

דערמאָנסט מיר שטורעם־נעכט אין זאַנגען,
ווען רעגנס האָבן זיי באַהאַנגען,
און מיר שפּאַצירן...

און פֿון די שטרענגע דניעפּער־ברעגן
האָט ניט פֿאַרטריבן אונדז דער רעגן,
און מיר שפּאַצירן...

דער רעגן האָט אונדז ניט פֿאַרטריבן,
מיר קאָנען אויך אין רעגנס ליבן,
און מיר שפּאַצירן...

מע צינדט שוין לאָמפּן אין די הײַזער,
און ס׳רוקט זיך פֿלינק דער זייגער־ווײַזער,
און מיר שפּאַצירן...

אַ בליץ האָט זיך אין הויך פֿאַרלאָרן,
אַ קאַטאַפּאַלק איז דורכגעפֿאָרן,
און מיר שפּאַצירן...

ווער האָט אַ ליד לעם אונדז צעשלײַדערט? —
דאָס זינגען רויטאַרמייער ווײַט דאָרט,
און מיר שפּאַצירן...

1937

אונטער דעכלעך פון די ווײַעס

אונטער דעכלעך פון די ווײַעס
ווױנט א גאנצע וועלט בא דיר,
הייסער בלוי פון צאַפּן־קרײַעס
און דער זוניקער אינזשיר...

און די פרישקייט פון די סטעפּעס,
און דער הימל, ווען ער טאָגט,
און איך זע אזױנס נאָך עפּעס,
וואָס איך ווייס ניט, ווי מע זאָגט...

כ'זע די שטראָמען, ווען זיי צאַפּלען
אינעם יאָגן צו דער ערד,
און איך זע אין די שווארצאַפּלען
אויך אזױנס, וואָס איך האָב ווערט!

קוקן לײַטלעך אף מיר טרוקן,
אף מײַן שמייכל, אף מײַן גאנג,
און מע לאכט: ווי קאָן מען קוקן
אין די אויגן אזוי לאנג?

יענע לײַטלעך, יענע לײַטן,
מיט דער פֿרומקײַט אין געזיכט
בייגן זיך אין אַלע זײַטן,
ווי די פֿלעמלעך פֿון די ליכט...

ס'איז דער וועג פֿאַרזייט מיט קלומבעס,
דאָס איז אַלט שוין, ווי דער מײַ,
און אַז איך בין ניט קאָלומבוס,
איז פֿאַר דיר שוין אויך ניט נײַ...

1937

לאָמיר לאַכן

טרויער? —
פאַסט ניט אונדזער פּאָנעם!
אומעט? —
עגבערט און פאַרפּײַנט!
טרערן? —
זאָלן וויינען סאָנים —
לאָמיר לאַכן, מײַנע פרײַנט!

ווער נאָך האָט עס אױף רױִנען
נײַע וועלטן אױפגעשטעלט?
יאָ! מיר קאָנען זיך פאַרגינען
אַזאַ לאַך טאָן אױף דער וועלט,

אַזאַ הילך טאָן אױף די שליאַכן,
ווי מ׳האָט קיינמאָל ניט געלאַכט.
לאָמיר לאַכן!
לאָמיר לאַכן!
דער געלעכטער העלפט אין שלאַכט.

יעדער סקריפּ פון גרויסן וואָגן,
יעדער קריפּל, יעדער קרום,

ווי מיט בײַטשן זאָל הײַנט שלאָגן
דער געלעכטער אומעטום!

אין די בלוטן פון געראַנגל,
אין דער זוניקייַט פון מי,
ווי די קויל קאָן ניט דערלאַנגען, —
דער געלעכטער טוט א ברי!

וואָס פאר גרויקייַט אף געזיכטער?
גרויקייַט? —
איז ניט אונדזער פארב!
אף די פּלעצער פון געשיכטע
גייט ארום דער רויטער הארבסט!

צווייפל? —
איז אונדז פרעמד פון וויגל!
וועלקן? —
איז ניט אונדזער וואָרט.
אויסגעכאָוועטע אף זיגן,
לאכן מיר שוין לאנגע יאָר!

קוקט,
ווי אלטע וועלטן קראַכן,
ווי עס גייט אף זיי די נאכט!
לאָמיר לאכן!
לאָמיר לאכן!
דער געלעכטער העלפט אין שלאכט!

1938

די עלטער

ס׳איז די עלטער ניט געשמאַק,
זאָגן אַלע זקינים,
אַף די דעמבעס קומט די האַק
אין אַ טאָג אַ שיינעם...
ווען די דעמבעס ווערן אַלט,
פאַלן זיי אינמיטן וואַלד.

ווערט דער שטאָלצער אָדלער אַלט,
איז זײַן שווונג אַ ליגן.
און דער אַלטער לייב אין וואַלד
זיצט און כאַפּט זיך פליגן.
שטאַרקע לייבן ווערן אַלט,
פאַלן זיי אינמיטן וואַלד.

— אַף דער עלטער איז ניט גוט!
זאָגט מען אַף דער עלטער,
קעלטער ווערט דאָס הייסע בלוט,
פויגלען ווערן עלנטער,
פלינקע פויגלען ווערן אַלט,
פאַלן זיי אינמיטן וואַלד.

אױף דער עלטער װערט מען אַלט,
קילער װערט דער פֿלאַקער,
נאָר דער װײַן, װען ער איז אַלט,
איז ער נאָך געשמאַקער,
נאָר דער אַלטער װײַן איז גוט,
זאָל ער װאַרעמען דאָס בלוט!

װעט מײַן האַרץ ניט װערן גרױ,
װעט מײַן װאָרט ניט קילן,
װעט אין װעג דער קאַלטער טױ
מײַן געזאַנג ניט שטילן,
אױב כ'װעל מוזן אַלט שױן זײַן,
װיל איך אַלט זײַן װי דער װײַן!

ביז די עלטער האָט איר שטױב
אױף מײַן קאָפּ פֿאַרלאָרן,
טוט דעם אַלטן װײַן א הױב
פֿאַר די יונגע יאָרן,
פֿאַרן אײביק־גרינעם װאַלד,
פֿאַרן מענטש, װאָס װערט ניט אַלט!

1938

ס׳איז שיין דער אוקראַיִנישער סטעפּ

ס׳איז שיין דער אוקראַיִנישער סטעפּ,
און איך בין אין סטעפּ ניט קיין פרעמדער.
איך געדענק זיי, די מיידלשע צעפּ,
מיט די ייִנגלעך אין פאַרביקע העמדער...

עס ווייט אַזאַ סטעפּישער ווינט
און שורשעט מיט יאָמטעוו מיט נײַעם,
כ׳וואָלט געוואָלט באַ אַ שמייכלדיק קינד
אַף שטענדיק דעם שמייכל אַנטלײַען...

מײַן קערפּער איז פריש און געניט
און געוווינט שוין צו רעגנס און שנייען,
אומעטום, ווו איך שטעל מײַנע טריט,
וועלן מענטשן נאָך גייען און גייען...

ס׳איז שיין דער אוקראַיִנישער סטעפּ,
און איך בין אין סטעפּ ניט קיין פרעמדער.
איך געדענק זיי, די מיידלשע צעפּ,
מיט יונגען אין פאַרביקע העמדער...

1938

פושקינען

אזוי... אזוי... עס איז דײַן קאָל ניט ווײַט,
עס הילכט, און רופט, און רירט, און וווּנדערט,
איך הער דײַן ליד, איך זע דײַן צײַט —
וואָס איז בא דיכטער א יאָרהונדערט?

כ׳זע יענעם הימל איבער דיר,
מיט וואָלקנס בלײַענע באהאנגען:
דו האָסט די ברידער אין סיביר
געטרייסט מיט פלאמיקסטע געזאנגען.

אף שליטן רוסישן דו פליסט,
און ס׳קוקט אין ווײַט מיט שניי באשאָטן
א הענגענדיקער דעקאבריסט,
ווי ס׳פליט אף אומוועגן דײַן שאָטן.

די ליפּן דײַנע שמייכלען שטום,
און נאָר די לידער דײַנע שאלן,
אָט זע איך דיך אין ערזערום,
אָט שטייסטו בא קאווקאזער קוואלן.

איך הער דײַן קאָל אין קרימער בערג —
די טאָסטן פֿאַר דער שלאַנקער מערי,
דײַן לעצטן פֿאַל אויף רוסלאַנדס ערד,
דײַן לעצטן שאָס אין דער אימפּעריע.

װער קאָן זײ מוחל זײַן דײַן װײ,
כ'װעל אומעטום דײַן קאַט דערקענען,
װער זײַנען זײ? װאָס קאָנען זײ?
נאָר אופֿהענגען און נאָר פֿאַרברענען.

דער פֿײַנט האָט ניט דײַן רום געקעפּט,
נאָר זיך אַלײן צו שאַנד געשטױסן.
דו האָסט אַזױ נאָך ניט געלעבט,
װי דאָ בײַ אונדז אין לאַנד אין גרױסן!

דורך ליכט פֿון דוירעס כ'זע דיך קלאָר:
דו זיצסט איבער אַ ליד געבױגן,
און ס'פֿאַלט די שײַן אויף דײַנע האָר,
און ס'לעבן װידער דײַנע אױגן.

1938—1941

דאָס אייביקע געזאנג

געקומען זײַנען דוירעס און פארגאנגען,
אומשטערבלעך זײַנען זייערע געזאנגען,
דורך בערג פון צײַט, דורך אומרויִקע יאָרן
איז אופגעגאַן און איז אפסנײַ געבאָרן
דאָס זוניקע געזאנג פון רוסטאוועלי.

פון נידעריקסטן טאָל און ביז סטאצמינדע,
פון העכסטע מויערן ביז שטיבעלעך ביז בלינדע,
האָט זיך עס, ווי א בארג־קוואל, דורכגעריסן,
און ס׳האָט ניט אופגעהערט יאָרהונדערטער צו פליסן
דאָס פרעכטיקע געזאנג פון רוסטאוועלי.

עס פלעגן קומען, רוישן און פארגייען
מעדינעס, מאכנעס, טראָנען און ארמייען,
עס האָבן וועלטן זיך געהויבן און געפאלן,
נאָר קיינמאָל האָט ניט אופגעהערט צו שאלן
דאָס מעכטיקע געזאנג פון רוסטאוועלי.

דער גרויסער מעסך, דער טרויעריקער אײדעס
פון דוירעס פײַן אף גרויע קעפ פון זיידעס,
ער האָט געהערט דעם יאָמער פון די שקלאפן,

און ס׳האָט געבלאָנקעט אָן א היים און אָן א האפן
דאָס ליכטיקע געזאנג פון רוסטאוועלי.

ס׳האָט די קורא איר יוגנט ניט פארלאָרן,
די עלטסטע פעלקער זײַנען ווידער יונג געוואָרן,
ווען ס׳איז דער רויטער שטערן אופגעגאנגען,
און שטאָלצער האָט געהילכט אין די געזאנגען
דאָס לויטערע געזאנג פון רוסטאוועלי.

און פונעם ערשטן ביזן זעקסטן טויער
וועט קיין טביליסי מער ניט אָנקומען דער טרויער,
וואָס האָט אמאָל אין גאָרער וועלט געטריבן
דעם קלוגן מעסך, וואָס האָט מיט בלוט געשריבן
דאָס פלאמיקע געזאנג פון רוסטאוועלי.

געקומען זײַנען דוירעס און פארגאנגען,
אין אונדזער היימלאנד לעבן די געזאנגען,
וואָס אלע דוירעס האָבן אויסגעכאָוועט,
און ס׳לויכט בא אונדז אין ליבע און אין קאָוועד
דאָס אייביקע געזאנג פון רוסטאוועלי.

1938

אָשערן

א שטויב קומט צו פליִען א ווײַטער
צו מיר אפֿן פרײַנטלעכן שליאך,
איך ווייס שוין, דאָס טראָגן זיך רײַטער
מיט לידער א סאך...

צו פענעמער גרויע פֿון וועגן
איך קוק זיך מיט נײַגער שוין צו,
און איינעם איך לאָז זיך אנטקעגן,
מיר דאכט, אז ס׳איז דו...

איך הער, ווי עס זינגען די ערדן,
און נעענטער ווערט דאָס געזאנג,
דאָס גייען די דיכטער מיט שווערדן,
ס׳איז הויך זייער גאנג.

ער ווייסט ניט קיין פלאָנטער פֿון וועגן,
ער ווייסט ניט קיין שימל פֿון רו,
און איינעם איך לאָז זיך אנטקעגן,
מיר דאכט, אז ס׳איז דו...

און אָפּט, אפּן שליאַך, אין די סעדער
דערפיל איך דיַין ברודערשע האַנט.
עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך זע דיך,
דו גייסט דאָ באַנאַנד.

איך וויל אונדזער לעבן די ווערט זיַין
מיט אַלץ, וואָס איך טרוים, וואָס איך טו.
און אויב ס'וועט דער טויט מיר באַשערט זיַין,
איז פאַלן, ווי דו...

1938

די ליד פון טאראסן

מיר האָבן זיך אלע געלערנט
אי ליבן, אי האסן
בא דעם, וואָס האָט וועגן באשטערנט, —
בא אונדזער טאראסן.

אין שטעטל אין גרויען אין מייַנעם,
אין שטיבל אין נאסן,
געהערט כ׳האָב דאָס הארץ פון אוקרייַנע,
דאָס הארץ פון טאראסן.

און ווען ס׳האָבן גווירים געהוליעט
אין ברייטע קאליאסן,
האָב איך צו די ליפן געטוליעט
דאָס וואָרט פון טאראסן...

די ליד פונעם עמעס דעם גרויסן,
וואָס לעבט אין די מאסן,
די ליד וועגן אייביקן ברויזן,
די ליד פון טאראסן...

איך טראָג אין מײַן האַרצן זײַן נאָמען
אויף הײַנטיקע גאַסן,
און כ'הער איבער שטעטלעך שטראָמען
דאָס קול פון טאַראַסן.

1939

צו אן אוקראַיִנישן דיכטער

וואָלאָדימיר סאָסיורען

דו האָסט דײַנע לידער געשעפּט פון די טיפן,
דו האָסט זיי אין שטורעם
אין הויכן געשליפן,
דו האָסט זיי געטראָגן דורך פלאַטער פון לעבן,
די ערד האָט איר זאַפט
דײַנע לידער געגעבן.
די הייך האָט איר לירישע בלויקייט געשענקט זיי,
דער דניעפּער — אין מעכטיקע שטראָמען געשווענקט זיי,
דער בארג האָט געגעבן זיי
פרישקייט פון קוואַלן,
די זון האָט פאר זיי גיט געקארגט
אירע שטראַלן.
עס אָטעמט די צוקונפט אין לידער אין דײַנע,
עס לעבט אין דײַן דיכטונג
דאָס פאָלק פון אוקראַיִנע.
זאָל שטײַגן דײַן יוגנט, זאָל וואַקסן דײַן גוורע,
מײַן דיכטער און פרײַנט,
וואָלאָדימיר סאָסיורע.

1938

ליזע לאכט

קאווקאזער וועגן,
ווער קאָן אײַך ניט?
דער זון אנטקעגן
דער אווגוסט ציט...

א פעלדז גייט אונטער,
א פעלדז דערוואכט,
ס'איז זייער מונטער, —
און ליזע לאכט.

די שאָען גייען,
דער אווטאָ יאָגט,
און ביימער שטייען
ווי אויסגעטאָקט...

דער יאם — אָט איז ער,
ער ליגט פארטראכט,
און יונג איז ליזע,
און ליזע לאכט...

אָן אָפּגרונט האָט אונדז
געטאָן א בלענד,
אָן אָפּגרונט דראָט אונדז
מיט פײַכטע ווענט.

און מיר — מיר יאָגן,
דאָס אויג פארמאכט,
די כוואליעס קלאָגן,
און ליזע לאכט.

די קיפּאריסן
אין כאקי־זײַד,
די קעפּ פאריסן,
מע שפּאנט אין ווײַט.

מע שפּאנט אין פאָרן,
ווי אף א שלאכט,
ס'איז גוט צו פאָרן,
ווען ליזע לאכט!

א הייב, א קלעטער,
א בוים אין מיט,
אָט טוען בלעטער
פון בוים א שיט...

א בארג, א רײַטער,
א גרינע נאכט,
מיר פאָרן ווײַטער, —
און ליזע לאכט.

1939

די מאמע פּרעגלט אײַנגעמאַכטס

דער גאַנצער הויף גייט כאַדאָראָם,
דער ווינט צעבלאָזט דאָס פֿײַער,
דאָס בלוט אין אַלע אָדערן
יאָגט פֿרייליכער און פֿרײַער...

די מאמע פּרעגלט אײַנגעמאַכטס,
פֿון מאַלינעס, ווי סאַמעט,
איך שטיי לעם איר אַן אײַנגעדאַרטס,
געבויגן, ווי אַ לאַמעד.

איך שטיי לעם איר אַן אײַנגעקוואַרטס —
נאָר אָדערן און ביינער,
די מאמע פּרעגלט אײַנגעמאַכטס,
און איך בין נאָך אַ קליינער...

די שוועסטערלעך און ברידערלעך
באַלאַגערן די שיסל,
אין לאַטקעלעך די פֿלודערלעך,
די קליידעלעך צעריסן...

אזויפיל שיינקייַט האָבן זיי,
די מאַלינעס... אַ כייַעס!
די מאַמע נעמט אַראָפּ פון זיי
די גרינע שמאַטעלייַעס.

און יעדע פּוכקע מאַלינע
מיט זאַמדצוקער באַשיט זי,
און נאָר אַראָפּגעפאַלענע
די קינדער אירע גיט זי...

מיר שטייען און באַלעקן זיך,
מיר שטייען אַלע אייניק,
מיר ציטערן, מיר עקן זיך,
זיי פאַלן אַזוי ווייניק...

זיי פאַלן ניט, זיי פאַלן ניט,
אָט וואַרט שוין די טריבישקע,
מיר שמעקן נאָר די מאַלינעס,
די זאַפטן און די פרישקייַט...

מיר קוקן ווי פאַרגאַפט אױף זיי,
אַזעלכע און אַזוינע,
געדיכטער ווערט די זאַפט אין זיי,
די בעקלעך ווערן ברוינע...

— — — — — — — — —

מיר כראָמקען די פּיפּאַליקעס
מיט קנאָבל אַלטן, שאַרפן,
און ערגעץ שטייען מאַלינעס.
— לעווייַ, מע זאָל ניט דאַרפן!

1939

א שעמעוודיק מיידל

דאָס מיידל, וואָס שיילט די קאַרטאָפל,
געפעלט מיר ביז גאָר,
איר בליק, וואָס איז עטוואָס פאַרשלאָפן,
די פלאַקסענע האָר.

קאַראָמיסלעס צוויי — אירע ברעמען,
די לעקלעך — ווי גלעקלעך, ווי ניס,
דאָס ווינטל, דער שעד זאָל אים נעמען,
אַנטבלויזט אירע פיס.

זי שיילט די קאַרטאָפל מיט סייכל
און וואַרפט זיי אין טאָפּ,
און ווען זי דערזעט נאָר מײַן שמייכל,
באַהאַלט זי איר קאָפּ.

באַהאַלט אים אין טיכל... פון וועמען?
פון מיר אַף געוויס...
דאָס ווינטל, דער שעד זאָל אים נעמען,
אַנטבלויזט אירע פיס.

וואָס שעמט זיך פאַר מיר אָט דאָס מיידל
מיט פלאַקסענע האָר?
אַפילו דאָס ציצענע קליידל
געפעלט מיר ביז גאָר...

זי טוט די קאַרטאָפל אַ רייניק,
די שאָלעכץ אַראָפּ,
זיי טוען, ווי טײַבעלעך קליינע,
אַ פּלי אינעם טאָפּ.

וואָס דאַרף זי, מײַן מיידל, זיך שעמען?
נאָר אַלץ וואָלט שוין גוט געווען, ביז...
דאָס ווינטל, דער שעד זאָל אים נעמען,
אַנטבלויזט אירע פיס.

איך ווייס ניט, וואָס בין איך דאָ אויסן,
איך שטיי לעם דער אָפענער טיר,
זי קוקט אויפן טאָפּ אויפן גרויסן,
זי קוקט ניט אויף מיר...

איר בליק איז שוין גאָר ניט פאַרשלאָפן,
איך פיל, ווי פאַרטײַעט ער ברענט,
וואָס פאַלן אויף דר'ערד די קאַרטאָפל
פון מיידלשע הענט?

גענוג שוין קאַטאָוועסלעך טרײַבן!
זיי פאַלן אויף דר'ערד אָן אַ שיר,
אַצינד איז מיר גוט. כ'וועל זיי קלײַבן
איבעינעם מיט איר.

כ'האָב ווידעראַמאָל ניט געטראָפן,
זי זאָגט: זי וועט קלײַבן אַליין,

איך האָב ניט געזען, אַז קאַרטאָפּל
זאָלן זײַן אַזוי שײן...

זײ װערן נאָך טױזנט מאָל ליבער,
װען זי טוט זײ די מאַנטעלעך אױס,
איך טו זיך אַ הײב, װי אַ גיבער,
און... רוק זיך אַרױס...

— װאָס זאָל מען צום פֿרישטיק דיר שטעלן? —
מע פֿרעגט מיך... איך הער...
— מיר זײַנען קאַרטאָפּל געפֿעלן, —
קאַרטאָפּל, ניט מער!

1939

עס שמעקט דײַן ליד

מ. רילסקין

פון „ווײַסע אינדזלען" קומסטו אַט אַהער,
דו ביסט פון זיי שוין לאנג אוועקגעגאנגען.
עס שמעקט דײַן ליד אצינד מיט רײַפע זאנגען,
וואָס בייגן זיך צו ערדן זאפטיק־שווער...

דײַן אומעט פון אמאָל איז שוין פארגאנגען,
און „קיִעוו" זינגט אין דיר. וואָס דארפסטו מער?
עס פינקלט איצט דײַן ליד, ווי דאָס געווער,
וואָס הייבט זיך קעגן עגדעשן און שלאנגען...

דער דניעפּער האָט דיך אויסגעלערנט האסן,
און ליבן האָט געלערנט דיך דער טײַך,
דו הארציק אייניקל פון ברויזיקן טאראסן.

כ׳בין איבערפולט מיט די יאָמטויווים דײַנע,
און מיט דײַן קלוגער רײַכקײַט בין איך רײַך,
און זינג מיט דיר די לידער פון אוקרײַנע.

1939

דאָס בערעזענע געזינדל

ווען כ׳דערמאָן זיך דאָס בערעזענע געזינדל
בא דעם שפּאָלער טײַכל לעבעדין,
טוט די קינדהײַט פאר מײַן אויג א שווינדל,
און עס ציט מיך נאָכאמאָל אהין...

צום בערעזענעם געזינדל צו דעם שטילן,
ווו כ׳האָב אָפּט די טעג מײַנע פארבראכט,
העט אהינצו, ווײַטער פון די מילן
שטייט זיך דאָס געזינדל טאָג און נאכט...

טאָג און נאכט באזונדער און אינײנעם
שטייען זיי, ווער יונג איז און ווער אלט,
און עס לערנען זיך בא זיי די שכיינים
ווי צו זײַן באזונדער און אינײנעם,
און מיט קינע קוקט אף זיי דער וואלד...

טאטע־מאמע שטייען איינס לעם צווייטן
און מע פלאפלט זיך פון גאָרניט טאָן,
אין א קאפּעליוש א גרינעם און א ברייטן
שטייט דאָס עלטסטע זינדל אויבנאָן...

אין א גרינעם מאנטל שטייט דער פעטער,
די פּלעמעניקעס געפעלן אים ביז גאָר,
טרייסלט ער דעם קאָפּ מיט גרינע בלעטער,
נאכעס קלייַבנדיק פון יונגן דאָר...

און די קינדער, איינס פון צווייטן קלענער,
דינינקע בערעזקעלעך א סאך,
ניט ווייסנדיק, אז מ׳איז ניט מער ווי שפּענער,
זיי נייגן זיך, ווי טענצערנס, צום שליאך...

ווייַסע פארטעכלעך צעווייען זיך, צעווייען,
ווייַסע גארטעלעך פארגארטלען זיי ביז דר׳ערד,
ס׳איז דער טאטע הויך און גראָב פאר צווייען,
טרייסלט ער מיט זייַנע זיבן בערד...

קוקט די מאמע אף איר גוטס און פרייט זיך,
מיט די בלעטער טוט זי לינד א וויי,
ס׳וואָלט די מאמע זיי געגלעט, פארשטייט זיך,
קאָן זי זיך ניט אָנבייגן צו זיי...

ווען כ׳דערמאָן זיך דאָס בערעזענע געזינדל
בא דעם שפּאָלער טייַכל לעבעדין,
טוט מייַן קינדהייַט נאָכאמאָל א שווינדל,
און עס ציט מיך נאָכאמאָל אהין!..

1940

פון מײַן באָבעס וויגלידער

אײַ־ליו־ליו־ליו־ליולינקע,
שלאָף זשע, מײַן זאָזולינקע,
אין א וואלד א גריבעם
ווינט דער בלינדער ביגעם,
אין א וואלד א בוקענעם.
אף א דאך א טרוקענעם,
אָפגעשיט מיט בלעטער,
אלע קינדער זעט ער.
אין א רויך א דינעם
זיצט דער בלינדער בינעם
מיט אזוינע ליפּן,
מיט אזוינע אויערן,
הייבט די נאכט אָן כליפּען,
עפנט ער די טויערן,
בלאָנקעט מיט די סטעזשקעס,
און די נאכט דערשראָקן
לייגט אף זײַנע זאָקן
לעוואָניקע מערעזשקעס...

רײַטנדיק אף שרעטעלעך,
פאָרט ער איבער שטעטעלעך,
ווער ס׳פארמאכט די אייגעלעך,
יענעם גיט ער בייגעלעך,
באָקסערן און טייטלען
גוטע קינדער טיילט מען,

אייערדיקע קיכעלעך,
און אױף װײַסע טיכעלעך
פּירט מען זיי זיך שיפּן
איבער יאַמען־טיפּן,
איבער יאַמען ציכטיקע,
איבער אינדזלען ליכטיקע,
דאָרט, װוּ אינעם שאָטן,
װאַקסט שוין לאַנג, קיינהאָרע ניט,
הױכער לעקעך קאָרענער
מיט קישמיש באַשאָטן...
איַי־ליו־ליו־ליו־ליולינקע,
שלאָף זשע, מײַן זאָזולינקע,
פֿונעם װאַלד דעם װײַסן
קומט א בער א קײַסן,
װער סע שלאָפֿט ניט — עסט ער,
נאָר װער ס׳איז דער בעסטער,
ברענגט ער אים א בערעלע,
סאַמעטענע הערעלעך,
פּליוש אױף זײַנע פּיסעלעך,
אייגלעך, װי די ניסעלעך...
גיכער אייגעלעך פֿאַרמאַכט,
ס׳קלאַפּט דער יאַסטער אינעם דאַך,
מיט די גרױסע פֿליגל
פֿאָכט ער אױף דײַן װיגל...

גיי! גיי! גיי אַװעק,
אונדזער ליולינקע ניט װעק!
שאַ!

1940

בריקן

איבער אַלע טײַכן הענגען בריקן,
ניט קיין בריקן — עמעסע אַנטיקן...

שטאָל־געטאָקטע און מיט זון באַזוימטע,
הענגען זיי, ווי שלעסער אויסגעטרוימטע...

רופּנדיקע, לופטיקע, צעבליצטע,
שטאָל־געטאָקטע, זון־באַזוימטע, האַלץ־געשניצטע...

ווי פון אַלע כוישעכדיקע צײַטן,
פליִען שפּאַרבערס פון אַ לאַנד אַ ווײַטן.

שוואַרצע פויגלען טראָגן טויט און סינע,
בריקן ברענען איבער מײַן מעדינע...

די פאַרענטשן, ווי צעפליקטע פליגל,
איבער טויטע אָפּגרונטן זיך וויגן...

פאַרלעך פלעגן דאָ אַמאָל שפּאַצירן,
און דער שטויב אַפילע פלעגט דאָ שעמערירן...

טרויער מײַנער! שטיי ניט אױף די װעגן,
ווי א װעכטער שטעל זיך בא די ברעגן.

דו װעסט זײַן בא מיר דער ערשטער אײדעס,
אז די בריקן, װאָס געדענקען מײַנע זײדעס,

װעלן זיך א הייב טאָן נאָך די שלאַכטן,
אין די װאַסערן זיך שפּיגלען אין פאַרנאַכטן.

איבער טײַכן װעלן הענגען בריקן.
ניט קיין בריקן — עמעסע אַנטיקן.

װײַל ס'איז דאָ אױף דר'ערד א בריק אזא מין,
װאָס קיין סוינע שרעקט אים ניט, קיין פלאַמען

נעמען ניט זײַן װוּנדער־שטאָף. צעפליקן
קאָן מען ניט דעם בריק פון אלע בריקן!

יענער בריק איז ניט פון האָלץ, פון אײַזן,
ער איז ניט צום שפּאַנען, ניט צום רײַסן,

און דער סוינע קאָן צו אים ניט גרייכן —
ער איז העכער פון זײַן קראַפט און סייכל!

ס'איז דער בריק, װאָס אים געזען האָט קיינער,
און אזא איז דאָ אינגאַנצן אײנער!

איינער איבער טײַכן, טאָלן, װעגן —
האַרץ און היימלאַנד זײַנען זײַנע ברעגן.

װי א רעגנבויגן זײַנע פאַרבן גליִען,
פון מײַן האַרץ הייבט אָן דער בריק זיך ציִען,

און מײַן הײמלאנד מיט מײַן הארץ פֿארבינדט ער,
אָט דער בריק, פֿון גלױבן א געשפּינטער.

טרױער מײַנער! בלאָנקע ניט אַף שליאכן,
נעם א ביקס און גײ דעם בריק באַװאכן!

1942

קאָלירן

כ׳האָב ליב די פילקאָלירטע וועלט
פון באַרג־שפּיצן און טהאָמען,
מיך ציט די גרינקייט פונעם פעלד,
פון גראָז די דינע שטראָמען...

און קיינמאָל ווערט מיין אויג ניט זאַט,
און ס׳ווערט ניט נימעס טרינקען
די שאַרפע גרינקייט פונעם בלאַט,
וואָס ווערט אין זון פאַרזונקען...

כ׳האָב ליב די שוימענדיקע שפּיל,
דעם פינקל פון די פאַרבן,
ווי קאָנען אויגן בלייבן קיל
צום גאָלד פון זונען־גאַרבן?

צום האָניק פון דער זונענשיין,
צום געלן רויש פון קאָרן,
איך פאַל פאַרטאָג אין אים אריין
און ווער אין אים פאַרלאָרן...

כ׳האָב ליב דעם פֿלאַטער פֿונעם טוי,
די טראָפּנס פּערלמוטער,
איך וויקל זיך אין הימל־בלוי,
ווי אין אַ בלויען פֿוטער...

עס שיקערט מיך, ווי אַלטער ווײַן,
די ווײַסקײַט פֿון די שנייען,
ווען ס׳קומט אַף זיי אַ קאַלטע שײַן
די זוימען ליכט פֿאַרזייען...

ניט איין מאָל האָט אַף טריט און שריט
די שוואַרצקײַט מיך געצויגן,
ס׳איז דער קאָליר פֿון אַנטראַציט
און פֿון מײַן מיידלס אויגן...

און יענע שוואַרצקײַט כ׳לויב און אַכט
און וועל אין אויג זי האַלטן,
זי האָט אין מאַנטלען פֿון דער נאַכט
פֿון סוינע מיך באַהאַלטן...

נאָר מער פֿון יעטווידן קאָליר
איז ליב מיר פֿון לאַנגאָנען
די פֿאַרב, וואָס פֿלאַקערט אין עפּיר,
די רויטקײַט פֿון די פֿאָנען!

1946

הערט מיך, ברידער!

ברידער מיינע, הערט מיך, ברידער,
זאָלן וואך זיין הארץ און אויער,
כ'שריי פון טאָלן ווײ און טרויער,
ווּ די שווארצע אומקום־לידער
זינגט דער טויט.
אין טאָג אין יענעם
כ'האָב אף בערג פון ווײ און ווונדן
שוין פארזוכט דעם טאם פון געגעם.
פון מיין אויג וועט ניט פארשווינדן,
ניט אנטלויפן, ניט אנטריגען,
ס'וועלן ווינטן ניט צעווייען, —
כ'האָב געזען: אף פעלדער גרינע
ליגט א קינד צעהאקט אפצווייען,
ליגט און קוקט מיט טויטע אויגן,
ליגט מיט הענטלעך אויסגעצויגן...

ברידער מיינע! זייט איר בלינד דען?
איז דאָס קינד ניט אייער קינד דען?

כ'האָב געהערט אין שאָען פריע,
ווי געסקריפעט האָט א טליע,

און געוויגט א יונג א קאַלטן,
נאָר די הענט, ווי גרייט צום רודער,
אין דער לופט האָט ער געהאַלטן.
איז דער יונג ניט אײַער ברודער?

אף א טײַך אין אש אין גרויען
און אין וויטעק און ביזאָיען
כ׳האָב געזען א פרוי אף שטראָמען,
אָפּגעזונדערט פון איר נאָמען.
איז דאָס פייגע? איז דאָס עסטער?
איז דאָס מיידל ניט דײַן שוועסטער?

ברידער מײַנע! ווער וועט צאָלן?
פון דעם בלוט, וואָס שטראָמט אָן אופהער,
ווערט די גאַנצע ערד געשוואָלן,
פון דעם בלוט, וואָס שטראָמט אָן אופהער,
ווערן טײַכן פון די טאָלן.

קאָנסטו קוקן אין די אויגן
פון דײַן ווײַב און קינדער דײַנע
און ניט רויט ווערן פון בושע?
ברענט און בראָט דיך ניט די טײַנע
פון די שוועסטער די געשענדטע
און באשמוצטע דורך די שעכטער,
פון געקוילעטע, פארברענטע
זיידעס, טאטעס, זין און טעכטער?
כ׳האָב געזען: אין טויטן קאָרן,
אף די שיידוועגן פארלאָרן
אזא גוטע אלטע מאמע.
אירע מוטערלעכע אויגן

זײַנען קענטלעך דיר מיסטאמע?
אויב ניט זי האָט דיך געזויגן,
האָט א צווייטע דיך געזויגן,
איז די פרוי דען ניט דײַן מאמע?

ברידער מײַנע! לאָמיר שווערן
בא דער מאמעס ריינע טרערן,
בא די קינדער אין די וויגן,
בא די זילבער־בערד פון אָוועס,
בא די מייסים אין די ראָוועס:
אָדער פאלן, אָדער זיגן!

1943

אין דער פרעמד

די זעלבע זון, די זעלבע שטערן,
נאָר עפּעס אַנדערש,
כ׳קאָן אײַך שווערן,
ס׳איז עפּעס אַנדערש,
דער זעלבער וואַלד, די זעלבע לאָנקעס,
ניטאָ די גרינקייט,
ניטאָ די גרינגקייט,
א גלײַכער וועג, נאָר ס׳דוכט דיר, אַז דו בלאָנקעסט...

א מאָדנע קרומקייט,
א מאָדנע שטומקייט
אַף אַלע ברעגן,
און ס׳בלענדן ווערטער אַף די וועגן:
— קויפט מאַראַנצן! (אין ציגאַר־פּאַפּיר).
— סיגאַרעטן! (אין ציגאַר־פּאַפּיר).
— פעלט אײַך טרויער? (אין ציגאַר־פּאַפּיר?)
— פעלט אײַך ליבע? (אין ציגאַר־פּאַפּיר!)

דער זעלבער בוים, דער זעלבער טרויער,
די זעלבע שוועל די טריבע,

נאָר עפּעס אַנדערש,
די טרער אַפּילע, די גרײַזע טפּילע
איז אין ציגאַר־פּאַפּיר...

אַף יענע ליפּן — ניט אונדזער שמייכל,
אין יענע מויכעס — ניט אונדזער סייכל,
ניט אונדזער ווייץ אין יענע סטויגן,
ניט אונדזער פּלאָם אין יענע אויגן,
ניט אונדזער לאַנדיש...
די זעלבע זון, די זעלבע שטערן,
נאָר עפּעס אַנדערש.

טשיקאַגאָ, 1943

מײַן ערשטע ליד

געווען איז דאָס אין שפּאָלע אױף לעסנאיע, —
א געסעלע אזא, א קױטיקס, א מעכײַע,
מיט אַלטע װײַבער אױף די אַלטע טרעפּ,
און יונגעלײַט מיט יארמלקעס אױף קעפּ,
מיט גראָבע באַלעגאַלישע געשרײען,
מיט ליבן זומער־שטױב און בײזע װינטער־שנײען...

עס איז געװען דער פּערטער יון אױף אונדזער װעלט,
דאָס יאָר דאָס אכצנטע האָט זיך אין קאָן געשטעלט
מיט זײַנע שוך־גריבער און העלדישקײַט און נױט,
װען יעדער יונג האָט זיך אַלײן א סאָד פּארטרױט
און האָט געזוכט זײַן מאָרגן — זײַן פּאַרמעגן,
װער אױף די בערג, װער אױף די נידער־װעגן...

אױך איך בין יונג געװען, װי אַלע יונגען,
װען כ׳האָב דערפילט, װי ס׳האָט דער זומער זיך צעזונגען
אין מײַנע הײסע פיבערדיקע הענט,
האָט אין די הענט א בליץ געטאָן א בלײַער —
און ניט קײן אױסיעלעך, נאָר טראָפּנס פײַער
האָבן אין העפט מײַנעם אין דינעם זיך צעברענט...

אזוי האָב איך מײַן ערשטע ליד פאַרשריבן,
זי איז אין די אַרכיוון ניט געבליבן,
נאָר כ׳האָב זיך הײַנט דערמאָנט מײַן ליד — מײַן בכאָר,
צי ווײַל אַ נאַרישקײַט געדענקט זיך,
און נאָך די קינדער־יאָרן בענקט זיך,
און עלטער כ׳בין מיט פינף און צוואַנציק יאָר...

דאָס איז געווען אין שפּאָלע אויף לעסנאַיע
צווישן זידלערײַ און פויגל־צוויטשערײַען,
און הײַנט בין איך אין מידבר אין סוראַן,
און ווידער איז דער פּערטער יון הײַנט,
און ווידער בריט די גוטע זון הײַנט,
ניט די, וואָס האָט געבריט מיך דאַן...

די מידבר־ווינטן גליִען, בראָטן,
איך בלאָנקע אום און זוך אַ שאָטן,
ס׳איז זון מיט שאָטן אויסגעמישט,
איך טראָג אויף זיך דאָס פֿײַנע בינטל,
און ס׳בענקט זיך שטאַרק נאָך יענעם ווינטל,
וואָס האָט מיך אין מײַן לאַנד געפרישט.

סוראַנער מידבר, 4 יון 1943

אזויפיל איך

כ׳ווייס, כאווירים, כ׳בין זיך מוידע,
ס׳האָט זיך יעדערער זײַן איך,
איינער שלעפּט זיך דורכן בוידעם,
און דער צווייטער דורך דער קיך.
ווען די טיר איז א צעפּראלטע
און מע קאָן אַרײַנגיין לײַכט
מיט די וועגן די צעשטראלטע
שטאָלץ און שיין און אויסגעגלײַכט,
שלעפּט זיך איינער דורכן בוידעם,
און דער צווייטער — דורך דער קיך...

קומען זיי אַרײַן, ווי סוידעס.
זאָגט דער ערשטער: איך בין איך,
מאכט דער צווייטער: איך בין איך.

שרײַט דער דריטער: איך בין איך,
קרעכצט דער פערטער: איך בין איך,
ווי איז מיר, אזויפיל איכן
דורכן אלטן בוידעם קריכן,
בלאָנדזשענדיק אין קלאָרע טעג,

הערן זיי ניט אויף צו פרעגן,
און זיי זוכן צווישן וועגן
נאָר דעם בוידעמדיקן וועג.
נו, און מיר? מיר זײַנען מיר!
די, וואָס גייען דורך דער טיר.

לאָנדאָן, 1943

די נעסט

ראכילן

דײַן הארץ איז די נעסט,
ווו איך קאָן זיך פון שטורעמס באהאלטן,
באהיט זי פון זשאווער, פון פעסט,
באהיט זי, די נעסט,
ווו איך קאָן זיך פון קינע באהאלטן.
דײַן הארץ איז דאָס אָרט,
ווו איך רו,
ווו איך ברויז
מיט מײַן נאָך ניט־געבאָרענעם וואָרט,
מיט מײַן זינדיקן טרויער דעם אלטן.
היט דײַן הארץ, היט די נעסט
פון וואנדערער גרויע, פון געסט,
וואָס קומען ארײַן אין דײַן הארץ פונעם שטויב זיך באפרײַען
און ווידער אַף וועגן אַף אלטע און נײַע
זיך לאָזן נאָך שטויב און נאָך שטויביקער שײַן...
היט דײַן הארץ!
היט דאָס ווינקל, וואָס האָט נאָך א ביסעלע רו פאר מײַן קאָפּ,

א ביסעלע צארטקײַט
און מוטערשע לופט פאר מײַן אָטעם...

כ׳האָב װינקלען א סאך אף דער ערד שוין באטראָטן,
פארשיידענע פרוכט
שוין פארזוכט,
און נעסטן א סאך אף דער זינדיקער ערד שוין באזוכט.
געװוען זײַנען נעסטן מיט טעפּיכער בונטע באצירט,
מיט גאָלד און מיט זילבער באהאנגען,
עס האָט מיך מײַן אומזין פארפירט,
כ׳בין געגאנגען,
נאָר װען כ׳האָב דערמאָנט זיך אין דיר,
האָב איך זיך געפילט װי א רױבער,
װאָס האָט זיך באגאנװעט אליין,
און ס׳האָט זיך געװאָלט דורך מידבאָריעס אין
יאם־שטראָמען גײן
געפינען אָט דאָס, װאָס געפעלט האָט אין נעסטן א סאך —
דעם זױבער,
װאָס װױנט אין דער אײנציקער נעסט,
װוּ איך פיל, אז כ׳בין ניט אין געסט...

אפריקע, 1943

דער פּאָפּוגע איז קאַלט

צעפּייַפּט זיך אין דרויסן די ווינטן,
די שטאָט האָבן שנייען באַדעקט,
איך קוק אויף דער גרינער פּאָפּוגע,
די פליגל מיט רויטן געפלעקט,

ווי ס'וואָלטן זיי סרייפעס געשטעמפּלט —
ווי ס'וואָלטן זיי פלאַמען באַזוימט,
און ס'האָבן צוויי־אויגיקע לעמפּלעך
פון אפריקע ווייַטער געטרוימט:

געטרוימט וועגן שלאַנגיקע בליצן,
וואָס האָבן די דזשונגלעס באַשייַנט,
און פון אפריקאַנישע היצן
און וועגן פּאָפּוגעס — די פרייַנט.

זיי האָבן געטרוימט וועגן צווייַגן
מיט זון און מיט גרינס און א שיר,
און האָבן געקוקט פונעם שטייַגל
אויף נאַכט, און אויף שניי, און אויף מיר.

אין אויגן דער פויגלשער ווי האָט
מיט טײַנע מיט שטומער געשטראַלט,
כ׳בין שולדיק אין דעם, וואָס דער שניי האָט
געמאכט אָט די וועלט אזוי קאַלט?

ניט איך האָב די שנייען צעשאָטן,
ניט איך האָב דעם פראָסט אויסגעטראַכט,
מײַן ווי איז אין דײַנעם געראָטן
אָט דאָ אין דער פרעמד, אין דער נאַכט.

אָט דאָ אין דער ריזיקער ענגשאפט,
וווּ אַלץ גייט קאַפּויר און פאַרקערט,
האָט שטאַרק זיך צעפלאַקערט מײַן בענקשאַפט
אַהיים, צו מײַן לאַנד, צו מײַן ערד.

וואשינגטאָן, 1943

פײַער

ס'איז יעדערן באַשערט זײַן ביסל פֿײַער,
וואָס וואַרעמט, און וואָס לײַטערט, און וואָס שטאַרקט,
און ווײַל איז דעם, וואָס האָט זײַן פֿלאַמיקן צושטײַער
פֿאַר קומענדיקע דורות ניט געקאַרגט.

ניט אַלע ווילן זיך שוין הײַנט פֿאַרגינען
צעפֿאַקלען זיך פֿאַר מאָרגנדיקע טעג,
זיי בלײַבן בלויז דער רויך אין דעם באַגינען,
זיי בלײַבן בלויז דער רויך פֿונעם געשלעג.

אין אײנעם גיט אַ בליץ אַ בליץ אַ בלויער,
אַ בליץ, און ווערט מיט קאַלטן אַש באַשיט,
און דאָס איז אַליץ, די שוואַרצע ראַם פֿון טרויער
באַרעמלט זײַן פֿאַרלאָשענעם געמיט.

אַ צווייטער טראָגט אַ פֿלעמעלע אַ קלײנס,
אַ רויִקס, ווי אַ ליכט אַף אַ קאָמאָד —
עס ווערלן האַרבסטן, און עס קומען פֿרילינגס,
דאָס פֿלעמל זעט מען ניט. עס איז אַ סאָד.

און ווי אַ פֿיסגע קאַנעץ טליִעט עס דער דריטער,
ער טשאַדעט, און אים דאַכט זיך, אַז ער ברענט:
ווי אָרעם און ווי טונקל איז זײַן ציטער
אױף שטילע ביין־האַשמאָשעסדיקע ווענט.

אַ פֿערטער רױשט מיט פֿלאַמענדיקן גאָרגיט,
ער שפּריצט מיט פֿײַערלעך אױף יעדן קער,
נאָר ס׳יאָגט אַ קעלט פֿון זיי, און ס׳אַרט דיך אױף קיין האָר
ניט —
ס׳איז פֿייערווערק, וואָס פֿינקלט, און ניט מער!

אַ פֿינפֿטער רייכערט, ווי אַ פֿײַכטער דאָרן,
ער האָט קיין אומרו ניט, קיין לעבן ניט, קיין זין,
און ס׳טליִען זײַנע טעג און זײַנע יאָרן,
ווי אומעטיקע קוילן אין קאַמין...

ווער דאַרף דעם רײַטער, וואָס האָט אָפּגערײַטערט
און האַלט זײַן ביסל פֿײַער אױף אַ שלאָס.
אַ לויב צו די, וואָס טראָגן זיך צעשײַטערט
און ווייסן צוליב וועמען, צוליב וואָס.

אַ לויב צו די, וואָס האָבן זייער פֿײַער
געשלײַדערט אױף די שטעטכן פֿון שטרײַט,
וואָס האָבן זייער פֿלאַמיקן צושטײַער
געשענקט דעם לאַנד, די דוירעס און דער צײַט.

1946

וואָס קוקסטו, טאם?

וואָס קוקסטו, טאם?
געננוג איז אויסטרינקען א קויסע
און ניט די גאנצע פאס די גרויסע,
קעדיי דערוויסן זיך דעם טאם
פון שוימענדיקן ווייַן!

ס'איז בלויז געננוג א טראָפּן שייַן,
וואָס רייַסט אַרייַן זיך דורכן לאָדן,
אז ס'זאָל דייַן גאנצער זייַן זיך באָדן
אין פרילינגדיקן טאָג.

נו, זאָג:
באדארף מען דען די גאנצע ערד
צעגראָבן, פאָרשן און באשמעקן,
קעדיי אנטפּלעקן
איר זאפט, איר פרישקייַט און איר ווערט?

וואָס קוקסטו, טאם?
עס שעפּט א קלוגער פון א טראָפּן,
וואָס ס'שעפּט קיין נאר ניט פון קיין יאם!

1945

דער אָנהייב פון א ליבע

די זון האָט זיך באהאלטן,
דער דרויסן זאָגט: אף לאנג,
עס שיקט דורך אלע שפאלטן
דער רעגן זײַן געזאנג.

דאָס ווינטל העלפט אים מונטער
און פײַפט א פײַפערײַ,
דאָס וועלדל האלט זיי אונטער
און מורמלט צו דערבײַ...

ס׳איז נאס דאָס גרינע העמדל,
פון בלעטער — קאפ און קאפ,
און ס׳שטייט אונטער א דעמבל
אן אומעטיקער צאפ...

אף סטעזשקעס שפאנט ניט קיינער,
דעם צאפ איז זייער קאלט,
דער צאפ איז דאָ נאָר איינער,
אליין אין גאנצן וואלד...

די באָרד — כאָטש אויסצודרייען,
די הערנער זײַנען נאס,
אין אויגן טרערן שטייען,
דער באָכער איז אין קאס...

ער קוקט אף אַלע וועגן,
און נימעס ווערט אים אַלץ,
און שווערער ווערט פון רעגן
דאָס שטריקל אפן האַלדז...

ארום איז זייער מלאָסנע,
דער וואַלד איז ווי א וויג,
עס שטייט אונטער א סאָסנע
אן אומעטיקע ציג.

זי מעקעט מיט א מידער,
א מילעכיקער שטים,
דער צאַפּ איז איר דערווידער,
זי קוקט גאָר ניט אף אים.

געוואָלט א „מע" אים שיקן —
זי קאָן אים ניט, צי וואָס?
איז פאַלן אירע בליקן
אין כליפּענדיקן גראָז...

זי האָט אים אין דער סטאַדע
באַגעגנט אָן א שיר,
ער זעט זי ניט אוואַדע,
ער קוקט נאָר ניט אף איר...

ער מעג שוין גאָר ניט פרעגן,
עס טוט אים זייער וויי,
וואָס ארט זי, וואָס דער רעגן
פארמעסט זיך איצט אף זיי...

דער צאַפּ איז לאַנג געשטאַנען,
געטרייסלט מיט אַ ליפּ.
לעסאָף האָט ער פאַרשטאַנען:
ער האָט שוין לאַנג זי ליב...

ס׳האָט אים שוין לאַנג געצויגן
איר מעקען און איר שטעל,
די גרינקייט פון די אויגן,
די ווײַסקייט פון איר פעל...

וואָס קאָן ער דאָ באַווײַזן?
אַ קוק אַמאָל אַ כאַפּ,
אַ האַרץ איז ניט פון אײַזן
אַפילע בא אַ צאַפּ.

זיי טרייסלען מיט די שטריקלעך —
אַ סאַך איז זיי באַשערט,
זיי זײַנעןביידע גליקלעך,
ווי קיינער ניט אַף דר׳ערד!

כאָטש גאָדלען זיי באַשיטן,
כאָטש ס׳שטריקל זיי פאַרקלעמט,
כאָטש ס׳שטייען אינדערמיטן
דרײַ סאָסנעס מיט אַ דעמב...

ער זאָגט צו איר: — ציגאַנע!
— צאַפּוניע! — זאָגט זי, — טרוים!
דער ווינט וויגט זיי מעקאַנע
און קושט זיך מיט אַ בוים!

קיין קאשעס כ׳בעט ניט פרעגן:
אין אָט דעם שיינעם שפּאס
איז שולדיק בלויז דער רעגן
דער נימעסער אין גאס.

1946

וויגליד

שלאָף ניט, קינד מײַנס, שלאָף ניט, טײַערס,
איצט איז ניט די צײַט,
הער, ווי ס'בושעוועט דאָס פײַער,
ס'קלאפּט אין דאך און שרײַט.

כ'וועל ניט זינגען דיר קיין לידל,
שאַ, נעשאָמע, שטיל,
ס'שפּילט דער שטורעם אויף זײַן פידל
זײַן מילכאָמע־שפּיל.

שלאָף ניט, קינד מײַנס, הער, ווי ס'בילן
דונערס אומעטום,
אין דײַן אלקערל דעם שטילן
ווײנען שאָטנס שטום...

אין דײַן פענצטערל דעם ריינעם
קוקן שטערן בלינד,
אין דײַן וויגעלע דעם שיינעם
שלאָפט די נאכט אצינד.

שלאָף ניט, קינד מײַנס, זע, ווי ס׳פלאטערט
אונדזער נעכטיק גליק,
דורכן פענצטער, ווי א שטערן,
לויכט דעם טאטנס בליק...

אף פארשנייטע פעלדער ליגט ער
אינעם גרויען קאנט,
און די פײַנט זײַן פײַער שיקט ער
מיט זײַן שטארקער האנט.

און זײַן קאָל די קריגער הערן
אין פארשנייטן פעלד,
ווען דו וועסט א גרויסער ווערן,
זײַ, ווי ער, א העלד!

1946

מײַן געװיסן

דער העכסטער געריכט פֿון מײַן זײַן —
מײַן געװיסן,
ער איז אין מײַן הארצן אַרײַן
אַף שטענדיק, אַף אײביק דאָרט זײַן,
אַף זײַן דאָרט דער שלאָס און דער שליסל,
דער העכסטער געריכט פֿון מײַן זײַן —
מײַן געװיסן!

אים װעט ניט פֿאַרנעפּלען דער װײַן,
קײן פֿאַלשקײַט װעט אים ניט פֿאַרגיסן,
ער װיל פֿון קײן אומרעכט ניט װיסן,
דער העכסטער געריכט פֿון מײַן זײַן —
מײַן געװיסן!

ער צײכנט די װעגן פֿאַר מיר,
מײַן געװיסן,
ער שטעמפּלט מיט ליכט יעדן ריר,
ער הײסט מיר די טיר ניט פֿאַרשליסן,
װען ס׳רוקט זיך אַ סױנע צו מיר,
ער הײסט אַפֿן פּאָסטן מיר זײַן

און הייסט מיר דעם סוינע צעשיסן,
ער וואשט מײַנע וועגן מיט שײַן,
דער העכסטער געריכט פון מײַן זײַן —
מײַן געוויסן.

1946

איך בין א גוואר

וויפל טויטן בלאָנקען אום בא מײַנע שוועלן,
און יעדערן פון זיי בין איך, דער בידנער מענטש, געפעלן,
און יעדערער קוקט שטיל אריַין צו מיר! צו מיר!
און שרײַט צו מיר! צו מיר! צו מיר!

איינער פאטשט מיט פליגל אין די שויבן
און וויל בא מיר מײַן ביסל כּיעס רויבן,
דעם פארגעניגן דורכשפאנען די גאס,
א בייגל אופעסן און אָפּלאָזן א שפּאס...

א צווייטער ווינקט צו מיר פון קאלטע ביקסן־רערן
און לאכט פון מײַנע קײַלעכדיקע טרערן,
און ליופּט מיר נאָך און זוכט מיך שטילערהייט
אוועקנעמען בא מיר דאָס קאפּל פרייד.

דאָס קאפּל פרייד פון רײַסן פרישע פלוימען,
פון קוקן אפן רויך, וואָס גייט פון קוימען,
פון קוקן אף א שטיין, וואָס גייט צו גרונט,
פון הערן, ווי עס בילט א גוטער הונט.

דער דריטער ליאַרעמט מיט זײַן אײַזן מיט זײַן גרויען
און הערט ניט אויף צו דונערן און וויען,
און ווו ער נעכטיקט נאָר און ווו ער טאָגט,
זוכט ער מײַנע מידע ביינער מישטיינסגעזאָגט...

ער מיינט, אַז ס'איז אַ טײַערע מעציִע!
און איך, דער נעפּעש מיט דער שוואַכער ריִע,
האַלט אויס די שלאַכט מיט אַלע טויטן נאָכאַנאַנד,
וואָס טרעטן אָפּ דערווײַל פֿון מיר אין טיפֿן הינטערלאַנד...

מײַן גרעסטער סוינע איז געווען די מאָרעשכוירע,
כ'האָב זי באַזיגט, איז וואָס זשע האָב איך מוירע?
דער טויט איז גאָרניט! שרעקלעך איז די שרעק,
וואָס כאַפּט אַ מענטש און מאַכט פֿון אים אַ שנעק.

איך גיי אַנטקעגן אַלע טויטן אָן אַ פּאַנצער,
און אַלע טאָג באַטאַפּ איך זיך: איך בין אַ גאַנצער —
איך לעב און אָטעם, כ'שעלט און בענטש,
איך בין אַ גוואַר, איך בין אַ בידנער מענטש!

1946

צו מײַן טאָכטער

צעבײַט ניט דײַן יוגנט אף קלײנגעלט,
צעביטן — פארפאלן, מײַן קינד.
און זעסטו, א שלענגל זיך שלענגלט, —
צעטרעט דאָס, מײַן טאָכטער, געשווינד!

דאָס קלײנגעלט איז פע, עס איז ביליק,
האַלט טײַער דײַן מײדלשן גאנג,
געדענק אין דײַן אײנציקן פרילינג:
א שלענגל קאָן ווערן א שלאנג!

כ׳בין ניט אזוי אַלט, ווי דערפארן,
כ׳בין ניט אזוי קלוג, ווי געניט,
א גאנצע ארמײ מיט געפארן
שוין טשאטעווען נאָך דײַנע טריט...

האַלט אויך דאָס באצעפּלטע קעפּל
אין קינדערשע ווינטלעך געפרישט,
זאָלסט וויסן, אז רײַכקײַט איז נעפּל,
אז קאָוועד איז גאָרנישט מיט נישט...

איז זײַ ניט צעשטרייט, ניט צעברעקלט,
ס׳איז פעסטקייַט דאָס טרײַסטע געווער,
און ווייס: יעדער מענטש האָט זײַן פעקל,
און ס׳מאכט זיך אמאָל, אז ס׳איז שווער.

מיט רײַפקײַט ווערט רײַכער דײַן האנט שוין,
עס לייגט זיך א קנייטש אף דײַן ברעם,
ניט בעטל באם לעבן, ניט קליאנטשע,
נאָר קום, ווי א גלײַכע, און נעם!

1946

אַן אַלטער ניגון

אַן אַלטער ניגון גייט מיר נאָך פּוסטריט,
איך ווייס ניט, צי מ׳האָט אים אַמאָל געזונגען,
צי ס׳איז אַ שאָטן פון אַ ליבע־ליד,
וואָס האָט באַ איר געבוירט שוין אָפּגעקלונגען.

איך ווייס ניט, צי דער ניגון האָט געשוועבט
אין אופשטאַנדן פון קנעכט קעגן באַצווינגער,
עס זאָגט מיר נאָר מײַן האַרץ: ער האָט געלעבט,
ער האָט געטראָגן זיך אַ פרייַלעכער, אַ גרינגער...

ער האָט געטראָגן זיך פון מויל צו מויל,
פון דאָר צו דאָר געפלויגן, ווי אויף פליגל,
און ווען דעם טאַטן האָט אוועקגעלייגט אַ קויל,
האָט ער געוואַרט שוין באַ דעם זונס פאַרוואָלקנט וויגל...

און עפשער האָט דער זון אויף שײַטערס פון מאַדריד
אַמאָל נאָך, גאָר אַמאָל אַ ליד אַזאַ פאַרלאָרן,
דאָס פײַער האָט פאַרברענט די ווערטער פון דער ליד,
דער ניגון האָט געוואַנדערט דורך די יאָרן,

און ווי א שטומער יאָסעם האָט ער שטיל
געהיט די קלאַנגען זײַנע מיט א ציטער,
אמאָל געניעכטיקט לעם א דרעמלענדיקער מיל,
אמאָל געטאָגט אף ליפּן פון די שניטער...

אן אלטער ניגן גייט מיר נאָך פוסטריט,
ער וווינט מיט מיר שוין באַלד א גאַנצן זומער,
ער האָט קיין ווערטער ניט צו ווערן נאָכאמאָל א ליד,
ער שווימט צו טויערן פון אייביקייט א שטומער...

און ווען ער פליט אמאָל פון מיר אוועק,
דערזע איך אים אף נאָדלען שטערנדיקע הענגען.
כ׳הייב אוף מײַן קאָפּ, די הענט צו אים איך שטרעק
און בעט א גרוס פון מיר מײַן אורייניקל ברענגען...

1946

די זון פארגייט

די זון פארגייט אונטער די סטויגן,
די זון פארגייט,
איך זע שוין קלאָר אין דײַנע אויגן:
די זון פארגייט!

עס פאלט אף אונדזער סאָד א נעפּל,
די זון פארגייט.
און ס׳ווערן טונקעלער די עפּל,
די זון פארגייט!

און אלע טײַכן ווערן גרויער,
די זון פארגייט.
דער אָוונט קלאפּט שוין אינעם טויער:
די זון פארגייט!

איז קום אין וואלד ארײַן אין שווארצן,
די זון פארגייט.
איז דריק זיך שטארקער צו מײַן הארצן,
די זון פארגייט.

עס ווערט די ערד מיט פײַכטקײַט זעטער,
די זון פארגייט.
די לעצטע פונקען אף די בלעטער,
די זון פארגייט.

זי איז פארגאן אונטער די סטויגן,
די זון, די זון...
ווי קומט זי איצט אין דײַנע אויגן,
די זון, די זון?

1946

שימקעס געוויין

קומט אהיים דער קליינער שימקע
מיט א ביטערן געוויין:
— מאמע, מאמע, קום אין דרויסן,
מאמע, מאמע, לאָמיר גיין!

ס׳זיינען פערד דאָרט אָנגעפלויגן,
א מעסוקענער טאבון,
און זיי טרינקען אויס דאָס וואסער
און זיי עסן אוף די זון.

מ׳האָט זי שוין ארומגעביסן,
זע, ווי זי איז געבעך קליין! —
זאָגט די מאמע מיט א שמייכל:
— שימקע טייערער, ניט וויין!

זינט עס שטייט די וועלט די גרויסע,
טרינקט פון טייכל דער טאבון,
און קיין פערד קאָן ניט דערלאנגען,
ניט דערלאנגען צו דער זון! —

ווען די נאכט האָט אויסגעשפּרייט זיך
אויף דער דרעמלענדיקער ערד,
האָבן פריילעכער געהירזשעט
אינעם טײַך די שווארצע פערד...

קומט אהיים דער קליינער שימקע
מיט א כליפּעניש אהיים:
— מאמע, לאָמיר, מאמע, גיכער,
מאמע, מאמע, לאָמיר גיין!

מ׳האָט די זון שוין אופגעגעסן,
ס׳איז א פינצטערניש — א שרעק,
און די פערד מיט גרויסע פּיסקעס
טאָפּטשען ווידער זיך באם ברעג...

זע: זיי זופּן די לעוואָנע
מיט די כוואליעכלעך באגלײַך,
און זיי שלינגען אײַן די שטערן,
אלע שטערן פונעם טײַך!

— ווייך ניט, שימקע, — זאָגט די מאמע, —
זינט עס וויסט די וועלט פון שײַן,
שלינגען פערד די קלאָרע שטערן
און זיי שלינגען זיי ניט אײַן!

ס׳איז די זון — א זון, ווי שטענדיק,
שטערן שײַנען אויף דער ערד.
און א טײַכל איז א טײַכל,
און א פערד פארבלײַבט א פערד!..

1946

עפּיטאַפֿיע

ס׳האָט יעדער מענטש א טרוים, וואָס לעבט מיט אים איינענעם,
אַמאָל ווי הייסע פֿרייַנט, אַמאָל ווי קאַלטע שכייגים.
איין טרוים, איין גרויסער טרוים באַגלייט מיך אין מייַן גאַנג,
ער לעבט אין מיר, ווי ס׳לעבט מייַן האַרץ און מייַן געזאַנג:
ווען בלייַבן מיט דער הוילער ערד וועל איך אַליין נאָר,
ווען ס׳וועט דער ייִדישער בעסוילעם מייַנע אַלטע ביינער
אופֿנעמען,
זאָל דער פֿאַרבייַגייער, באַמערקנדיק מייַן צאַם,
דערזעענדיק דאָס גראָז, וואָס הייבט זיך פֿון מייַן שטאַם,
אַ זאָג טאָן פֿאַר דעם לעבעדיקן ווינט:
— ער איז געווען אַ מענטש, ער האָט זייַן פֿאָלק געדינט!

1946

צו דער איין־און־איינציקער

כ׳דערקען זיך אָפּט, ווען כ׳קוק אַף דיר,
כ׳דערקען מײַן אָפּהילך אין דײַן קאָל,
אין צעפּ אין דײַנע — מײַן קאָליר,
אין דײַנע אויגן בלאַנקט מײַן שטאָל...

איך בין דאָך איך, און דו ביסט דו,
נאָר כ׳פֿיל מײַן שטרענגקײַט אין דײַן דראַנג,
פֿון וואָס איך טרוים, און וואָס איך טו —
איז דאָ דײַן אומרויִקער גאַנג...

מיר ווייסן ביידע שוין דערפֿון:
דו ביסט מײַן שאָטן און מײַן זון,
דו ביסט מײַן ראַנגל און מײַן רו,
ווײַל דו ביסט איך, און איך בין דו!

צוויי פֿליגל האָט די קלאָרע טויב.
מיט איינעם — האָט א ווערט איר פֿלי?
צוויי הענט האָב איך, די הענט — א לויב!
מיט איינער — האָט א ווערט מײַן מי?

צוויי ראנדן האָט דער גלײַכער וועג,
איין שטילקייַט האָט די גרויסע רו,
צוויי אויגן — דאָס איז מייַן פֿארמעג:
איין אויג — בין איך, דאָס צווייטע —דו!

1946

שוואנען

שווים איך מיט די שיפֿן, פֿאָר איך מיט די באַנען —
קומען מיר אין כאַלעם שווימענדיקע שוואַנען.

אַזעלכע פֿון שטילקײַט קומען מיר אַנטקעגן,
שווימענדיקע שוואַנען אויף די ווונדער־ברעגן.

ווערבעס און בערעזעס אין דער גלאַט זיך שפּיגלען,
און מײַן יוגנט פֿלאַטערט אויף די שוואַנען־פֿליגלען.

אין די שטאָלצע העלדזער איז מײַן טרוים פֿאַרזויגן,
און מײַן קינדהײַט טוקט זיך אין די שוואַנען־אויגן.

קומט דער ווײַסער ווינטער — וויוגעס און בוראַנען,
דאַכט זיך, אַז עס פֿליִען פֿעדערן פֿון שוואַנען.

עפּשער איז די עלטער זיי דעם וועג פֿאַרלאָפֿן?
עפּשער האָט אַ יעגער זיי אין האַרץ געטראָפֿן?

ווען עס זאָל די עלטער שטעמפּלען זיי מיט יאָרן,
וואָלטן זיי די ווײַסקײַט זייערע פֿאַרלאָרן.

ווען א בייזער יעגער זאָל געווען זיי שיסן,
וואָלטן רויטע טראָפּנס פון די הערצער פליסן.

שווים איך מיט די שיפן, פאָר איך מיט די באנען —
און אין כאַלעם קומען שווימענדיקע שוואנען.

1946

סאָנעט

ניט יעדער איינער האָט זײַן וועג ברוקירט,
ניט יעדער איינער האָט זײַן וועג געקנאָטן,
עס האָבן ברייטע סטעזשקעס זיי פאַרפירט,
עס האָט געשטעמפּלט זיי אויף שטעג־און־וועג דער שאָטן.

דערפאַר איז זיי ניט אַלעמאָל געראָטן
דאָס אַלץ, וואָס זיי אַליין האָבן געבירט,
דערפאַר האָט זייער אומרו ניט געריירט,
און פרישקייט איז פון שטענדיק זיי פאַרבאָטן...

זיי זינגען שטענדיק, ווי לויט פרעמדע נאָטן,
און בליאסקען, ווי מיט שפּילעכלעך באַצירט
און ווי מיט לאַק מיט בליקן באַשמירט...

ס'וועט בלײַבן אויף דער ערד דורך קיינעם ניט צעטראָטן
נאָר דער, וואָס האָט אַליין דעם וועג ברוקירט,
נאָר דער, וואָס האָט אַליין זײַן וועג געקנאָטן!

1946

אין אן אלטן וואלד

דאָ איז די צייַט אין יעדער שטאנג פארקארבט,
דאָ איז די צייַט אין יעדער שטאם פארשניטן,
א בוים לעבט אָפּ זייַן שטיקל וועלט און שטארבט,
נאָר ס׳לעבט דער וואלד, ער האָט זיך ניט געביטן.

א שטורעם קומט און שינדט פון בוים די הויט,
אלייען גאנצע בלייַבן אָפּגעשונדן,
עס טוט א שמעק מיט אומקום און מיט טויט,
נאָר ס׳קומט די צייַט און היילט זיי אויס די וווּנדן.

א פייַער קומט און צינדט די גריבע וועלט,
ס׳איז שווער דעם וואלד פון פייַער זיך פארהיטן,
ער לייַדט פון פלאם, פון פלאמענדיקער קעלט,
נאָר ס׳לעבט דער וואלד, ער האָט זיך ניט געביטן...

עס טרעפט אמאָל, ווען ס׳קלינגען וויַיטע העק,
דאן שטייט דער וואלד אין רויִקייַט פארטרויערט
און ווי א שטילע פארע גייט די שרעק
פון זייַן צעטריקנטער, צעבושעוועטער רויערד...

װען ס׳קומט די עלטער צו א בױם, איז קלאָר,
דאַן נעמט דער בױם מיט געלע בלעטער שיטן,
נאָר ס׳שפּאַרט פֿון דר׳ערד א יונגער גרינער דאָר,
עס לעבט דער װאַלד, ער האָט זיך ניט געביטן.

1946

פליט ארום א פויגל

פליט ארום א פויגל
מיט א שווארצן קאָפּ,
זעט ער שטילע וועגן,
לאָזט ער זיך אראָפּ.

עפּעס בלענדט א ווייַסקייַט
אף דער גאנצער ברייט,
מיינט ער, ווייַסע ביינער
ליגן אויסגעשפּרייט...

אוי, דו שווארצער פויגל,
פלי צוריק אוועק.
ווייַסינקע ראָמאשקעס
בליִען אפן וועג...

פליט ארום דער פויגל
מיטן שווארצן קאָפּ,
זעט ער שטילע פעלדער,
לאָזט ער זיך אראָפּ.

עפּעס בלענדט אַ געלקייַט
לעם איעדן פּלויט,
מיינט ער, ס׳רוען זעלנער,
רוען נאָכן טויט.

אוי, דו שוואַרצער פויגל,
פלי אַוועק צוריק,
דאָס איז אונדזער קאָרן,
דאָס איז אונדזער זיג.

פליט דער שוואַרצער פויגל
מיטן רויבער־קאָפּ,
זעט ער שטילע בערגלעך,
לאָזט ער זיך אַראָפּ.

עפּעס בלענדט אַ גרינקייַט
אויף דער גאַנצער ברייט,
מיינט ער, אַז שינעלן
ליגן אויסגעשפּרייט.

און אין די שינעלן
וואַרט עפּעס אויף אים,
טוט ער מיט די פליגלען
צו דער ערד אַ שווים.

אוי, דו שוואַרצער פויגל,
ניט אַהין דיך ציט,
דאָס האָבן באַשטאַנעס
גרינע זיך צעבליט...

פליט אַרום אַ פויגל,
פליט אַרום און זוכט,

ברעכט די רײַפֿע זאַנגען,
פּיקט די רײַפֿע פֿרוכט.

וואַרט אויף נײַע שלאַכטן,
נישטערט אינעם מיסט,
פֿויגל, שוואַרצער פֿויגל,
פּליסט אַרום אומזיסט.

אויב אַ שלאַכט אַ נײַע
וועט אונדז זײַן באַשערט,
רוף צונויף דײַן סטײַע
אויפֿן סוינעס ערד.

1946

מײַן גוטער גורל

פֿון ערשטן טאָג פֿון מײַן געבוירן
האָט מיך געהיט מײַן גוטער גורל,
ער האָט פֿון אָנהייב מיר פֿאַרגרייט
א ביסל זון בא טיר־און־טויער,
א ביסל פֿינקלענדיקן טרויער,
א ביסל נעפּלדיקע פֿרייד.

א שטיקל הארץ, וואָס אָטעמט ברויזיק,
א ביסל כייך, א ביסל כויזעק,
אמאָל א קרעכץ, אמאָל א לאַך,
א פֿלי, א פֿאַל, א טאַנץ, א דרעמל,
אמאָל א ביסל רום צום רעמל,
באַליידיקונגען ניט קיין סאַך...

אמאָל א ביסל מער ווי ס׳דאַרף זײַן,
נאָר כ׳בעט מײַן הארץ ניט אַזוי שאַרף זײַן
און אַלץ באַנעמען מיט פֿאַרשטאַנד,
צו גרויס זײַנען באַם מענטש די אויגן,
און אויב מ׳האָט עפּעס ניט דערוויגן
און ס׳בלײַבט א ליידיקע די האַנט,

דער שטערן קנייטשט זיך אומצופרידן,
דאָס בלוט הייבט אָן באַליידיקט זידן —
דאַן זאָג איך נאָכאמאָל צו זיך:
דער מענטש איז וויכטיק, ניט דאָס קנעפּל,
פאַרטרייַב פון זיך דעם כניפע־נעפּל
און רוק זיך קאַרגער צו דער קיך!

און טאָמער טרעפט, ווי ס'טרעפט מיסטאמע,
דייַן נאָמען קלינגט ניט אַף קיין ליאַמע,
מ'האָט דיר קיין האַנט ניט אויסגעשטרעקט,
און אויב ס'קומט אויס צו שטיין א ביסל,
א ביסל ווייַטער פון דער שיסל,
ס'האָט דיר קיין בענקל ניט געקלעקט,

שטיי אָן פאַרדראָס! דו ביסט א דיכטער.
געדענק: ס'איז בלויז דאָס פאָלק דייַן ריכטער,
זייַן מישפּעט איז אַ נאָ'נט, אַ ווייַט.
דאָס, וואָס איז ביליק, וואַרף אין פייַער
און נעם נאָר דאָס, וואָס קאָסט דיך טייַער,
וואָס ערלעך איז ווי אונדזער צייַט!

1946

אפסנײַ

עס רוען די שווערדן, עס רוישט ניט דאָס בלײַ,
און ס׳זעצט פון די פעלדער די בליונג אפסנײַ.

ס׳איז לויטער און טרויעריק־רויִק די הויך,
און ס׳גייט פון די קוימענס א רויִקער רויך...

אין יארן נאָך ליגן די שפורן פון קריג —
א ראָד פון אן אוטאָ, א ליידיקע וויג,

אן איינזאמער שטיוול, א בלאט פון א בוך,
בוריאַן אף קורגאַנעס, און ביינער, און פוך...

עס טראָגן נאָך ווינטן ארום א געוויין,
נאָר ס׳ווייט שוין די פאָן פון ניצאָכן באם רײַן.

און ווער ס׳האָט א סעדל געהאט אין וואָלין,
האָט ווידער דאָס סעדל, ס׳איז נאָכאמאָל גרין.

און ווער ס׳האָט אין האָמעל א כאטע געהאט,
לעבט ווידער אין האָמעל לעהאכעס דעם קאט.

און ווער ס׳האָט אין אומאַן געהאט נאָר פיר ווענט,
האָט גלײַך נאָך בערלין זיך אהינצו געווענדט...

און ווער ס׳האָט אין קאָוונע א ווינקל פארלאָזט,
האָט גלײַך נאָכן זיג זיך אהינצו געלאָזט...

און ס׳בענקען די פעלדער נאָך זאנגען אפסנײַ,
און ס׳בענקען די שטעט נאָך געזאנגען אפסנײַ.

און ס׳בענקען די טײַכן נאָך בריקן אפסנײַ,
און ס׳ווילט זיך די הערצער דערקוויקן אפסנײַ

מיט פרײלעכע קינדער, וואָס לאכן אפסנײַ
און שטיפן אפ זוניקע שליאכן אפסנײַ...

עס לויכט שוין א שמייכל, און ס׳קלינגט שוין א שפאס,
און ס׳שפילט שוין א פידל אף פערעצעס גאס...

נאָר ס׳טאָר ניט פארשווינדן די נעכטיקע פּײַן
אין בײליקע טײַכלעך פון ווערטלעך און וויַין...

אין קליינינטשקע ווונטשן פון לעבן מיט טאָלק,
א מענטש איז א מענטש, און א פאָלק איז א פאָלק!

איז לאָמיר א וועק טאָן די קרעפטן אפסנײַ,
די אלטקייט מיט יונגקײַט באהעפטן אפסנײַ,

פון כורוועס א הייב טאָן געבײַען אפסנײַ,
די כאָרעווע וועגן באנײַען אפסנײַ,

אין נאכעס, וואָס קומט אונדז אנטקעגן אפסנײַ,
אין פרײַנטשאפט, וואָס וואַרט אף די וועגן אפסנײַ,

און הוידען די קינדער אין וויגן אפסנײַ,
און לעבן, און קעמפן, און זיגן אפסנײַ.

1946—1948

איך בין געקומען אַף דער ערד

די ערד האָט מיר געזאָגט: מעגסט מיך ניט אירצן,
זאָלסט זײַן מיט מיר אַף דו, און נאָר אַף דו.
און ס׳האָבן אַלע אירע הויטן, גראָזן און געווירצן
באַאָטעמט מיך מיט זייער שמעקנדיקער רו...

מיט יענער ברייִשעסדיקער רו, וואָס רוט ניט,
וואָס בענטשט דאָס בלוט מיט יוירנדיקן ברויז,
און כ׳האָב גערעדט מיט אונדזער ערד מיט גוטן,
זיך אויסגעבויט פון האָלץ אירן א הויז.

וואָס האָט, ווי איך, זיך צו דער הייך געטוליעט
און דורך די פענצטער אײַנגעזאַפט, ווי איך,
די שווערע בליצנדיקע לופט פון יולי
און די סענטיאַבער־נעכט, וואָס קוטען זיך אין זיך.

כ׳האָב אַף מײַן הויז אוועקגעשטעלט א קוימען,
ער האָט אין זומער־נעכט, אין ווינטער־נעכט געהערט,
ווי ווינטן הייבן אוף דעם קאַלטן רויך אין רוימען,
ער זאָל ניט פאַלן אַף דער זויבער־ריינער ערד...

איך האָב געלעבט מיט אונדזער ערד, ווי שכײנים,
וואָס זאָג איך, שכײנים? נעענטער א סאך,
מיר פלעגן פרײען זיך און טרויערן אינײנעם
און בײדע דרײען זיך אונטערן הימל־דאך...

איך האָב פון גרונט דעם לעבן־זאפט געזויגן,
און איבער אָפּגרונטן געבויט פאר זיך א בריק,
און זי, זי האָט געקוקט מיר אין די אויגן,
צי בין איך גרייט זיך אומקערן צוריק...

איך בין ניט גרייט נאָך, כ׳האָב נאָך ניט באנומען
דעם טאם פון אײביקער, ניט לעבעדיקער רו;
און אויב איך בין אף אָט דער ערד געקומען,
קעדיי צו זיַין מיט אָט דער ערד אף דו,

איז ניט, וויַיל כ׳האָב געוואָלט אין איר אנטרינען,
ווי א פארכאָלעמט רעגנדל אין איר אנטרינט,
איך בין געקומען אף דער ערד געפינען
אן ערד אזא, וואָס נאָר א גליקלעכער געפינט.

איך האָב געפונען זי אין א בערעזע־רעמל,
זי האָט זיך אויסגעטאָן פון גליווערדיקן שניי,
און כ׳האָב דערזען אף איר די טורעמס פונעם קרעמל,
איך האָב דערפילט דעם אָטעם פון ראסיי...

1947

מע זאָגט...

מע זאָגט: איך בין געוואָרן האַרטער
און עטוואָס טריקענער, ווי פֿריִער,
מײַן גיכער גאַנג, דער ייִנגלש־צאַרטער
האָט זיך שוין אָפּגעטיילט פֿון מיר.

מע זאָגט, אַז גוטע פֿרײַנט געדענקען
מײַן אָפֿנהערציקייט, מײַן ברען,
מע זאָגט, אַז אַלט־באַקאַנטע בענקען
נאָך דעם, וואָס כ'בין אַמאָל געווען.

איך הער דעם אורטייל אויס געדולדיק:
צי זאָגט מען עמעס, צי מע לײַגט,
איך פּאַטש זיך אויס, ווען איך בין שולדיק,
איך מוסער אויס מײַן האַרץ, ווען ס'שווײַגט.

איך טרײַב פֿון זיך אָט יענעם, יענעם,
וואָס יאָגט אַ וואָלקן אויף מײַן שײַן,
און בײַ די שוואַרצע ליכט פֿון געגנעם
ער קאַפּעט סאַם צו מיר אין ווײַן...

1946

לעבן מײַנס

לעבן מײַנס, מײַן יאָמטעוודיקס,
לאָמיר מער ניט טרויערן,
לויטער זײַנען ווענן שוין,
דורכזיכטיק — די טויערן...

מעג דער ווי זיך אײַנקארבן,
יענער ווי, דער נעכטיקער,
זאָל ער אָבער דינען אונדז,
ווי א שטויס א מעכטיקער...

זאָל דער ווי דער נעכטיקער
קלינגען הײַנט קלײזײַענדיק,
לאָמיר גוט געדענקען אים,
אָף יאָמטויוּוים זײַענדיק.

לאָמיר שפּאַנען פײַערלעך,
מוטיק און ניצאָכנדיק,
די יאָמטויוּוים וועבנדיק
פון די גרויע וואָכנטעג...

לאָמיר אונדזער ווײ און מוט
קײנמאָל ניט צעפּאַטערן,
זעט, ווי פרײַ און ראַכוועסדיק
מאָסקווער שטערן פֿלאַטערן!

1946

מײַן ליבער

כ׳האָב דיר אויסגעניית א האנטעך
מיט א רויטן זוים,
האָט א רוף געטאָן דאָס לאנד דיך,
ביסט אוועק, מײַן טרוים.

שטיי איך, קוק איך אויף די שליאכן,
צי מײַן ליבער גייט,
נאָר די גרינע ביימער לאכן,
לאכן שטילערהייט.

כ׳האָב דיר אויסגעניית א טיכל
מיט א רויטן האָן,
זאָגן אלע, אז איינגיכן
קומט מײַן ליבער אָן.

שטיי איך, קוק איך אויף די וועגן,
צי מײַן ליבער רײַט,
טלאָען רוישן, ווי א רעגן,
נאָר ס׳איז זייער ווײַט.

כ׳האָב א זעקל אופגעניית דיר,
ווארט עס אויך אף דיר,
און א צימער צוגעגרייט דיר,
ווענטלעך אין שפּאליר.

אלץ איז גרייט פונדיינעטוועגן,
קום זשע, קום געשווינד!
שטיי איך, ווארט איך בא די ברעגן,
צי מיין ליבער שווימט.

כ׳האָב דעם הויף מיט זאמד באשאָטן
און דעם שטויב פארקערט,
זע איך, ס׳פאלט פון הויך א שאָטן
אף מיין גרינער ערד.

פאלט א שאָטן — גרויער גארעס
שפרייט זיך אפן צווייט,
קוקן אלע אף די כמארעס,
ווו מיין ליבער פליט!

1946

צו א שוואנגערער פרוי

נײן, שעם זיך ניט, דו פרוי, מײַן רעטערן,
דו מײנסט, אז דו ביסט איצט ניט שײן,
דו טראָגסט אין זיך דעם דאָר דעם שפּעטערן,
דעם דאָר, דעם דאַרשט צו װײַטער גײן.

דו טראָגסט אין זיך מײַן טרוים מײַן זיכערן
צו שמידן אונדזער גרױסע קײט,
און װיפל ס'זאָל דער טהאָם ניט װיכערן,
װעט ער ניט אָפּמעקן די פרײד.

זײַ שטאָלץ, װאָס דו ביסט ניט קײן שײנהײַט הײַנט,
װאָס ס'בײַט זיך עטװאָס דײַן קאָליר,
װײַל איך, יאָ, איך... איך װײס אלײן ניט הײַנט,
װאָס קאָן זײַן שענער נאָך פון דיר:

דו ביסט דער בױם, װאָס שענקט פארמעגן אונדז
און האָט אונדז שײנע פרוכט געבראכט,
דו ביסט דער רעגן, װאָס באַרעגנט אונדז,
װען ס'דארט דער שטאם און ס'דראָט די נאכט.

דו ביסט דער אָנהייב פון די אָנהייבן,
דער ערשטער עפּן פון דער טיר,
און אויב ס׳מעג עמעצער די פּאַן הייבן,
געהער דער ערשטער קאָוועד דיר —

די פּאָן פון פּרוכפּערן און מערן זיך,
די פּאָן פון לעבן און פון זײַן,
אין דײַנע אויגן שפּיגלען שטערן זיך
און פולער ווערט די שטערן־שײַן.

פון דײַנע מאַטערנישן ציט דער פאָדעם זיך,
און נאָך דײַן ווײ־געבורט די מענטשהײַט בענקט,
אומזיסט האָט אונדזער אַלטער אָדאָם דיר
איין שטיקל ריפּ אוועקגעשענקט...

ער האָט באַמערקט דיך דעמלט א געפאלענע?
אן אָפּגענאַרטע פון א שלאַנג?
דו ביסט די מאַמע דאָך פון אַלץ און אַלעמען,
דו מוטער־בראָכע איינעם גאַנג.

עס ווארט מײַן פאָלק אף דײַן געראַטעניש,
דו טראָגסט זײַן מוט אין דײַן געביין,
איז שעם זיך ניט פאַר מיר, מײַן רעטערן,
ווי קיינמאָל ביסטו מאָלע־כיין.

1948—1947

א צווילינג

איר פרעגט מיך, וואָס איך פריי זיך,
איר שטעלט זיך גאָר ניט פאָר,
די שיינע מײַנע, רייזע,
געבוירן האָט א פאָר.

צוויי כיעסדיקע באָנים,
גיבוירים יונגעלײַט,
צוויי פּענעמלעך — לעוואָנעס,
זיי לויכטן פון דער ווײַט.

מע דריגעט מיט די פיסלעך,
מע סמאָטשקעט מאָלע־כיין,
צוויי נעזלעך ווי די ניסלעך,
צוויי מײַלעכלעך אָן ציין...

עס גלעט דער ווינט פון פרילינג
די אינדזעלעך פון האָר,
זיי ליגן ווי א צווילינג,
נאָר איינער איז א בכאָר.

ער איז פון ברודער עלטער
מיט גאַנצע צוויי מינוט,
ער איז טאַקע געשטעלטער
און ווייסט שוין, וואָס ער טוט,

און קוקט ער אױף דער מאַמע,
פאַרשטייט זי, וואָס ער וויל,
אַ קאָל האָט ער אַזאַ מין —
ס׳איז גוט, ווען ער איז שטיל...

איר פרעגט מיך, וואָס איך פריי זיך,
איר שטעלט זיך גאָר ניט פאָר,
די שיינע מײַנע, רייזע,
געבוירן האָט אַ פּאָר...

צוויי כּיעסדיקע באָנים,
גיבוירים יונגעלײַט!
און ס׳שפּאַנען מעכוטאָנים
פון נאָענט און פון ווײַט.

עס הוידעט זיך דער גאַנעק
און ס׳טרייסלט זיך דער דאַך
פון גוטע וויִנטשעוואַניעס,
פון מאַזלטאָווס אַ סאַך.

ס׳קומט איינע מיט אַן אייצע,
די צווייטע — מיט אַ שטאָך.
צוויי קינדערלעך? פאַרשטייט זיך...
ס׳איז נאָך אַ קנאַפּער יאָך.

די דריטע מיט אַ ניגן
צום וויגל זיך פאַרנויגט,

און איינע שטייט באַם וויגל
און שפּרעכט שוין אַ „גוט־אויג"...

און העכער שרייַט אַ שכיינע,
אַ דינע, ווי אַ שטרוי:
— מע באָדט אַזוי ניט קיינעם!
מע וויקלט ניט אַזוי!

די מאַמע וואָרקעט פריילעך,
דער טאַטע וויגט די וויג
און שמייכלט ווי אַ מיילעך,
אַ מיילעך נאָך אַ זיג.

די מיידלעך ברענגען בלומען,
ס'איז אַפן האַרצן גוט:
ס'איז עפּעס צוגעקומען
אויך מיר אין דער מיבוט!

איר פרעגט מיך, וואָס איך פריי זיך,
איר שטעלט זיך גאָר ניט פאָר,
די שכיינע מייַנע, רייזע,
האָט אונדז געשענקט אַ פּאָר!

1947—1946

ס׳קאָסט מיך טײַער

ניין, דו האָסט מיך ניט פארשטאנען,
האָסט דאָס וויכטיקסטע פארווישט.
מײַנע ווערטער־קאראוואנען
האָבן פּאָשעט דיך צעמישט.

ניין, דו האָסט מיך ניט באנומען,
צי דו האָסט מיך שלעכט געליינט,
ס׳איז צו דיר ניט אָנגעקומען,
ניט אזוי האָב איך געמיינט!

עפּעס דאכט זיך דיר אוואדע,
לידער וועגט מען אפן פוד,
כ׳בין זיך מוידע־אומיסוואדע,
אז עס קומט מיר אָן מיט בלוט...

אָ, מײַן ברודער! ס׳קאָסט מיך טײַער,
וויפל ס׳קאָסט מיך — האָט די ווערט,
זײַן פארשטענדלעך, ווי דאָס פײַער,
רײַך, אומענדלעך, ווי די ערד!

1947

א טאָג

אָ, נייִן! דער טאָג איז ניט פאַרגאַנגען,
דאָס האָט זיך בלויז דיר אויסגעדאַכט,
ס'האָט עפּשער אים אַ שטויב פאַרהאַנגען,
ווער האָט געזאָגט, אַז ס'איז שוין נאַכט?

איך פיל זײַן שײַן אין מײַנע אויגן,
איך פיל זײַן לויטערקײַט אין זיך,
די זונען־פלעקן — מידע פויגלען —
צעפליִען זיך ניט אַזוי גיך...

דער בלויער אָטעם פון די ווײַטן
פילט אָן די לונגען פון מײַן זײַן,
איך טרינק זײַן אומרו דעם באַנײַטן
ווי גוטן, אַלטן, רויטן ווײַן.

אָ, נייִן! דער טאָג איז ניט פאַרגאַנגען,
איך ווייס: פאַרשווינדן קאָן ער ניט,
ער לעבט אין טיפעניש פון קלאַנגען,
ער לעבט אַף באַרג פון אונדזער ליד.

און אויב אין הימל פינקלען פערל —
דאָס זײַנען שטיקלעך פונעם טאָג,
און אויב עס וויגן זיך די שטערן,
איז דאָס מײַן מאזל אף דער וואָג...

1947

גליק

איינער זאָגט, אַז גליק איז גאָרניט,
און דער צווייטער, אַז ס׳איז אַלץ,
זאָגט דער דריטער: גליק איז ליבע,
און דער פערטער — ברויט מיט זאַלץ...

זאָגט די נאַכט, אַז גליק איז כּוישעך,
זאָגט די זון, אַז גליק איז שייַן,
איינער זוכט דאָס גליק אין פרייַנטשאַפט,
און אַ צווייטער זוכט אין ווייַן.

זוכט דער בוים זייַן גליק אין רוימען,
און אין שטילער נעסט — די טויב,
און אַ שוואָם געפינט אין רעגן,
וואָס אַ מורעשקע — אין שטויב.

וואָס דער שפין געפינט אין שפינוועבס,
זוכט די בין אין בלומען אויס,
איינער זוכט זייַן גליק אין דערנער,
און אַ צווייטער — אין אַ רויז...

זעט דער כאָכעם גליק אין כאָכמע,
און איין נאַרישקייט — דער נאַר.
ס׳זוכט דער פּאַכדן אַפּן בוידעם,
און דער העלד אין דער געפאַר.

און דער אוטאָר פון די שורעס,
זייַענדיק אַ פּראָסטער ייִד,
זוכט דאָס גליק אַף גיבעץ־וועגן
און בעסויכעם אין דער ליד...

1947

בא א פּאָרטרעט

איר קענט דאָס מיידל? איר געדענקט
די שטענדיק שפּילעוודיקע לעקלעך,
די שטענדיק שמייכלענדיקע בעקלעך
מיט זומער־שפּרענקעלעך באַשפּרענקט?

געוויס האָט איר אַמאָל געהערט
דאָס עטוואָס הייזעריקע קעלכל,
וואָס וואָרטשעט, ווי אַ ליטער קוועלכל,
ווען ס׳פּײַלט אַ וועג זיך דורך דער ערד...

איר האָט זי גלײַך מיסטאָם דערקענט?
זי איז גאָר עלטער ניט געוואָרן,
כאָטש ס׳האָט איר יוגנט אָפּגעברענט
אין ווירבלדיקן פלאַם פון יאָרן!

און זעלטן ווען זי איז געגאַן,
זי איז איר לעבן דורכגעפלויגן,
און ניט די הויכקײַט פון מאַנבלאַן
האָט זי געקישעפּט און געצויגן...

די הויכקייט פון דעם שענסטן דאָר
האָט זי פאַרשעפּט פון סאַמע וויגל,
זי איז באַגליקט מיט יונגע יאָר,
מיט לאַסט פון ערד און שטאַרקע פליגל!

1947

שפּראַכן

דער טונגוס האָט ליב טונגוסיש,
און קאַזאַכיש — דער קאַזאַך,
מער פון אַלץ איז ליב אונדז רוסיש,
ווײַל ס׳איז מערער פון אַ שפּראַך.

כ׳בין מיט ייִדיש דורכגעפאָרן,
ווו אַ לאַנד און ווו אַ קאַנט,
כ׳בין שוין אַלט אַ שאָק מיט יאָרן,
ייִדיש איז מײַן רעכטע האַנט.

כ׳האָב די שפּראַך אַרײַנגעזויגן
אין מײַן בלוט נאָך קליינערהייט,
זעען אויס הײַנט מײַנע אויגן,
ווי צוויי סאַמעכס אין דער ברייט...

איך אַליין בין ווי אַ זײַען
אַף אַ בייגעלע פּאַפּיר,
נאָר ווען ס׳פעלט מיר אויס קלייזײַען,
קום איך נאָכאַמאָל צו איר,

צו דער שפּראַך פון פּושקינס לידער,
צו דער שפּראַך פון לענינס רוף,
זי דערנענטערט, זי פאַרברידערט
אַלע פעלקער און הייבט אוף.

ניט קיין אַלטן באָוול־טורעם,
וואָס פאַרפרעמדט און וואָס צעשיידט,
ס׳איז די שפּראַך פון רוסלאַנדס שטורעמס,
רוסלאַנדס צאָרן, רוסלאַנדס פרייד.

כ׳האָב געהערט אין ענגלאַנד ענגליש,
כ׳האָב אין אפריקע געהערט,
ווי פאַרשיידן ס׳קלינגט דאָס ענגליש
אף דער ענגלשדיקער ערד.

כ׳האָב דעם וויטעק בא א שוואַרצן
מיט דער „פּאַליושקע״ געהיילט,
ס׳איז אים שטאַרק געווען צום האַרצן
אָט די ליד. זי האָט דערציילט

מיט ברייטפעלדערדיקע קלאַנגען,
וואָס דערלאַנגען ביזן ביק,
ווי דער רוס איז שוין געגאַנגען,
ווי דער נעגער דאַרף נאָך גיין...

זאָל זיך פעסטען, זאָל זיך כוואַליען,
זאָל אונדז קלינגען יונג און פריש
איטאַליעניש אין איטאַליע
און פראַנצויזיש אין פּאַריזש.

קרויוויש קלינגט פאַר מיר טונגוסיש —
ברייִשייִסדיק איז דאָס געזאַנג,
מער פון אַלץ איז ליב אונדז רוסיש,
ליב און טײַער שוין פון לאַנג.

פון אַמאָל נאָך, פון אַמאָל נאָך,
נאָר באַזונדערס הער איך קלאָר,
ווי ס׳קלינגט רוסיש בײַ דעם סמאָלני
אין זיבעצעטן יאָר...

1947

די אַלטע טײַנע

װען זאָלסט צונױפֿנעמען די נאַרישקײַטן דײַנע,
װאָס ביסט באַגאַנגען,
װאָלסטו געװען מיט זײ באַהאַנגען.
זײ װאָלטן דיר געקלעקט
אױף דרײַ מאָל מער, װי דו האָסט אָפּגעלעבט.

פֿונװאַנען האָבן זײ זיך נאָר גענומען?
פֿון װעלכע נעסטן זײַנען זײ געקומען?
פֿון װעלכע קװאַלן האָסטו זײ געשעפּט?

אַז אַלץ, װאָס רינגלט דיך אַרום, איז איבערקלוג
און פֿול מיט חכמה, װי אַ קרוג,
און דער פֿאַרשטאַנד
געפֿינט זיך ניט אױף אױבערשטאָקן בלױז, —
אין טיפֿן קעלער פֿון אַ הױז
ער ירערט מיט שפּילנדיקן װײַן באַנאַנד,
געזונט זאָל ער אונדז זײַן, דער ניכטערער פֿאַרשטאַנד.

דו זע, װי קלוג די בינען ציִען זיך צו רױזן,
זײ ציט ניט דער בוריאַן, װאָס װאַקסט אױף יעדן שליאַך...
װי קלוג דער שפּין װעבט זײַנע לופֿטיקע געװעבן,
װי קלוג די מילבן לעבן!

די קאַץ אפילו ווייזט אַזױפיל קלוגן כּיין אַרויס
אין פֿלינקן יאָגן נאָך דער מויז,
די מויז אַפילו, ווען זי לויפט פון איר אוועק,
אַנטפּלעקט אַזױפיל כאָכמע אין איר שרעק...
שוין אָפּגערעדט פון מײַנע קלוימערשטיקע פרײַנט,
וואָס דאַרפן זי בײַ קיינעם גאָר ניט באָרגן,
אין יעדער קנייטשעלע די „כאָכמע" שײַנט,
פאר יעדן האָבן זיי אַן אַנדער מין גוטמאָרגן
און אַ גוט־יאָר,
זיי ווייסן גוט שויך, וואָס מע „טאָר ניט", וואָס מע „טאָר",
פאר יעדן האָבן זיי אַן אַנדער פּאָרל אויגן,
זיי טוען זיך פאר העכערע פארנויגן,
פאר קלענערע פון זיי זיי קאָנען ווערן הויך,
זיי ווייסן, ווען ס'קומט דאָס פײַער, ווען ס'קומט
דער רויך,
אין יעדערן פון זיי די וואָכעדיקע קלוגשאַפט לעבט,
האָסטו בײַ זיי דײַן נאַרישקײַט געשעפּט?

און ווידער בלײַבט די אַלטע טײַנע:
פונוואַנען נעמען זיך די נאַרישקײַטן דײַנע?

1947

דער גלעזער

די סאָסנאָווע וועלדער
ווילן וואַקסן העכער,
און די קראַנקע הײַזער
ווילן האָבן דעכער.

און די פּוסטע נעסטן
בענקען נאָך די טויבן,
און די פּוסטע ראַמען
ווילן האָבן שויבן.

גייט אַרויס דער גלעזער —
ס׳וואַרטן לאַנג שוין הײַזער.
ווי בײַ דער אַקאַציע
איז זײַן קאָפּ אַ גרײַזער...

גייט אַרום דער גלעזער
מיט זײַן גלאָז דעם רײַנעם,
רופן אים די קינדער,
רופן אים די זקנים.

— קומט אריַין, רעב לייזער!
— איך וועל שפּעטער קומען!
— קומט צו אונדז, רעב לייזער!
— איך בין שטאַרק פאַרנומען!

אַז ער דאַרף אַזוי פיל
הײַזער נאָך פאַרגלאָזן,
היימישער זאָל ווערן,
ס'זאָל דער ווינט ניט בלאָזן.

אַז דער ליבער רעגן
בלײַבן זאָל אין דרויסן,
וויפל גוטע זאַכן
איז דער גלעזער אויסן?

האָט אַ שטאָט אַ פּאָנעם
מיט צעזעצטע פענצטער?
איז רעב לייזער טאַקע
דאָ דער גאַסט דער שענסטער.

מיטן בעסטן דימענט
שנײַדט ער גלאָז אויף שטיקער,
און דער דימענט, זאָגט מען,
איז בײַ אים דער איקער.

ווערט אַ ראַם אַ פּוסטע
מיט אַ גלאָז פאַרצויגן,
ווערט בײַ טאַטע־מאַמע
ליכטיק אין די אויגן.

שטייען קינדער רויִק,
שטייען בא די שויבן,
זעען, ווי אין נעסטן
קערן זיך די טויבן.

זעען, ווי די הײַזער
טוען אָן זיך דעכער,
ווי סאָסנאָווע וועלדער
וואַקסן העכער, העכער!

1948

אף דוירעס א דענקמאָל

ווו זײַט איר איצט, ייִנגלעך פארשײַטע,
די זיך פון די נאָענטסטע פרײַנט?
איך זע אײַך בא פלאמען פון שײַטערס
מיט קינדערשן אומרו באשײַנט.

ווען ס׳האָבן אײַך מאמעס געבוירן,
בין איך בא דעם יאָמטעוו געוועזן,
ווען ס׳האָבן אײַך מאמעס פארלוירן,
האָב איך זייער אומגליק געזען...

איך האָב פאר אײַך נעמען געקליבן,
איך האָב אײַך אין וויגל געוויגט,
איך האָב מיט אײַך שפאסן געטריבן,
געשפילט זיך מיט אײַך און געקליגט.

די רעגעס פון אײַער געבוירן
כ׳געדענק, אײַער קינדישן ברען,
כ׳געדענק, אז קיין גרויסע גיבוירים
זײַט איר פון געבורט ניט געווען.

דער שוואַכינקער הערשל שאַפּיראָ
מיט קלײַנדלעך אָפּן געזיכט,
מיט אויגן, ווי הימלען סיבירער,
יאָגט דורך אַף אַ פֿערד אומגעריכט.

און טאָבע וועוויורקע דער שטיפער,
דער שלאַנקער, דער פֿריילעכער יונג
מיט אויגן, פֿון קרענעצעס טיפער, —
כ׳געדענק נאָך זײַן גאַנג מיט אַ שפּרונג.

איך הויפֿן מיט שטאָטישע פּלויטן
זיי האָבן אין זאַמד זיך געשפּילט,
די זון האָט די קינדערשע הויטן
מיט טויזנטער כייבען באַגילדט.

און מאַרק כאַשטשעוואַצקי — איך קאָן אים,
דאָס קינד פֿון מײַן ערלעכסטן פֿרײַנט,
איך זע נאָך אַצינדער זײַן פּאָנעם,
מיט קינדערשע זאָרגן באַשײַנט...

עס וואַרטן נאָך היימישע טירן,
עס פֿלאַטערן מאַמישע הענט...
דאָס היימלאַנד מיט אײַך וועט שטאָלצירן,
די טאַטעס האָט איר ניט פֿאַרשעמט...

איר שטייט מיר ביז הײַנט פֿאַר די אויגן,
און כ׳זע, ווי געשיקט און געשווינד
איז מישע פֿאַרבײַ דורכגעפֿלויגן,
אוראָם וועלעדניצקיס אַ קינד.

און אַט זע איך לייבעלען שוועבן,
א. קאהאנס געראַטענעם זון,
דער פּיינט האָט פאַרשניטן זיין לעבן,
זיין פריינט האָט געמאָלדן דערפון...

אַף פעלדער, אַף זאמדיקע וועגן
איר רוט שוין — ווי שרעקלעך — איר רוט! —
דער זאמד איז צענעצט פונעם רעגן,
און רויט איז דער רעגן פון בלוט.

איך זע אים, דעם שלאַנקן און ברוינעם,
דעם בכאָר פון פּאָעט קושניראָוו —
דער יונג איז אוועק קעגן סוינעס!..
ער שלאָפט מיט אַן אייביקן שלאָף.

איך ווייטעק מיט טאַטעס צוזאַמען,
דעם גרויזאַמען כעזשבן איך פיר.
די טרערן פון אייערע מאַמעס —
זיי פינקלען אין אויגן בא מיר...

איך שטיי אַף דער ערד א פאַרשעמטער —
כ'בין עפשער אייך שולדיק? ווער ווייסט?
איך זוך, ווי א טאַטע, אַן ענטפער
און זוך, ווי די מאַמעס, א טרייסט.

און איר האָט דעם ענטפער געגעבן,
א דענקמאָל אַף דוירעס געבויט —
מיט אייער באַפליגלטן לעבן,
מיט אייער פריצייטיקן טויט...

1948

ס׳איז גוט צו לעבן אַף דער וועלט

איך זאָג עס נאָכאמאָל און ווידער:
ס׳איז גוט צו לעבן אַף דער וועלט!
עס ווערט אונדז קיינמאָל ניט דערווידער
דאָס שורשענדיקע גראָז אין פעלד,
דער רייַפער עפּל אַף די צווייַגן,
וואָס בענקט שוין נאָכן מיידלס קויש,
פון ברעגן אוראַלטע דאָס שווייַגן,
פון כוואַליעס אוראַלטע דער רויש...

איך זאָג עס נאָכאמאָל און ווידער:
ס׳איז גוט צו לעבן אַף דער וועלט!
איך הער, ווי בינען זינגען לידער,
און אָט דאָס זינגען מיר געפעלט...
נאָר ס׳טרעפט, איך זע און קאָן ניט גלויבן,
וואָס קומט דאָ פאָר, פאַרשטיי איך ניט:
א ריז א בופלאַקס ליגט אין שטויבן,
א גאָלדן באַבעלע — און פליט!

כ׳האָב ליב דעם בליץ, כ׳האָב ליב דעם דונער,
כ׳האָב ליב דעם רעגנדיקן גוס,

ווען טיף אין הארצן שײַנט די זון נאָר
און ס׳איז די ערד אין דײַן רעשוס.
איך זאָג עס נאָכאַמאָל און ווידער:
ס׳איז גוט צו לעבן אויף דער וועלט!
ווען פֿון דער הייך און ביז דער נידער
איז אַלץ אין קאָן אַרײַן געשטעלט.

1948

אונטער א רעגן

זאָל דער רעגן גיסן, גיסן,
כ'וויל אצינדער גאָרניט וויסן,
גאָרניט הערן, נאָר זײַן קאָל,
נאָר דעם מורמל פון די טראָפּנס
בא דעם וואַלדיקן צוקאָפּנס
פון דעם פאַלנדיקן טאָל.

כ'בין אצינדער אונטערוועגנס,
כ'בין דעם וואַלדס און כ'בין דעם רעגנס,
נאָר ביט איינזאַם בין איך איצט.
וואָס זשע שרעקן זיך די ביימלעך?
ווען עס דונערט, ווערט מיר היימלעך,
ס'ווערט מיר ליכטיק, ווען עס בליצט.

זאָל דער רעגן פאַלן, פאַלן,
פון די טראָפּנס ווערן קוואַלן,
און די קוואַלן רעדן אויך.
טראָפּנס שפּילן ווי אף פלייטן,
קוואַלן קומען אפן גרייטן,
און זיי שרײַען זייער הויך...

איינער האלט פון טראָפּנס שטילע,
שטילע, ווי אן אלטע טפילע,
שטילער פון דער רו אליין;
און א צווייטער האָט ליב קוואלן,
ווען זיי רוישן, ווען זיי שאלן,
זאָל דער רעגן גיין און גיין!

ס׳ווערט דער טראָפּן נית פארלוירן,
ווען עס ווערט א קוואל געבוירן
און ער ווייסט אליין מיסטאם,
אז זייַן ענדע, אז זייַן פאלן
אין די ווירבלדיקע קוואלן
איז דער אָנהייב פון א יאם...

1948

טיפּער פונעם יאַם

כ׳האָב ליב דעם יאַם דעם גרויסן,
וואָס שלאָפט, ווי איך, אין דרויסן,
א יאַם איז דאָך א יאַם,
זײַן רוישן און זײַן שווײַגן,
זײַן פאַלן און זײַן שטײַגן
האָט א באַזונדער טאַם,
כ׳האָב זייער ליב דעם יאַם.

דער יאַם איז ווי א שפּיגל,
דער ברעג איז ווי א ראַם,
די כוואַליעס האָבן פליגל
און טראָגן זיך ניט סטאַם...

א יאַם איז דאָך א יאַם!

ער שפּילט דען אף א פידל?
א שפּיל איז אים די טיף,
זײַן ליד איז ניט קיין לידל,
זײַן ליד איז זייער טיף,
און טיפער נאָך מיסטאַם
אפילו פונעם יאַם.

1948

17*

פון סעדער סוכומער

א גרוס איַיך פון סעדער סוכומער,
דאָרט שמעקן באָך ביימער מיט זומער,
און ס׳רופן די סטעזשקעלעך ברייטע
מיט באָרוועסע צייכנס צעזייטע.

און ס׳ביינדלען זיך מאָלפּעס אין שטייַגן,
זיך וויגן מיט זון אף די צווייַגן,
איך האָב אים געלאָזן, דעם זומער,
אין הארבסטיקע סעדער סוכומער.

די בערג די קאווקאזער — אהינטער,
בא מיר אין דער היים איז שוין ווינטער.
און ס׳ווילט זיך מיר ברענגען כאָטש עפּעס
אהין, אין די שנייִיקע סטעפּעס.

כאָטש ברענגען א פּיצעלע זומער,
א ביסעלע זון־שייַן סוכומער,

די זון־שײַן איז, לײדער, געבליבן
באַם יאַם, אײנעם באָרגיקן שטיבל.

געבראַכט כ׳האָב איך װינטער־מעדינע
מאַראַנצן מיט בלעטעלעך גרינע.
און װען איך פֿאַרגעס זיך אײנגאַנצן,
װערט זומער פֿון מײַנע מאַראַנצן.

1948

17–2405

א שרעקלעך וואָרט

דו האָסט געזאָגט א שרעקלעך וואָרט,
אז איך בין אלט,
ווי האָסטו עס צונויפגעפּאָרט
מיט מײַן געשטאלט?
און אויב אפילע מײַנע האָר —
זיי זײַנען גרוי,
איז דאָס דער שניי פון לעצטן יאָר,
דאָס איז אזוי...
און אויב מײַן גאנג, מײַן יונגער גאנג,
איז עטוואָס שווער,
און אויב מײַן ייִנגלשדיק געזאנג
איז שוין ניט דער,
איז דאָס פון צאָרעס, וואָס איך האָב
די צײַט געהאט,
זיי האָבן מיר געמאכט מײַן קאָפּ
אי שווער, אי מאט.

ווי האָסטו זאָגן גאָר געקענט
אזא מין זאך,
צי איז די קראפט אין מײַנע הענט
געוואָרן שוואך?

צי איז ניט שפּיזלדיק און ריין
מײַן יונגער בליק?
צי ציט מיך עפּשער, איך זאָל גיין
שוין אָף צוריק?

דו האָסט געזאָגט אַ שרעקלעך וואָרט,
איך ענטפער: ניין!
פונדעסטוועגן איך בעט דיך פאָרט,
דו זאָג אַליין.

די יוגנט מעסט מען לויטן מוט,
וואָס וועקט און רופט,
די עלטער קאָן נאָר לויטן בלוט
זײַן אויסגעפּרוווט.

און אויב ס׳וועט זײַן, מײַן ליבסטע, הער,
מײַן בלוט שוין קאַלט,
און אויב אפילו... זאָג ניט מער,
אַז איך בין אַלט...

1948

פרעג, מײַן לעבן

װילסט מיך פֿרעגן, פּרעג, מײַן לעבן,
קאָנסט מיך פֿאָלגן אָדער ניט,
נאָר אַן אײצע קאָן איך געבן,
װי א גוט געניטער ייִד.

קאָנסט פֿאַר אַלעמען מיך פֿרעגן,
קאָנסט מיך פֿרעגן שטילערהייט,
ביסט נאָך יונג, און אַלע װעגן
ליגן איצט פֿאַר דיר צעשפּרייט.

יאָ, ס׳צעלױפֿן זיך די אױגן,
אָ, דער איבּיען איז ניט גרינג;
אײנער ציט זיך, װי א בויגן,
אײנער קרײַזט זיך, װי א רינג.

אַלע װעגן האָבן טירן,
און א קינד אַפּילע װײסט:
אויב דו װילסט זיך ניט פֿאַרלירן,
מוזסטו װיסן װוּ דו גייסט...

1948

דאָרשט

ווי נאָר אין אָונטיקן אומעט
די זון באַהאַלט
איר לעצטן פונק,
די העלדזעלעך זייערע זיי ציִען אויס
צו מיר,
די בלומען,
נאָך א טרונק...
דער דאָרשט — ער רייכערט זיך אין סאמעט
פון דער רויז,
און ווי א שטויבעלע ער שפּרייט זיך אויס
אויף יעדעס בלעטל פון לעווקוי,
וואָס לעכצט אזוי
נאָך יענעם ביסל וואסער,
וואָס ווערט דורך מיר געבראכט
פארנאכט
דעם דאָרשט צו לעשן פון די בלומען...
מיר דוכט, זיי קענען מיך,
מיַין קאָל, מיַין גרינגע האנט, דעם שאָרך פון מיַינע שיך,
און זיי דערפרייען זיך:
ער איז געקומען!

1948

ביסט שוין גרוי

זע נאָר, בענטשיק, ביסט שוין גרוי,
כ׳האָב דאָך ערשט געזען דיך לויפן
איבער שטעטלדיקע הויפן —
יאָרן פליִען, אָט אזוי,
בענטשיק, בענטשיק, ביסט שוין גרוי...

כ׳האָב דאָך אָקאָרשט דיך באמערקט
לאָזן ראציעס, קײַקלען רייפן,
טראָגן זיך איבער די מערק,
שווארצע קרויזן אף די שלייפן,
אף די ליפן יונגער טוי,
זע נאָר, בענטשיק, ביסט שוין גרוי...

כ׳האָב דאָך אָקאָרשט דיך געטראָפן
קריכן אף אן עפּלבוים,
ווי די צײַט איז דורכגעלאָפן,
עפּל פאלן פונעם רוים,
ניט קיין עפּל — שטיקער פײַער
פאלן, פאלן אָן א ברעג

אף דעם גוטן, אף דעם פרײַען,
אף דעם זינגענדיקן וועג...

דארפסט פון מיר ניט אויסבאהאלטן
אָט די גרויקײַט פון די האָר,
כ׳האָב געזען אין פעלד אין קאלטן
דיך אינמיטן פון מײַן דאָר...

בענטשיק, בענטשיק! כ׳וועל ניט פרעגן,
וואָס האָט דײַנע האָר פארגרויט —
צי דער רעגן אף די וועגן,
צי אף וועג און שטעג דער טויט?
צי דער שניי, וואָס איז געפאלן
אף די זעלנער נאָך דער שלאכט,
צי די גרויע נאסע שפאלן,
אײַנגעזונקענע אין נאכט?

יאָרן פליִען, אָט אזוי,
בענטשיק, בענטשיק, ביסט שוין גרוי?

1948

א שטורעם

יאָ, יאָ, ס׳וועט זײַן, ס׳וועט זײַן אַ שטורעם,
די ווינטן לעשן שוין די שײַן,
און ביימער הוידען זיך — שיכורים,
וואָס ווייסן ניט ווו אויס, ווו אײַן.

אַ שטויב גייט אויף, און פאַלט, און ציטערט,
אַט איז ער גרויס, אַט איז ער אויס,
עס שמעקט דער דרויסן מיט געוויטער,
ער רײַסט זיך פון זײַן הויט אַרויס.

און רײַסט פון דר׳ערד די שלאַנקע שטאַמען,
און שרײַט, און בושעוועט, און לאַכט,
און טרײַבט די שיפן אויס די יאַמען,
און ס׳ווערן וועלדער שוואַרץ, ווי נאַכט.

דערווײַל איז טאָג, ניטאָ קיין שטערן,
פון הימלען טריפט אַ מוטנע שײַן,
און ביימער הוידען זיך און הערן,
ווי ס׳רוישט אין זיי דער גרינער ווײַן...

1948

א וואַנדונג צו פּערעצן

כ׳קאָן זיך היינט צו דיר ניט ווענדן,
ווי מע ווענדט זיך צו א מענטשן,
וואָס איז שוין פון לאנג פארשוווּנדן
פון דער שווינדלדיקער ערד,
וואָס זיין גאנג איז שוין פארגאנגען,
וואָס זיין נאָמען איז פארהאנגען
מיט א פאָרהאנג פון פארגעסונג,
און זיין וואָרט איז שוין קיין וואָרט ניט,
און זיין ווערט האָט ניט קיין ווערט...

ניין! איך קאָן ניט און איך דאַרף ניט,
כ׳וועל צו דיר זיך היינט ניט ווענדן,
ווי דו וואָלסט בעעמעס רוען
אפן וואַרשעווער בעסוילעם
מיט א טרויער־צאַם פארשטעלט.
לעבסט היינט מיט א שענער לעבן
פון א סאַך, וואָס לעבן טאקע,
נאָר זיי בלאָנקען, ווי די שאָטנס,
אף דער לעבעדיקער וועלט...

כ׳וויל ניט וויסן, כ׳וויל ניט הערן,
אַז דו ביסט אוועקגעגאנגען,

אז דו האָסט מיט אונדז צעשיידט זיך
פריִער מיט א דרייַסיק יאָר,
כ'וויל קיין העספּעד דיר ניט מאכן,
כ'זע אף גאסן דיך, אף שליאכן,
ביסט א מענטש פון אונדזער דאָר,
און דייַן כאָלעם איז מייַן וואָר...
אין דער הויפּטשטאָט פון די הויפּטשטעט,
אין דער שטאָלצער פרייַער מאָסקווע,
א באַלויכטענעם מיט ליבע
כ'זע דיך זיצן אויבנאָן,
איינער זאָגט: דו ביסט א גאָען,
און דער צווייטער — ביסט א פּאָן,
און פאר מיר ביסטו דער דיכטער,
וואָס האָט אַלץ געשטעלט אין קאָן...

ביסט פאר מיר מייַן שטאָלצער שמייכל,
ביסט מייַן גרויזאמער געוויין.
ווען איך זאָל צו דיר ניט קומען,
ביסטו קיינמאָל ניט אַליין.
ס'קוקט אף דיר אווראָם גאָלדפאדן
און פארשטייט דייַן טיפן מיין;
ס'זיצט לעם דיר שאָלעם־אַלייכעם,
כ'זע אים פון דער רעכטער זייַט,
כ'זע אויך מענדעלען דאָ זיצן,
כ'זע דאָ ביאַליקן ניט ווייַט,
דאָוויד בערגעלסאָן און ניסטער
זיצן גראדע זייער נאָ'נט.
קושניראָוו האָט מיטגענומען
פון דייַן אימפעט אפן פראָנט.
אזוי פריי און אזוי הייַנטיק

איז דיין ליבע און דיין האס,
ווי דער שמייכל פון די קינדער
אף דער מינסקער פערעץ־גאס...

האסט מיין קינדהייט אין די געסלעך
אין די שטויביקע געפרייט,
האסט מיין יוגנט ניט פארגעסן,
אין מיין רייפקייט מיך באגלייט.
און ס'איז גוט מיר היינט צו וויסן,
אז דו ביסט נאך יונג און שטארק,
אז אוועק איז ווי א וואלקן
פונעם וועג דער אלטער מארק,
אז פארשוווּנדן איז אף אייביק
פון די געסלעך באַנציע שווייג,
אז מיין פאלק איז ניט קיין דארן,
נאר א לעבעדיקע צווייג.
מ'האט זי שטארק ארומגעריסן,
מ'האט צעשטערט אף איר די נעסט,
נאר עס רוישט שוין דאס געבלעטער,
און דיווארצלען זיינען פעסט.

קומט מיט יעדן פרילינג ווידער,
מיט א גרינעם פלאם צעברענט,
כ'האב אין גראז אין יענעם גרינעם
דיין אומשטערבלעכקייט דערקענט.

כ'האב געזען א מאמע שפאנען
איבער קווארים און קורגאנען
מיט א קינד אף אירע הענט,
כ'האב אין קינד, וואס וויל ניט שטארבן,
דיין אומשטערבלעכקייט דערקענט.

ס׳האָבן טײַכן זיך געגאָסן,
טײַכן טרערן, יאַמען בלוט,
איך בין שטאָלץ, וואָס כ׳קאָן דיר מעלדן,
אַז מײַן פֿאָלק האָט ניט גערוט,
אין דער שלאַכט האָבן געפֿלאַקערט
זײַנע טעכטער, זײַנע זין,
אַז דײַן נאָמען אין די הערצער
האָבן זיי געבראַכט אַהין.

צווישן שטאַרבנדיקע העלדן,
מיט די ביקסן אין די הענט
האָב איך נאָכאַמאָל און ווידער
דײַן אומשטערבלעכקייט דערקענט.

1948

ייִדיש

— ס׳איז א דינסט! — האָט מען געשריִען
אין דער צײַט פון דער האסקאָלע.
— ס׳איז א מאלקע! — פלעגט מען שרײַען.
אין די געסעלעך די שמאָלע,
אין די זאלן פון ווײַטשעפל
זיצן הײַנט נאָך כניאָקעס מידע
און מע לאשטשעט זי, מע פעסטעט,
ווי א קראנקע באסיעכידע.

ייִדיש
הייסט ניט באסיעכידיש,
ייִדיש
הייסט ניט הוילער כידעש.
ייִדיש
איז א בלאסע קאלע?
ייִדיש
איז א שפראך, ווי אלע!

דורכגעגאנגען אלע נויטן,
בײַגעקומען אלע טויטן!
ס׳איז דאָך ניט קיין שפראך, וואָס וואנדערט

פון כיסלאוויטש קיין ליובאוויטש,
יידיש כאוועךט זיך מיט סלאוויש,
יידיש
קלינגט א ביסל אנדערש,
און מיט אלע האָריזאָנטן,
וואָס א שפּראַך קאָן זיך פאַרגינען.
יידיש
קלינגט אף אלע פראָנטן,
יידיש
נעמט באַזונדערס בליצן
אין דעם אָפּשײַן פון רובינען
מיט די פינף צעשײַנטע שפּיצן.

בא דעם גרעסטן דערעכערעץ
צו דעם גרויסן שרײַבער פּערעץ
מוז מען דאָ מיט ווערטער קלאָרע
מאַכן אויס פון זײַן האַשאָרע:
אנדערש גאָר זײַן ליד וואָלט קלינגען,
ווען ער זאָל ניט יידיש זינגען...

און דער ערשטער האָט דאָך מאָניש
זיך געשטעלט קעגן זײַן רעבן...

אָט די שפּראַך איז אונדז געגעבן
ניט צו פלוידערן זשאַרגאָניש
אין פאַרשטויבטע געטאָ־ערטער...
מיר פאַרגעסן שוין די ווערטער:
עפּשער, העפּקער, בלאָנקען, טאָמער,
ווי די מײַסעס פון בלאָשטיינען,
ווי די ווערק פון אלטן שאָמער...

יִדיש שמעקט מיט פּרוכט מיט רײַפֿער,
יִדיש שמעקט מיט פֿויסט מיט שטײַפֿער,
ס׳האָט די שפּראַך א דאך א גרויסן
און א פּרעכטיקן אינדרויסן,
ווי א גלײַכע צווישן גלײַכע,
גיט זי קיינעם זיך ניט אונטער:
ווי א רײַכע צווישן רײַכע,
קלינגט זי יאָמטעוודיק און מונטער...

ס׳קלינגט „לעכאַים" ווי „וויטאַיעם",
ווי, לעמאָשל, „פּאָזדראַווליאַיעם",
ס׳ווערן קאַרגער קלאָלעס, טײַנעס,
און ווי הימיש ווערטער זײַנען,
ווי די שענסטע מעכוטאָנים:
מאָסקווע, קרעמל, רויטע פּאָנען,
און אפילע אינדערוואָכן
הערט ניט אוף צו קלינגען הימיש
דאָס דערהויבן וואָרט: ביצאָכן...

יִדיש
הייסט ניט באַסיעכידיש,
יִדיש
הייסט ניט הוילער כידעש,
יִדיש
האָט אין אש אויך פײַער,
און דערפאר איז עס אונדז טײַער!

1948

לעכאַים

— לאמאָוועס! — האָט געזאָגט דער פֿײַנט.
און מיר האָבן געזאָגט: לעכאַים!
מיר האָבן ווידער אופגעשײַנט
מיט נײַער קראַפט, מיט שטאָלץ מיט נײַעם.

און ס׳האָט דער פֿײַנט זיך אויסגעפײַנט
מיט פֿײַערלעכער גאַזלעוואַניע,
וואָס האָט פֿאַרביטן אים די שײַן
אין אויגן רויבערישע, בלויע.

— לאמאָוועס! — האָט געפּויקט זײַן בלײַ.
— לעכאַים! — האָט די ערד געשריגן.
נאָך אַלע אומגליקן — אפּסנײַ
צעפּרוכפּערן זיך און צעבליִען!

— לאמאָוועס! — האָט געדראָט א קאָל
אף שוואַרצע טאַנקען אופגעטורעמט.
— לעכאַים! — איינס פֿאַר אַלע מאָל, —
האָט אונדזער רוף אין לאַנד געשטורעמט!

דער סוינע הענגט שוין אף א שטריק,
און נאָר באַנאַכט מיט גרויע סאָוועס
ער עפנט נאָך אן אויג, אין בליק
פלאַמט ווידער אוף דער רוף: לאַמאָוועס!

— לעכאַים! — גריסט זיך פעלד מיט פעלד.
— לעכאַים! — שליסט זיך העלד מיט העלד.
— לעכאַים, ברודערל, לעכאַים!
— לעכאַים! — קוויקן זיך די שטעט.
— לעכאַים! — וויטען זיך די זאַנגען.
און ס׳גייען ווידער איך געוועט
די נײַגעבאָרענע געזאַנגען,
וואָס ווייסן ניט קיין צוים, קיין מאָס,
ס׳ווערט פול די זון מיט גאָלד מיט נײַעם,
די ערד הייבט אוף איר גרינעם קאָס:
— לעכאַים!

1948

צו א זינגערן

נו, זינג, נו, זינג הײַנט צוליב מיר
און שטיל מײַן דאָרשט מיט דײַנע לידער,
די ליד, וואָס לעבט נאָר אַף פּאַפּיר,
איז מיר א ביסעלע דערווידער.

אין מילדע פאלדן פון דײַן קאָל
דערפיל איך אָפּט דעם רויש פון רעגן,
דעם צאַרטן נידער פון א טאָל,
די האַרבע הייך פון מײַנע וועגן...

ווען ס׳טוט א ווינטעלע א בלאָז
אין לידער זאַפּטיקע אין דײַנע,
דערפיל איך: ס׳אָטעמט אונדזער גראָז
אַף לינדע לאָנקעס פון אוקראַיִנע.

עס טרעפט: ס׳ווערט מיד אַמאָל דײַן ליד,
ניט קוק אַף מיר מיט שטומע אויגן,
אַפילע פידלען ווערן מיד,
און ס׳גרויט אַמאָל די זון אַף סטויגן...

1948

א בריוו צו שאָלעם־אליכעמען

איך שרײַב צו דיר א בריוו
און שיק זי מיט די טויבן,
דײַן אדרעס ווייס איך ניט,
נאָר כ׳הער ניט אוף צו גלויבן,

אז ס׳וועט אין יעדער שטוב
מײַן ווײַטע בריוו דיך טרעפן,
עס וועט אין יעדער שטוב
די טיר זיך טאָן אן עפן,

א קלונג טאָן וועט א קאָל
מיט ליבע ווערטער ווייכע,
און מעלדן יידיש — פראָסט:
דאָ לעבט שאָלעם־אלייכעם!

איז דען פאראן א שטוב,
דו זאָלסט באם טיש ניט זיצן?
וווּ ס׳זאָל דײַן זאפטיק וואָרט
ניט טרייסטן און ניט שיצן?

אין טעג, ווען ס׳שפּאַרט דאָס גרינס
פון אַלע טיפע גרונטן,
מייַן בריוו וועט טרעפן דיך
א שטאַרקן, א געזונטן.

און טראַכסט ניט וועגן טויט,
ווען אַלץ איז פול מיט לעבן,
און נעמענדיק מייַן בריוו,
וועסטו מייַן שפּאַס פאַרגעבן...

ס׳האָט היינע זיך דערלויבט
אַמאָל אין לידער שפּאַסן,
און פּושקין האָט געליבט
די שפּאַסנדיקע גאַסן.

דער פרילינג איז מיט אונדז,
איך זע, ווי ס׳שפּילן שטראָמען,
אין מאָסקווע־שטאָט, אָט דאָ,
דערמאָן איך הייַנט דייַן נאָמען.

איך זוך דיך אומעטום
מיט אויגן מיט ניט זאַטע,
ביסט דאָ און ביסט ניטאָ,
מייַן נאָענטסטער, מייַן טאַטע.

ווען דו וואָלסט קומען הייַנט
אין קאַנט מייַנעם אין ליבן,
עס וואָלט דייַן קלוגע פּען
פאַר דוירעס אונדז באַשריבן.

עס וואָלטן גרויס און קליין
געקומען זען דיך, הערן,

און ס׳וואָלטן קווייטן דיר
געבראַכט די פּיאָנערן...

זיי וואָלטן דיך באַדאַנקט
מיט דראָשעס און מיט טאָסטן,
געלויבט פאַר דײַן געזאַנג
דעם זוניקן און פּראָסטן.

דו וואָלסט דערזען מיט פרייד
נאָך אַלע שווערע יאָרן,
ווי סטעמפּעניו, מײַן פרײַנט,
איז אויסטראַך הײַנט געוואָרן.

ווי מאָטל פּייסיס שפּאַנט
מיט אָרדענס אין די לאַצן,
ווי האָדלס שטאָלצע מי
איז הײַנט ניט אָפּצושאַצן...

מיט פּערטשיקן איך זינג,
איך רעד מיט טעוויעס טעכטער,
איך שטיי אין מאָסקווע־שטאָט
און וואַרט אף דײַן געלעכטער...

ווען דו זאָלסט זײַן אָט דאָ,
ווען דו זאָלסט קאָנען קומען,
אַ גענעראַל אַ ייִד
וואָלט דיך אַרומגענומען...

לעם בירע ס׳וואָלט אַ יונג
פאַרבײַגעגאַן מיט פולן,
דו וואָלסט דאָך איצט געוועז
ניט עלטער פון דזשאַמבולן.

אפילו הײַנט, מײַן פֿרײַנט,
נאָך אַלע גוטע זאַכן,
עס טרעפֿט אַמאָל אַזױנס,
װאָס לױנט זיך אױסצולאַכן.

איז קום, איך װאַרט אױף דיר,
כ'טו עפּנטלעך דאָס מעלדן,
דערװײַל איך שיק פֿון װײַט
אַ גרוס פֿון דײַנע העלדן.

כ'האָב טעװיען דאָ ניט לאַנג
אין בױערקע באַגעגנט,
ער קומט פֿון סאַמאַרקאַנד
צוריק צו זיך אין געגנט,

ער האָט פֿאַרלאָרן אַלץ,
פֿון זײַן געזינד — אַ פֿערטל,
און אַלץ — דער זעלבער שפּאַס,
און אַלץ דאָס זעלבע װערטל...

דו זעסט, ער פֿליט, ער לױפֿט
פֿאַרפֿאַרעט און באַװאַקסן:
ער האָט ניט לאַנג געקױפֿט
אַ װאָגן מיט צװײ אָקסן.

מענאַכעם־מענדל איז
אין קאָן שױן צװישן מענטשן,
ער האָט שױן אַ מעדאַל —
דו װאָלסט אים ניט דערקענט שױן...

אַנטשולדיק מיר, מײַן פֿרײַנט,
מײַן בריװ האָט זיך פֿאַרצױגן,

די זון — זי פֿלאַקערט הײַנט
און בלענדט מיר אין די אויגן.

די ערד איז ברייט און פֿרײַ,
דו האָסט מײַן רוף פֿאַרנומען.
און אָפּט איך טײַנע: אײַ,
א שאָד, וואָס קאָנסט ניט קומען!

מיט אַלע דײַנע זין
און אייניקלעך און טעכטער
איך שטיי אין מאָסקווע־שטאָט
און וואַרט אַף דײַן געלעכטער.

1948

ווינטערדיק

דער שניי האָט די שוועלן באַווינטערט,
מײַן טיר איז פֿון זומער נאָך אָפֿן,
דער וואַלד איז נאָך אַלץ אַ צעגרינטער,
האָסטו צו מײַן טיר ניט געטראָפֿן.

איך קוק, ווי דער פֿראָסטיקער דרויסן
פֿאַרפֿראָסטיקט, פֿאַרשנייט דיך, פֿאַרוויִיט דיך,
די צײַט האָט געענדערט דעם אויסזען
בײַ מיר און בײַ דיר... איך פֿאַרשטיי דיך.

כ'האָב קוים דיך דערקענט דורך דער וויוגע,
דערהערט כ'האָב פֿונווײַטן דײַן קאָל נאָר,
דערשפּירט דײַנע אויגן די קלוגע,
כאָטש האָסט זיי באַהאַלטן אין קאָלנער...

דו האָסט מיך מיט גאָרניט באַליידיקט,
און איך דיך אַוודאי — כ'וויל גלייבן,
אַז אויב ס'איז מײַן צימער איצט ליידיק,
איז שולדיק דער פֿראָסט אויף די שויבן,

די ווינטן, וואָס זוכן און ברומען,
דער וועג אינעם פראָסט א פארשפּינטער.
אויב דו ביסט צו מיר ניט געקומען,
מיסטאמע איז שולדיק דער ווינטער...

1948

דײַן זויבער הארץ

דײַן זויבער הארץ איז מיר ווי שטענדיק ליב און טײַער,
און כ׳האָב ווי שטענדיק ליב דײַן ערלעך־שטרענגן גאנג,
די ניט געלאָשנקײַט פון דײַן ניט שרײַענדיקן פײַער,
דײַן אומבאהאָלפענעם, דײַן גוט געלײַטערטן געזאנג.

דו ביסט נאָך אלץ די שויב, צו וועלכער מײַנע אויגן
א היפּשע צײַט זײַנען שוין צוגעקלעפּט,
דורך דיר זע איך דעם אופגערעגטן רעגנבויגן,
וואָס ווערט אין ווירבלדיקן פלי פון צײַט ניט אויסגעוועבט.

דורך אָט דער שויב איך זע די וועגן אלע,
און יעדער קאָל זיך וועבט ארײַן אין אָטעם פון דײַן קאָל,
און אלע מאָל, ווען כ׳קום צו דיר, ביסטו מײַן קאלע,
און ס׳דוכט מיר, אז איך זע דיך איצט צום ערשטן מאָל.

דײַן ערלעך וואָרט איז מיר ווי שטענדיק ליב און נאָענט,
איך וואָלט געוואָלט אָן גראמען טרײַ זײַן, ווי א טויב,
נאָר ס׳פעלט מיר אויס די טויבן־שפּראך... ווען ס׳קומט
דער אָוונט,
כ׳ברום ווי א לייב לייביכע זײַן לעבעדיקן לויב.

אין פאלשער בליצעניש פון אויגן אונטער ברעמען,
אין פוסטער טיפעניש און גרילצנדיקער טראסקערייַ
כ׳האָב ליב דייַן ערלעך קאָל, דאָס שטילע, ווי דער עמעס,
וואָס וועט אפילע אלטערהייט מיר קלינגען נייַ...

1948

באלאדעס

באלאדע וועגן דער קרעמל־וואנט

אָט שטייט די קרעמל־וואנט מיט דוירעסדיקן רום פֿארשטעמפּלט,
מיט ציגל פֿון יאָרהונדערטדיקן וויי פֿארבויט,
שוין וויפֿל מאָל האָט אָנגעגרײַפֿט אף איר דער טויט,
איר גײַסט, איר רום פֿארלעשן און פֿארטעמפּן.

באדעקט איז זי, די וואנט, מיט אלטקײַט און מיט וווּנדן,
האָט ער געיאָגט אהער, דער טויט, זײַן ווילדן פֿערד,
נאָר אלעמאָל האָט ער געטעמפּט אין איר זײַן שווערד
און איז אין טיפֿער פֿינצטערניש פֿון צײַט פֿארשווּנדן.

זי שטייט, די קרעמל־וואנט, פֿאר דוירעס אופֿגעבלעטערט,
אין איר האָט זיך צעקלאפּט זײַן קאָפּ נאפּאָלעאָן.
אָ, וויפֿל פֿײַנט האָבן צעפֿליקט דאָ זייער שווארצע פֿאָן,
דער אָדלער דער צווייקעפֿיקער האָט זײַנע קעפּ צעשמעטערט.

איצט שטייט זי הויך און שטאָלץ און אומגעוואקלט,
ווער ס'האָט איר טויט געוואָלט, איז איצטער טויט,
און אפּצעלאָכעס אלע וואָלקנס, איז זי רויט
און האָט איר רויטקײַט פֿאר דער גאָרער וועלט צעפֿאקלט.

אף אירע טורעמס הוידעט זיך פון גליק דאָס וויגל,
אף אירע טורעמס שווימען הימלען יונג און ניי,
עס קומט א נייער דאָר, עס גייט א דאָר פארביי,
נאָר ס׳לעבט די אייביקייט און אָטעמט אין די· ציגל.

און ניט קיין שווארצער אש איז אין דער וואנט פארמויערט,
פונדאנען גייט דאָס צאפלדיקע לעבן אוף,
דאָ פינקלט טשקאלאָווס שווונג און סווערדלאָווס רוף,
און ניט מיט שטויב שמעקט — מיט סאָסנע און מיט רויערד.

אָ, ניין! ס׳איז ניט קיין שאָטנס פון קיין רייטער אָפגערייטע,
ס׳איז ניט קיין שטויב פון וואנדערער, פון געסט, —
דזערזשינסקיס פלאם דאָ פלאמט, מיראָניטשעס פארמעסט
איז דאָ פארהיט פאר קינדס־קינדער פאר ווייטע.

ס׳איז ניט קיין ווערטער אלטע, קאלטע, מידע,
ס׳איז גאָרקיס שטורעמפויגלס רופנדיקע ליד,
ס׳איז פרונזעס העלדישקייט, ס׳איז דרייסטקייט פון דזשאָן ריד
פאר ווייטע קינדס־קינדער אין קרעמל־וואנט פארהיט דאָ.

און ניט קיין שטיין, קיין קאלטער שטיין די מויכעס קילט דאָ.
ס׳איז ניט קיין אייז פון אויסגעוועפטער פרייד,
ס׳איז קרופסקעס הארציקייט אין יעדן ביימל דאָ פארזייט,
די זילבער־שיין פון אָסיפּענקאָס יוגנט שפילט דאָ...

זי שטייט, די קרעמל־וואנט, שוין ניט קיין איין יאָרהונדערט,
און וויפל מ׳האָט זי שוין געקארבט, געפרעסט,
איז זי געבליבן אף דער ערד — די פרייסטע נעסט,
און קיילעכדיקע יאָרן וווינט די זומערדיקע זון דאָרט.

און אלע קלאָרע הערצער פון דער וועלט אהער זיך ציִען,
און אלע וועגן פון דער וועלט דאָ קרייצן זיך צונויף,
אין דעם באשיידענעם, אין פּראָסטן קרעמל־הויף
קומט אָן די צײַט אַליין די פליגל אירע גרינג מאכן צום פליִען.

דער קרעמל־זייגער פלעג אמאָל דאָ אויסקלינגען דעם טרויער,
וואָס האָט געווייט אמאָל אין רוסלענדישן טאָל,
איצט רעדט די העלדישקײַט אפילע מיט אַן אנדער קאָל,
ווען ס'טוט א קלאפּ דער טאָג אין ספּאסקער טויער.

זעניטקעס הודען נאָך ניט ווײַט, די הימלען בליצן,
מיט אומרו קלינגט די קלאָרע מאָסקווער לופט,
ווער הערט דען ניט, ווי אונדזער לעבין רופט
אין שלאַכט. די ערע פונעם פאָלק אין שלאכט באשיצן.

און ווידער קוקט אף אונדז די גאנצע וועלט פארוווּנדערט,
מיר זײַנען שטארק און שטאָלץ, ווי שווער עס זאָל ניט זײַן, —
שוין אָט א פערטל פון יאָרהונדערט לויכט די קרעמל־שײַן,
אונדז נערט מיט זאפט און קראפט א פערטל פון יאָרהונדערט.

מיר וועלן אונדזער ערד פון ברוינע שלענג באפרײַען,
מיר וועלן ניט פארשעמען אונדזער גרויסן דאָר, —
זיך נויקעם זײַן אין פײַנט פאר יעדער קינד, פאר יעדער גרויער האָר
לויטן געזעץ פון אײַן טאכאס אײַן.

עס שטייט די קרעמל־וואנט... דער דורעסדיקער איידעס...
וואָס האָט זי ניט געזען אין רוסלאנדס לאנגע נעכט?
דעם ברויז פון העלדן־לאנד, דאָס גויסעסן פון קנעכט,
די גרויסקײַט און די שטארקײַט פון די זיידעס...

און איצט, ווען ס׳רײַסן צו דער קרעמל־וואנט זיך שווארצע פליגל, —
איצט קומען אלע דוירעס זיך צונויף,
און ס׳קלינגט די שווע פונעם פאָלק אין קרעמל־הויף
און יעדער שטיין דאָ ווידערהאָלט די שווע: זיגן!

1942

באלאדע וועגן אָדעסער לימאַן

עס הייבט זיך דער יאַם פונעם ברעג אזוי מיד און צעשראָקן,
ער קוקט דורך די שוימיקע ברעמען און בלעטערט די ווײַט;
ער קאָן ניט דערקענען די שטאָט מיט די פריילעכע שטאָקן,
איז הייבט ער זיך, שפּרינגט פון די ברעגן און יאָמערט און שרײַט...

די שטאָט, וואָס די וועלט האָט גערופן „די שיינהײַט פון דאָרעם“,
שטרעקט אויס אירע דאָרשטיקע גאסן ווי בעטלערשע הענט,
עס שלעפּט זיך דער מאָרגן פארבאָרגן, פארשאָלטן און אָרעם,
מיט שרעק א באפלעקטער, מיט שאָטנס בא כאָרעווע ווענט...

ניט ווײַט פון דער שטאָט, איבער בערגלעך און טאָלן און ריוון,
האָט שוין זיך דער אָנזאָג, דער אָנזאָג דער ווילדער געהערט,
פון ראָצכים פאשיסטן, געקליידטע אין דײַטשישע שטיוול,
פון דײַטשישע ראָצכים אף ווילדע, אף היציקע פערד...

דער טויט האָט שוין לאנג זײַנע פּאָסטנס צעשטעלט בא די וועגן,
די שטאָט איז באלאגערט מיט דונערס און רוישיקן פלאַם;
די איינציקע טרייסט איז די שיף בא די שטיינערנע ברעגן,
דער איינציקער טויער פון שטאָט אין דער וועלט — איז דער יאַם...

צום יאם שווימען פּלייצעס מיט זעק און מיט פּעק און מיט מוירע,
צום יאם יאָגן אַלטע, מיט קאַלטע געשוואָלענע פיס.
נאָר קינדער, וואָס ציילן א טאָג ערשט פון זייער געבוירן,
דערפילן, ווי הייס איז די מאַמישע מילך און ווי זיס...

מע לויפט און מע ווייסט ניט — ווו ווארט ער, דער טויט, ווו ער לויערט:
אין גאס, ווו ס'קאָן פּלוצעם א פאַל טאָן א באָמבע, א באַלקן, א הויז,
צי עפּשער באם ברעג, ווו די רעטונג צעעפנט דעם טויער —
וועט קומען דער כאַלעף און פאַלן אף העלדזער — און אויס...

עס טראָגט זיך דער אוילעם צום ברעג, ווי א שקוואַל, א געוויטער —
בלויז דרייַען זיך גיבן א קער פונעם ברעג אף צוריק און מע שפּאַנט.
מע זעט פון דער שיף: ס'גייט דער ערשטער, דער צווייטער, דער דריטער,
ס'גייט איינער פאַרויס, און ער ווייַזט זיי דעם וועג מיט דער האַנט...

און די צוויי, וועלכע שפּאַנען מיט אים, שפּאַנען אויכעט געלאַסן,
ס'באַגלייט זיי דער זעלביקער סאָד און דער זעלביקער ווײ.
הינטער זיי, ווי די שלענג, פויזען פוסטע און מידע די גאַסן,
און עס פירט זיי דער ברעג מיט זייַן קינדערשן יאָמער־געשריי...

די שיף קוקט זיך צו: ס'גייט דער ערשטער, דער צווייטער, דער דריטער,
און וווהין ווייסט ניט קיינער, בלויז איינע א פרוי מיט א קינד
שפּירן נאָך נאָך די דרייַ. ס'טוען הערצער א קלעם און א ציטער,
ווען דער שאָטן פון דרייַען באַהאַלט זיך אין ווייַט און פאַרשווינדט...

די פרוי מיטן קינד מעסטן לאַנג נאָך די כאָרכלענדע ברעגן,
דאָס קינד טוט מיט הענטלעך מיט בלאַסע די מאַמע א שטויס,
און עס דאַכט זיך, עס וויל עפּעס פרעגן, נאָר וואָס וועט עס פרעגן?
עס פרעגט ניט און ווײנט ניט און קוקט, ווי די מאַמע, פאַרויס...

די שיף גיט א פייַף און א הוידע די אוראַלטע שטראָמען,
די שיף דרייט זיך אויס און עס דוכט: ס'איז דער ברעג אָן א זייַט.

אױף די שעטעכן הודעט מיט פײַער און שטאָל די מילכאָמע,
דער הימל װערט גרױזאַם און גרױ װי די גרױליקע צײַט...

די שיף רוקט זיך אָפּ פונעם ברעג, װאָס איז פול מיט געפּארן,
די שיף קוקט זיך אום און דערזעט: פונעם ברעג צום לימאַן
שװימט אַ שיפל אַ קלײנס און די װעסלעס צעבױטען, צעשארן,
צערוקן די כװאליעס, דעם שױם און דעם װיסטן טומאַן...

— װער פאָרט עס אַצינד צום באַרימטן לימאַן כאַדזשיבײער?
— האָט עס װער זיך פאַרבענקט נאָך אַ שטילער געמיטלעכער באָד?
נאָר דאָס שיפל פאַרזינקט ערגעץ װײַט אין אַ רױכיקן שלײער,
ס'פאַרשװינדט אין באַרױגעזן יאַם, װי אַ שטראָם, װי אַ סאָד...

די שיף זעט שױן גאָרניט. זי הײבט צו דעם הימל די מאַסטן
און זוכט, צי עס פליט ניט קײן דײַטשישער „מאַלעך" אַהער.
בלױז אַ פרױ מיט אַ קינד שטײט און קוקט אַפּן טאָג דעם פאַרהאַסטן
און זוכט אַלץ דאָס שיפל, װאָס װעט זיך ניט קערן שױן מער...

דאָס שיפל איז פלינק צו דער דאַמבע דער גרױער געפלױגן.
געפלױגן, געקומען. דרײַ פרײַנט צו דער דאַמבע געבראַכט.
די פרײַנט האָבן אַלץ, אָן אַן איבעריק װאָרט אָפּגעװױגן,
װײַל אַלץ איז פון פריער געװען נאָך באַזינט און באַטראַכט...

— נו, רעכט, ליבער מאָטל, — האָט אײנער געזאָגט מיט אַ שמײכל, —
ס'איז עפּשער געבליבן אונדז לעבן אַ פופצן מינוט...
געזעגן זיך, ברודער, מיט אַלץ, מיט דער ערד, מיט די הײכן,
אַז װײַל איז דעם מענטש, װאָס פאַרלאָזט אונדזער װעלטל מיט מוט...

און מאָטעלע ליפּמאַן, דער בראָנזענער יונג פון דער בױנע,
האָט אַלץ נאָך געקוקט נאָך דער שיף און אים האָט זיך געדאַכט:
ער זעט דאָרט זײַן מײדעלע ליאַליע, זײַן װײַבל דאָס ברױנע.
און מאָטעלע ליפּמאַן, דער גװאַר, האָט די אױגן פאַרמאַכט...

און עפּשער האָט אַלץ זיך געדאַכט אים: די שיף און די שטראַלן —
עס לויפֿן זײַן פֿרוי און זײַן קינד נאָך אַרום אויפֿן ברעג
און קוקן, ווי דײַטשישע באָמבעס אין שטאָט אַרײַן פֿאַלן,
און שטרעקן די הענט צו דעם פֿלאַם פֿונעם גאַסן־געשלעג...

אַ דײַטשישער מאַרש האָט צעשניטן די לופֿט די צעגליטע,
עס זײַנען צוויי פֿאָלקן מיט טראַסק און מיט טומל געגאַן,
עס וואַרט שוין די דאַמבע אויף זייער געבוין, ווי אַ מיטע,
זיי זײַנען שוין נאָ׳נט דאָ... ניט ווײַט פֿון אָדעסער לימאַן...

זיי בענקען פֿון לאַנג שוין נאָך בלוט און נאָך ווײַן און נאָך גזילע —
עס שפּאַנען צוויי פֿאָלקן און ס׳איז אויפֿן האַרצן זיי זיס,
עס טראָגט אַ מאַרוסיע זיך דורך אין אַ רויטער פֿאַטשיילע,
צוויי פֿאָלקן באַגלייטן צוויי ברוינע אַנטלאָפֿענע פֿיס...

און מאָטעלע ליפּמאַן דערפֿילט שוין דעם רייעך דעם מי׳סן
פֿון שיקערע האָרדעס, וואָס שפּאַנען מיט פֿײַקלשן שרויט,
און מאָטעלע ליפּמאַן אַליין האָט אַצינדער דעם שליסל
צו זיי, זייער ראָצכישן לעבן און ראָצכישן טויט.

— געזעגנט זיך, קינדער... עס קומען די רעגעס די לעצטע,
דעם ברודער דעם בלויען — דעם יאַם צו די הערצער דריקט צו
און זאָל ער ניט זען מער קיין אויגן מיט טרערן באַנעצטע,
וועט גרינגער אים זײַן דאָרט צו וויגן אין שטראָם אונדזער רו...

— געזעגנט זיך, ברידער... די שטאָט נעמט אַרום און די ברעגן,
די ערד גיט אַ קוש און דעם שטראָם און די זאַלץ און דעם שוים.
די שטאָט און דער שטראָם און דער שוים — ס׳איז דאָך אונדזער פֿאַרמעגן
און מיר וועלן בלײַבן באַ זיי אינעם רויש, אין דעם טרוים...

— געזעגנט זיך, פֿרײַנט, מיט דער לופֿט, מיט דער שײַן, מיט די שטיינער,
די לופֿט, וואָס איז נאָר אונדזער הערלעכן היימלאַנד באַשערט,

די שײַן, וואָס אזא האָבן מיר אױף דער ערד, און מער קיינער,
זאָל דער יאם אײַך איצט ווייך זײַן, ווי אונדזערע אָוועס — די ערד...

א קראַך האָט געגעבן דער טאָג, א צעפּליקטער אױף שטיקלעך,
דער יאם האָט מיט אייגענע שטראָמען זיך שיר ניט דערשטיקט,
די לופט איז באהאנגען געוואָרן מיט פינצטערע בריקלעך,
וואָס האָבן דעם אומקום אױף זייערע פליגל געוויגט...

די מעכטיקע דאמבע, וואָס איז, ווי א פעסטונג, געלעגן,
דעם אוראַלטן שטילן לימאַן פון די שטראָמען באשיצט,
האָט פלוצעם געטאָן זיך א הייב און א פאַל, ווי א רעגן —
איר צעמענט, איר אײַזן, איר רו, ווי א האָגל צעשפּריצט...

געררוישט האָט דער יאם און מיט דײַטשישע פּגרים געשפּיגן,
געשלײַדערט די קערפּערס, די קאסקעס, די צײלעמס, די שיך,
ער האָט ניט געוואָלט, די נעווײלעס זײַן ראכוועס זאָל וויגן,
ער האָט ניט געוואָלט אָט די מי׳סקײַט באהאלטן אין זיך...

און ווען ס׳האָט דער יאם זיך בארויקט און שטילער געוואָרן,
האָט ער דרײַ העלדן געהוידעט, געוויגט אױף זײַן טונקעלער פלאַך,
מיט אָפענע אויגן געקוקט אין די אייביקײַט־קלאָרן,
דער מילכוועג אליין האָט אהינצו געשפּרייט זיי דעם שליאַך...

זיי האָבן געוואָלט שוין איבּיינעם דעם לעבנס־וועג שליסן,
זיי האָבן אליין זיך פארקניפּט מיט א דרײַפאכער שטריק,
איצט מאכן די שטראָמען א ווארע פאר זייער געוויסן,
פאר דעם, וואָס איז טיפער פון לעבן און העכער פון גליק...

ווי דעמלט, אין גאנג צו דער דאמבע, זיי שווײַגן, זיי שטומען,
בלויז מאָטעלע ליפּמאַן זוכט עפּשער די שפּורן פון שיף,
וואָס האָט פונדערווײַטן דעם גרוס פונעם אופרײַס באנומען
און האָט אירע טרערן געשיקט אין דער יאמישער טיף...

און ס׳גייט יענע שיף איבער שוימיקע שטראָמען־קורגאַנען,
צי ווייסט זי, די שיף, ווי דער טרויער פון יאַם איז הײַנט גרויס?
וואָס ווייסן די שיפֿן? זיי פֿאָלגן די יאַם־קאַפּיטאַנען,
זיי שנײַדן די שטראָמען און טראָגן זיך שטענדיק פֿאָרויס...

1942

באלאדע וועגן א שנירל פּערל

מע זאָגט, אַז זייער ערד זײַנען די יאַמען־טיפן,
אַז זייער הימל זײַנען שיף־דעקן אין גאַנג,
אַז ס׳האָבן דווירעסדיקע שטראָמען זיי געשליפן,
אַז שטורעמס פלעגן זיי פאַרוויגן מיט געזאַנג,
אַז מענטשן האָבן זיך געוואָרפן פון די שיפן
און האָבן זיי אין בייזן יאַם געזוכט, ווי לאַנג,

ווי לאַנג זײַנען די פּערל אינעם יאַם געלעגן,
ווי לאַנג האָט מען אין טראַכט פון יאַם גערוט,
ביז אַף צעאַקערטע און ווילדע וואַסער־וועגן
האָבן די פּערל־זוכער הייס געלאָקערט די מינוט,
ווען זיי, די הוילע שלעפּערס, וועלן מיט פאַרמעגנס
אַהיים זיך אומקערן פון גרויזאַמען מאַרשרוט...

און וויפל האָבן אינעם יאַם אומזיסט געניִשטערט,
מיט לייבן־פּיש געוואָרפן זיך אין ווילדער שלאַכט,
עס האָט דער טויט געשפּרייט פאַר זיי זײַן שוואַרצן טישטעך,
איר מאָלצײַט האָט געגרייט פאַר זיי די נאַכט,
איז וויפל האָבן דאָס געביין אין טהאָם פאַרמישט דאָרט,
די אויגן זייערע אַף אייביק צוגעמאַכט?

ניט איין בעסאַלמען רוט שוין אפן יאם־דעק,
די טויטע פערל־זוכער שווימען שטיל ארום,
עס רופן זיי די פערל, ווי באַם לעבן, פלאַמענדיק,
די פערל־זוכער טאַפן מיט די פינגער דעם ארום —
ס'איז קאַלט, ס'איז אומעטיק, ס'איז נעפלדיק, ס'איז זאַמדיק,
די יאם־גראָזן, ווי גרינע פינגער, בלאָנדזשען אומעטום...

זיי האָבן זיך דערוואַרט, די פערלדיקע נעסטן,
אף געסט אף גליקלעכע, מיט דרייסטקייט אינעם בליק,
וואָס האָבן אויסגעשפּילט די ריזיקע פאַרמעסטן
און דורכגעשפּאַנט דעם גרויסן יאם ווי אף א בריק,
דעם אויצער אויסגעזוכט, דעם טייַערסטן, דעם גרעסטן,
און אפן אַלטן ברעג זיך אומגעקערט צוריק...

דער ברעג דער דאָרשטיקער איז זיי געגאַן באַגריסן
מיט אויגן גיריקע און הונגעריקע הענט,
און יעדער איינער האָט געוואָלט אָט דאָ געניסן
באַ די, וואָס האָבן זייער ברויז אין יאם פאַרשווענדט,
וואָס האָבן לעבנס זייערע ארויסגעריסן,
ווען ס'האָבן אָפּגרונטן געלאָקערט און געבלענדט...

אַזוי זייַנען די פערל אף דער וועלט געקומען
מיט זייער מילדן זילבער־פערלדיקן רייַץ,
מ'האָט אף א זייַדן שנירל זיי ארופגענומען,
ארופגעסיליעט לויטן וווּקס, און מיטן פלייַץ
פון הענדלער־רויש אוועק אין בונטן מאַרק פון אומעט
און אויסגעביטן זיי אף גאָלד, אף זייַד, אף ווייץ...

אַזוי פלעג זייַן, ניט הייַנט געדאַכט, אין יענע יאָרן:
די הענדלער האָבן זיך אַמאָל געמערט, ווי מאָן.

אף יעדער פּערל, וואָס דער יאַם האָט נאָר געבאָרן,
פֿלעגן די הענדלער, ווי אַ כמאַרע, געבן אַ פֿלי אָן
און אַפֿן פּערלדיקן קערפּערל דעם קלאָרן
האָט זיך אַ פֿלעק באַוויזן פֿון אַ פֿוילן צאָן...

דאָס שנירל פּערל, וועגן וועלכן מיר דערציילן,
האָט אַרום זיך געשיכטעס מאָדנע אָן אַ ברעג,
ס'האָט עס אַמאָל געהיט אין זײַנע טיפֿע היילן
דער טערקישער סולטאַן. מע זאָגט, אין גרויע טעג
פֿלעגט ער מיט זיי דעם שווערן אומעט היילן
בײַ יונגע מיידלעך אין האַרעם... דעם גרויסן וועג,

וואָס אָט די פּערל האָבן דורכגעמאַכט אין וואַנדער,
ווייסט קיינער ניט גענוי. מע זאָגט, אַז מ'האָט אַמאָל
געשלעפּט זיי מיטן יאַם אויף קוויטיקע שאַלאַנדעס,
דער גרײַזער יאַם האָט דאַן קאָרבאָנעס אָן אַ צאָל
געשלונגען, און די שטראָמען האָבן זיך, ווי באַנדעס,
געוואָרפֿן אַפֿן רויב. מע זאָגט, אַז אויף דער שאָל

פֿון לעבן און פֿון טויט האָט שטומערהייט געפֿלאַטערט
דאָס שנירל פּערל. און ס'האָט אַ רעגע בלויז געפֿעלט,
אַז ס'זאָל זיך אומקערן אַהיים און ווידער, זאַט דאָרט
מיט נאַכט, מיט פֿיש, מיט רו, אין יאַמיקן געצעלט,
שוין אייביק בלײַבן ניט באַפֿלעקט און ניט געמאַטערט
אויף הענדלערישע בעלער פֿון דער גרויער וועלט...

נאָר פּערל, זאָגט מען, האָבן אויכעט זייער גורל,
ער טשאַטעוועט נאָך זיי, ער גייט זיי שטענדיק נאָך,
די שווימער האָבן זיי אין שטורעם ניט פֿאַרלוירן.
(די שפּיל מיט דער געפֿאַר איז ווי די שפּיל אין שאָך.)

דאָס שנירל פּערל איז ארויס ווי ניי־געבוירן
פון יענעם מוירעדיקן אויספּרווו, און דערנאָך

האָט מען זיי נאָכאמאָל אין פּעטע הענט געוויגן,
מיט פינגער שווייסיקע געמאָסטן זייער ווערט,
געטאַפּט זיי מיט פאַרשווומענע, מיט מוטנע אויגן,
געטוליעט זיך צו זיי מיט גויעפּדיקע בערד,
אַף העלדזער, ווי אַף טליִעס, זיי ארופגעצויגן,
אַף קישנס שמאַלציקע איז פינקלען זיי געווען באַשערט.

זיי זײַנען אויסגעוועזן א וועלט. ניט שײַ'ך צו זאָגן,
אווו א סימכע, ווו א מארק, ווו א יאריד,
ביז מ'האָט זיי נאָכאמאָל צו שאנד ארויסגעטראָגן,
מ'האָט שוין פאַרגעסן ווו — אין סטאמבול, צי מאַדריד,
ביז מ'האָט זיי נאָכאמאָל געטרייסלט אַף א וואָגן
און זייער באַלעבאָס איז שוין געווען א ייִד.

ערגעץ בא דעם מידן סאָף פון אכצעטן יאָרהונדערט
האָבן די פּערל אַף זײַן כאַסענע געטאַנצט,
די ווײַבער אין פאַריקן האָבן זיי באַוווּנדערט,
בא אַלעמען האָבן די אויגן פײַכט געגלאַנצט.
אָ, וויפל פרײַנט האָט דאָן די סינע אָפּגעזונדערט,
מיט קינע־וואַנצן זייער הענדלער־האַרץ באַוואַנצט...

ס'געדענקט ניט קיינער, צי געשמייכלט האָט די קאַלע,
צי גאָר געוויינט. די פרעמדע פּערל אַף איר האַלדז
האָבן ווי רונדע טרערן אויסגעזעזן בא אַלע.
ס'האָט זיך געדוכט, זיי האָבן אויך דעם טאַם פון זאַלץ,
דער ווײַטער יאַם אַליין האָט אויסגעוויינט זיי. מאַלע
וואָס ס'האָט אַמאָל געדוכט זיך אין א דאָרף אַן אַלטס...

פון דאָר צו דאָר זײַנען געגאַנגען יענע פּערל,
מ׳האָט זיי אָף סאַמעטענע קישעלעך געהיט,
ס׳האָט זיך געמעגט די וועלט אַפּילע איבערקערן,
ניט איין מאָל האָט די נויט אין שווערע טעג געבריט,
מ׳האָט אַלץ פֿאַרקויפֿט, — אַ שטיקל פּיסנע ברויט זאָל ווערן,
מ׳האָט אַלץ פֿאַרקויפֿט, נאָר זיי, די פּערל, — ניט.

ווו זײַנען זיי אצינד, די פּערל, יענע ריינע,
וואָס האָבן אַלעמאָל אַזויפֿיל ווייַ דערוועקט?
אין קאַנטן ערגעץ ווײַט, צי באַ אַן אַלטער שכיינע
אין קליינעם שופֿלאָד אין אַ בײַטעלע פֿאַרשטעקט,
און זי האָט זיי פֿאַרהיט פֿון פֿינגער פֿון געמיינע
און, ווי דער יאַם, געהאַלטן ניט באַפֿלעקט?

פֿון אַלע אוצרעס, וואָס די זקיינע האָט דערוואָרבן,
האָט איר דאָס קאַרגע לעבן צוויי געלאָזט אצינד
(די זין און אייניקלעך זײַנען שוין אויסגעשטאָרבן):
דאָס שנירל פּערל און אַן אייניק, ווייַ און ווינד.
דער אייניק איז אין שלאַכט געפֿאַלן (העלער קאָרבן!).
די פּערל זעט זי שוין ניט מער, ווײַל זי איז בלינד...

זי האָט זיי ניט געדאַרפֿט פֿאַר זיך. אין וועג אין ווײַטן,
אין קייווער נעמט מען דאָך מיט זיך שוין גאָרניט מיט.
געוווּסט האָט זי, אַז ס׳קומט די צײַט פֿון אַלע צײַטן,
דער טויט איז איר פֿון לאַנג שוין נאָכגעגאַן פֿוסטריט,
מיט בלינדע פֿינגער פֿלעגט זי אָנטאַפּן דעם בײַטל
מיט די פּערל און דערנאָכדעם טרויעריק און מיד

זיי צערטלען, און פֿאַר אירע אַלטע אויגן פֿלעגן
זיך דורכטראָגן די שווערע יאָרן מיט אַ ראַש,
עס האָבן זיך געפֿלאָנטערט מענטשן,ביימער, וועגן,

דער מויעך האָט איר שיר געפּלאַצט פונעם מישמאַש,
זיכרוינעס זײַנען דורך — א פײַערדיקער רעגן,
און אויף די אָפּגעברענטע יאָרן — קופּעס אַש...

און זי האָט זיך דערוווּסט, אַז ס'איז איר טרייסט געפאַלן,
געפאַלן, ווי א העלד, מיט ראָצכים אין געשלעג;
ווען דײַטשן זײַנען זייער שטעטעלע באַפאַלן,
האָט ער, איר אייניק, אָפּגעצאַמט פאַר זיי דעם וועג.
מ'האָט איר דערציילט, אַז איבער פינצטערע וואָקזאַלן
האָט זיך צעלויכט זײַן נאָמען. טרערן אָן א ברעג

האָבן געפּלייצט פון אירע רויטע טויטע אויגן,
איר פאַרמעט־פּאָנעם האָט געשמעקט מיט פײַכטער ערד,
דער אומגליק האָט נאָך מער זי צו דער ערד געבויגן,
מיט איר פאַרטויבטן אויער האָט זי קוים דערהערט
א ליד, וואָס ס'האָט איר אייניק אַזוי אָפּט פאַרצויגן,
א נאָ'נטע ליד, א נאָ'נטער טופּ, א טופּ פון פערד...

נאָר ניט דער אייניק האָט די שיינע ליד געזונגען,
זי וואָלט דערקענט זײַן קאָל, ווען ס'איז ניט ווײַט פון איר,
דאָס זײַנען זײַנע פרײַנט. אָ, זי געדענקט די יונגען,
זיי האָבן זיך אין זאַמד געשפּילט מיט אים לעם אָט דער טיר,
דאָס פאָרן זיי צו איר. ס'האָט זייער ליד געקלונגען
און האָט באַגלייט איר יעדער קער, איר יעדער ריר...

וואָס נעענטער ווערט די ליד — אַלץ מערער פליסן טרערן.
זי האָט זיך אופגעהויבן אַזוי שוואַך און מאַט
און אומגערן באַרירט דעם בײַטל מיט די פּערל,
וואָס זי האָט אין דעם ווי פאַרגעסן שוין קימאַט —
דאָס איז שוין אַלץ, וואָס טוט נאָך איצט צו איר געהערן,
דאָס איז שוין אַלץ, וואָס זי האָט ווען־עס־איז געהאַט...

זי טאַפּט דעם קרומען וועג, און ס׳דאַכט זיך, אַז עס גלאַנצן
די אויגן און איר דינע אויסגעקנייטשטע הויט;
זי שטייט און האַלט דאָס פענצטער מיט איר דאַרער האַנט צו
און מורמלט צו די רײַטער בײַ דעם שטילן פּלויט:
„איך וועל שוין אַף זײַן כאַסענע ניט טאַנצן,
און דאָס איז אַלץ, וואָס כ׳קאָן אײַך שענקען פאַר מײַן טויט“.

זי האָט דאָס שנירל פּערל אויסגעשטרעקט די רײַטער
און צוגעגעבן שטיל דערבײַ: איך האָב ניט מער...
מע האָט געזען: ס׳האָט זיך איר פּאָנעם אויסגעלײַטערט,
זי האָט אַ שטילן זאָג געגעבן: זײַט, ווי ער.
געגעבן האָט זי זיי די פּערל־שיינקײַט ווײַטע,
גענומען האָבן זיי די פּערל, ווי געווער.

פאַרנאַכט האָט מען די גוטע אַלטיטשקע באַהאַלטן
אינײנעם מיטן אייניקל, געשטעלט איין צאַם.
די פּערל אירע האָבן אינעם רוים דעם קאַלטן
צעפלאַמט זיך מיט אַ פּולווערדיקן פלאַם.
די רויטע פּאָלקן טראָגן זיך פאַרויס צעשטראַלטע
און ס׳רוישט דאָס פעלד פאַר זיי, ווי ס׳האָט גערוישט דער יאַם.

1942

באַלאַדע וועגן דעם ברודער־קייוער

ס'האָט נאָך ניט באַוויזן אַנטלויפֿן די נאַכט,
ווען ס'האָבן די דייַטשן אין פֿעלד זיי געבראַכט.

דאָס דאָרף האָט געברענט און דער פּראָסט האָט געברענט,
דער האַס האָט געברענט אין ווייַסרוסישע הענט.

דער ווינט האָט געפּאַכט מיט זייַן שנייִקער בייַטש,
נאָר קעלטער פֿון פּראָסט איז דאָס פּאָנעם פֿון דייַטש.

עס פּאַטשט, ווי אַ בייַטש, יעדעס וואָרט, וואָס ער זאָגט.
ווייַסרוסן, זיי הערן, זיי שווייַגן. עס טאָגט.

— וואָס שטייט איר? ווער האָט אייַך די ציינגער פֿאַרקלעמט?
— וואָס שטומט איר? נו גיכער, די לאָפּעטעס נעמט

און גראָבט אויס אַ קייווער — ס'זאָל טיף זייַן און ברייט... —
דער ווינט האָט די קנוילן נאָך בייזער געדרייט.

ווייַסרוסישע כאַטעס. ווייַסרוסישער שניי.
ווייַסרוסן דערהערן אַ ווייַטן געשריי.

ווער שרייַט עס? מע ווייסט ניט. דער שאָכן? דאָס קינד?
די אַלטיטשקע מאַמע? דער הימלאָזער ווינט?

עס קוקן ווײַסרוסן אױף זײער פֿאַרמעג —
צעריסענע פֿעלצן, צעבראָכענע טעג,

צעטאָפּטשעטע דערפֿער, פֿאַרפֿרוירענע הענט,
און אַלץ, וואָס אַמאָל איז געווען, איז פֿאַרברענט...

און איצט הייסט דער דײַטש נאָך זײ גראָבן אַלײן
אַ קײווער פֿאַר זײער פֿאַרקילטן געבײן.

פֿאַר וועלכע פֿאַרברעכנס? פֿאַר וואָס פֿאַר אַ זינד?
— די לאָפּעטעס נעמט נאָר, מוזשיקעס, געשווינד.

די פֿויערשע בליקן פֿאַרגײיען אין שנײ:
— אַ קײווער?
— אַ קײווער.
— פֿאַר וועמען?
— פֿאַר זײ.

דער דײַטש טוט אַ ווײַז מיט דער האַנט אױף צוריק:
אַ קופּקעלע ייִדן, געפּענטעט מיט שטריק, —

זײ שטײען געפּענטעט אין ווינט און אין ווײ,
מיט אױגן פֿאַרקילטע אין שטומען געשרײ.

זײ שטײען געפּענטעט. זײ אָטעמען שווער,
מ׳האָט נעכטן פֿאַרטריבן זײ אַלע אַהער.

זײ שעלטן דעם גורל, וואָס האָט זײ פֿאַריאָגט
אַהער אין די שנײען צו שטאַרבן. עס טאָגט...

עס טאָגט און עס בלוט שױן דער הימלשער ראַנד,
זײ שטײען פֿאַריאָסעמט — צו שפּאָט און צו שאַנד.

פאַרוואַקסן, פאַרקויטיקט און שוואַרץ, ווי די ערד,
מיט שמאַטעס פאַרבונדן די קלאַטשיקע בערד,

די אויגן געשוואָלן פון שלאָפלאָזע נעכט.
זיי זיפצן. זיי שטומען. ס'איז ביטער. ס'איז שלעכט.

דאָס בלוט ווערט פאַרפרוירן, דאָס האַרץ ווערט פאַרקילט.
פון ווײַט האָט א הײמלאָזער הונט זיך צעבילט.

און ס'האָט זיך געטראָגן דאָס הינטישע קאָל
דורך פעלדער פאַרשטומטע, דורך שניייִקן טאָל.

די ייִדן — זיי האָבן איצט גאָרניט געהערט,
זיי האָבן געוווּסט, ס'איז זיי שטאַרבן באַשערט.

און ניט ווי די לייבן — אין גרויסן געשלעג,
ס'איז פאַלן באַשערט זיי אין מיט פונעם וועג...

זיי שטייען. ס'איז פול שוין מיט גיפט זייער קאָס.
צו ווענדן זיך ווענדן? צו ווענען? צו וואָס?

מע רעדט ניט. מע קוקט ניט. מע וואַרט שטומערהייט,
דער דײַטש זאָל זיי זאָגן: דער קייווער איז גרייט.

די פראָסטיקע לופט גיט א קלונג מיטאַמאָל,
דער דײַטש גיט א דונער — זיי קענען זײַן קאָל...

און ס'טוט זיי א זעץ אין די אויגן די היץ:
זיי זעען — די לאָפּעטעס גיט מען א שמיץ,

און ס'טוט זיך א קויקל א הייסער געשריי:
— מיר ווען ניט גראָבן קיין קייווער פאַר זיי.

20–2405

מיר האָבן איניינעם געלעבט דאָ, געבויט
און ווען איניינעם דאָ טרעפן דעם טויט. —

די דײַטשישע אויגן — אין פײַער, אין פלאַם,
די דײַטשישע ליפּן — אין פײַער, אין סאַם...

די דײַטשישע פינגער — אף קאַלטן געווער.
עס רײַסן זיך גאָרגלען: „די ייִדן אהער!"

די צײַט איז אַ הייסע — געזאָגט און געטון —
— וואָס שטייט איר? — שרײַט אויס דער צעהיצטער דײַטשון, —

איר, ייִדן פאַרפלוכטע, די לאָפּעטעס, גיך! —
עס קוקן די ייִדן אף זיי און אף זיך.

— וואָס שטומט איר? נו, פלינקער! די לאָפּעטעס נעמט! —
די לאָפּעטעס ליגן אין שנייען פאַרשעמט...

— איר, ייִדן פאַרפלוכטע! הערט אויס און געדענקט,
ווער ס'וויל, ס'זאָל אים ווערן דאָס לעבן געשענקט,

ווער ס'וויל נאָך הײַנט שלאָפן בא זיך אין דער שטוב,
זאָל לויפן דער ערשטער און גראָבן אַ גרוב... —

עס שטומען די ייִדן, ווײַסרוסן — מע שטומט,
די רעגע די לעצטע אין ווייטעקן קומט...

דער דײַטש טוט אַ שמייכל אַ קרומען: — געננוג!
איר, הענדלער פאַרפלוכטע, איר האַנדלט ניט קלוג...

— מיר האָבן געהאַנדלט מיט אַלץ אף דער וועלט,
נאָר ניט מיט געוויסן. —

א הילך טוט דאָס פעלד

און ס׳פאלן קאָרבאָנעס אין ציכטיקן שניי,
א דונער פארהילכט זייער לעצטן געשריי.

זיי האָבן איניינעם געלעבט און געבויט
און האָבן איניינעם באגעגנט דעם טויט.

דער טויט האָט זײַן מאכט אין די קערפּערס געשפּרייט,
דער שניי האָט מיט קלאָרקײַט די אויגן פארשנייט.

דער דענקמאָל, וואָס מ׳האָט זיי דערווײַל ניט געבויט,
איז קלאָרער פון שניי און איז שטארקער פון טויט...

1942

באַלאַדע וועגן מײַן טאַטן

ניט ווייניק פֿרײַנט האָט יעדער מענטש,
ניט ווייניק פֿרײַנט און גוטע שכנים,
כאַווירים, מיטקעמפֿער אַ סאַך
און בלויז אַ טאַטן האָט מען איינעם.
און גליקלעך איז דער מענטש,
וואָס קאָן די שפּעטערדיקע דורותס זאָגן:
איך האָב מיט שטאָלץ דורך טעג און נעכט
דעם טאַטנס נאָמען דורכגעטראָגן...

ווי לאַנג, ווי שווער דער שיידונגס־וועג...
די גאַנצע ערד איז אופֿגעאַקערט.
ווו איז דאָס ווייץ? דאָס פֿעלד איז טויט.
ווו איז די זון? דער הימל פֿלאַקערט.
אין קלאַנג פֿון שטאָל, אין פֿײַף פֿון בלײַ,
אין רויען אויסגעשריי פֿון זיגן

וואַקסט אונדזער מאָרגן, אונדזער פֿרייד,
ווי ערשטלינגען אין הוילע וויגן.
עס גייט אַ קאַמף איצט מיטן טויט,
און אויב עס פֿאַלט אַף דר׳ערד אַ רעגן,
איז ער פֿון בלוט, פֿון ווינד און ווײ,
פֿון גרויסן יאָמער אַף די וועגן;

און אויב א האָגל טוט א פאַל,
איז ער פון ציִן, איז ער פון צאָרן,
איז ער פון הערצער און פון קעפּ,
וואָס זײַנען שטיקער ערד געוואָרן;
און אויב די זון גייט אוף אין פעלד,
איז זי דער אָפּשײַן פון הארמאטן,
נו, גיי דורך קנוילן גרויל דערזען דאָס פּאָנעם פון א טאטן,
וואָס איז באם לעבן שוין ארײַן אין שווארצן טויער פון געהענעם?
צי קאָן מען האָפן נאָך אמאָל אין שיינע מאָרגן־טעג דערזען אים?
עס טיילט אים אָפּ א וואנט, א נאכט,
א שווערער אומגליק, א בייזוווּנדער,
א גרויער שלאק, דער טויט, וואָס קעפּן פּרווּט
דעם שטאָלץ פונעם יאָרהונדערט,
שטייט אפן וועג, א פעסטונג שטייט,
ווי קאָן מען זי אריבערשפּרינגען?
ווו איז ער איצט, דער גוטער מענטש?
צי אָטעמען נאָך זײַנע לונגען,
צי שפּאנט ער נאָך ארום אצינד אין טויטן געסעלע אין שטילן,
צי קוקט ער נאָך אף אונדזער וועלט
דורך זײַנע דורכזיכטיקע ברילן,
צי שרײַבט ער לידער, ווי אמאָל,
און ליי׳נט זיי שעמעוודיק פאר יעדן,
צי זעט מען אים נאָך לעם דער קלויז מיט וואָכעדיקע יִדן רעדן,
צי שמייכלט נאָך זײַן בלאָנדער קאָפּ,
וואָס האָט אף זיך קיין גרויע האָר ביט,
צי שווײַגט דער יונגער זאָקן שוין
און איז שוין געל און ווייסט שוין גאָרניט, —
ווער ווייסט? ווער ווייסט? צי רוען שוין
די אלטע גלידער זײַנע מידע,

און בלויז דער ווינט, די טויבע נאכט
געהערט האָבן זייַן שטילע ווידע,
וואָס איז געפאלן אף דער ערד פארלאָזט,
פארצווייפלט און צעבראָכן,
ווען ס'האָט דער גיפט פון האקנקרייץ
זייַן לעצטן אָטעם דורכגעשטאָכן...
ווער ווייסט? ווער ווייסט? ס'קאָן זייַן, א שטריק
א רויבערשער האָט אים פארצויגן
און ס'פאלט א שניי אף אים, א שניי אף זייַנע האָר, אף זייַנע אויגן,
און שטיקלעך אייז אף זייַנע הענט, אף זייַנע אקסל, זייַנע וויִעס.
ער ענגגט און הערט דעם קאלטן סקריפ
פון קאלטע שכיינעסדיקע טליִעס,
ער ענגגט פארקילט, די טויטע הענט
צו טויטע ווייַטן אויסגעשפרייטע
און פרעגט דאָס פעלד, די קאלטע זון,
די ווילדע וועגן די פארשנייטע:
— ווען קומט די שאָ פון דעם געריכט?
די שאָ פון הייליקער נעקאָמע?
מיט יעדן אופגאנג פונעם טאָג גייט אוף זייַן ליכטיקע נעשאָמע
און מאָנט און רופט...

ווער ווייסט? ווער ווייסט? און עפשער איז ער גאָר אצינדער
מיט שכיינים זייַנע אין א וואלד
און שפירט דורך צווייַגן נאָך די צינדער,
נאָך יענע וועלף מיט שארפע ציין,
וואָס טראָגן אומקום און סאקאָנע, —
און ער גרייט אויך פאר זיי דעם טויט,
די לעצטע ווירדיקע מאטאָנע...

און ווו ער זאָל אציגד ניט זייַן:
אין ברען פון טעג, אין קאַלטער רו שוין,
זאָל זייַן געבענטשט זייַן הערליך הארץ,
זייַן הארץ — די טייַערסטע ירושה,
וואָס ווערט אין פייַער ניט פארברענט,
וואָס ווערט אין וואסער ניט דערטרונקען,
וואָס ווערט אין אָפּגרונט פון ניט־זייַן,
אין טיפן אָפּגרונט ניט פארזונקען.
ווייַל וואָס איז גאָלד און וואָס איז זייד,
וואָס זייַנען פאלאצן און פערל?
דאָס גאָלד געפינט מען אין דעם זאמד,
פון זייד קאָן לייַכט א שמאטע ווערן.
עס זשאווערט שטאָל, א דעמב ווערט פויל,
ס'פאלט אייַן א בארג, א טייַך ווערט טרוקן,
א יונגער קאָפּ ווערט גרייַז און גרוי,
עס בייגט זיך אייַן א שטאָלצער רוקן,
און נאָר א הארץ, א הערליך הארץ
גייט דורך דורך פעלקער און דורך דורות
און האָט פאר פלאם, פאר סאם, פאר בליי,
פאר שטויב און זשאווער ניט קיין מורא,
א הארץ אזא, וואָס הערט ניט אויף
אקעגן שלעכטס און פאלשקייַט זידן,
קאָן זייַן באם העלד, וואָס גייט אין שלאכט,
און בא א שטילן שפּאָלער ייִדן...

ווו איז ער איצט? ווו קאָן ער זייַן?
ער שטייט א מידער פאר די אויגן,
דער גרויסער צאר, דער ווילדער ווי
האָט אים נאָך מער צו דר'ערד געבויגן.
ער איז געווען א גוואר, א גוויר, געהאט אן אייגענע מעדינע,

א זון, צוויי טעכטער און א שנור, א גוטע זון אין סעדער גרינע,
צוויי אייניקלעך, און פרײַנט — א וועלט.
        ווער טרייסט זײַן עלטער? קיינער, קיינער.
וואָס איז ער איצט? א בעטלער־ייִד?
        א לעצטער פּונקט אַף שווארצע שטיינער?
און אויב ער הערט, וואָס הערט ער, וואָס?
        דאָס לעצטע כריפּען פון א גויסעס.
און אויב ער זעט, וואָס זעט ער, וואָס?
        ס׳פּילט אָן דער ראָב מיט בלוט די קויסעס...
און אויב ער לעבט, וואָס האָט ער, וואָס?
        די האָפענונג פון זײַן געוויסן:
דערזען זײַן היים, ווי פריִער, פרײַ,
        דעם זון אין זײַנע אָרעמס שליסן...
און אויב ער לעבט, און האָפט, און רופט,
        און לעקט די זאלץ פון טרערן־טראָפּנס,
באהיט די גרויזאמקײַט זײַן שוועל,
        דער שוידער שטייט בא זײַן צוקאָפּנס,
דער צאר איז אים א העמד אצינד,
        אליין דער טרויער איז זײַן אָנטאָן,
די טויב פון טרייסט באזוכט אים נאָר,
        ווען ס׳דונערן די האָריזאָנטן...
דער קאלטער האס זאָל, ווי א פרײַנט,
        אים ווארעמען ווי שטארקסטע ווײַנען,
און ווי א ברודער אין זײַן וויי
        זאָל די נעקאָמע מײַנע זײַן אים,
און רוען זאָל אין גלי פון טעג,
        אין הייסן אש פון טויבע וואָכן
אַף זײַן פארוווּנדעטן געמיט דער ניט־פארוווּנדעטער ביטאָכן...

1943

באַלאַדע וועגן דעם טאַנקיסט שלוימע גאָרעליק

אין דער נאַכט, אין דעם ווינט, מיטן וואַלדישן וועג
פירט גאָרעליק זײַן טאַנק אין דעם שטורעם־געשלעג.

שוועבט דער טאַנק, שווימט דער טאַנק, באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ.
קוקט דער וואַלד: ס'איז אַ לייב טוקט אין שנייען זײַן קאָפּ?

שטוינט דאָס פעלד: ס'איז אַ שיף אַ פאַרשנייטע אַוועק
פון דעם יאַם און אַרויף אויף דעם וואַלדישן וועג?

פרעגט די ווײַט: ס'איז אַ באַרג האָט זיך אָקאָרשט צעשיידט
מיט דער ערד, און ער שוועבט און ער שווימט און ער גייט?

ניט קיין לייב, ניט קיין באַרג, ניט קיין שיף אינעם גאַנג, —
אין דער נאַכט, אין דעם ווינט פירט גאָרעליק זײַן טאַנק.

און פאָרויס, ערגעץ נאָ'נט, אונטער קאָלדרעס פון נאַכט
שטייען שטאָלענע וועלף און מע לאָקערט, מע וואַכט...

און מע קוקט, און מע קריצט מיט די וועלפישע ציין,
און מע בוקט זיך צום קרייץ, און מע טרוימט וועגן ריין,

און מע טרוימט וועגן רויב, וועגן זויפן פאַרשײַט.
ס'איז זיי קאַלט. ס'איז זיי גוט. ס'איז שוין מאָסקווע ניט ווײַט...

— וואַרט נאָך צו, ניט געאײַלט, ניט געכאַפּט, יונגעלײַט,
ס'איז נאָך פרי, ס'איז שוין שפּעט. יונגעלײַט, האָט נאָך צײַט.

ס'האָט שוין מאָסקווע געשיקט אירע פרײַנט, אירע זין,
ס'פאָרט דער רוס איוואַנאָוו, ס'פאָרט דער טונקלער גרוזין, —

ס'פאָרט קורידזע, מיט אים דער אוקראַיִנישער שמיד
קאָוואַלענקאָ איוואַן און גאָרעליק דער ייִד.

יאָ, גאָרעליק דער ייִד, וואָס איר זוכט אים שוין לאַנג,
וואָס איר האַסט אים אַזוי פאַר זײַן בלוט, פאַר זײַן דראַנג.

ס'איז שוין מאָסקווע ניט ווײַט? האָט נאָך צײַט, יונגעלײַט,
ס'איז נאָך ווײַט, יונגעלײַט, צום געלעכטער נאָך ווײַט.

ס'וועט דער רוסישער שניי אײַך נאָך טאָן אַ פאַרשיט,
ס'וועט די רוסישע ערד אײַך נאָך בריִען די טריט,

ס'וועט אַ געגנעם אײַך ווערן די רוסישע נאַכט,
און איר ווייסט שוין, וואָס רוסישער בלײַ טוט אין שלאַכט.

נו, אַ שלאַכט! נו, אַ שלאַכט! ס'האָט זיך אַלע געדאַכט,
אַז ס'האָט קיינמאָל די ערד ניט געזען אַזאַ שלאַכט.

וואָס איז ערד, וואָס איז הימל? ווער זעט זיי דען איצט?
נאָר עס קראַכט, און עס שאַלט, און עס קנאַלט, און עס בליצט.

ס'זײַנען שטערן אַוועק אין די וואָלקנס פאַר שרעק,
און דער וואַלד האָט פאַרהויבן די צווײַגן ווי העק.

ס'האָט דער וויכער געפײַפט, און געפײַפט האָט דער בלײַ,
ס'האָט דער טײַוול געגרוילט פון אַזאַ פײַפערײַ...

ס'פירט גאָרעליק זײַן טאַנק אין דער נאַכט, אין דעם ווינט,
ווער עס קומט קעגן אים, דער קומט אום, דער אַנטרינט.

ס'פירט גאָרעליק זײַן טאַנק. יעדער שאָס, וואָס ער שיקט,
טרעפט אין קעפּ, טרעפט אין בלוט, און ער פּלעט און דערשטיקט.

און עס דאַכט, אַז אין הילך קלינגט זײַן יאָמטעוודיק קאָל:
— פּלי, מײַן שטאָלענער פלאַם! פּלי, מײַן פלאַמיקער שטאָל!

פּלי אויף רעכטס, פּלי אויף לינקס, פּלי צום באַרג און צום טאָל,
ברען די פּײַנט, צינד די פּײַנט, נעם נעקאָמע, באַצאָל

פאַר דעם בלוט, פאַר דעם שלעכטס, פאַר דעם שוואַרצן פאַראַט,
פאַר דעם ברודער, וואָס האָט לעם דער שטאָט לענינגראַד

מיט זײַן לעבן דעם וועג צו דער שטאָט זיי פאַרשטעלט.
נעם נעקאָמע פאַר אַלץ: פאַרן קאָרן אין פעלד,

פאַר דעם לעמבערגער מיידל, וואָס בענקט איצט נאָך מיר,
פאַר דער אַלטיטשקער מאַמע, וואָס וואַרט בײַ דער טיר,

אַז איר זון זאָל זיך קערן צוריק פונעם קריג.
נעם נעקאָמע פאַר אַלץ: פאַרן קינד אין דער וויג,

פאַר די פינצטערע פענצטער אין בלוטיקע נעכט,
און פאַר מאָסקווער געוויש, וואָס דער פּײַנט האָט פאַרשוועכט... —

עפּשער דאַכט זיך עס בלויז און עס קלינגט ניט זײַן קאָל,
נאָר עס דונערט דער פלאַם, נאָר עס יאָמערט דער שטאָל...

נו, אַ שלאַכט! נו, אַ שלאַכט! ס'ווערט דער רויש ניט געשטילט,
און גאָרעליק דערפילט: ס'האָט דער סוינע געצילט

און געטראָפן אין טאַנק — און זײַן טאַנק איז אין פלאַם,
און ער שווימט ווי אַ שיף אין אַ שטורעם אין יאַם.

ניט קיין שיף, נאָר אַ באַרג האָט זיך אָקאָרשט צעשיידט
מיט דער ערד, און ער שווימט, און ער פלאַמט, און ער גייט...

ניט קיין שיף, ניט קיין בארג, א פארוווּנדעטער לייב
האָט געטאָן קעגן פֿײַנט זײַנע קויכעס א הייב.

ס׳ברענט דער טאנק, פונקט ווי דאָרט, בא דעם פינלענדער וואלד, —
פון דעם פֿײַער ווערט הייס, פון דעם פלאקער ווערט קאלט —

ס׳האָט געדאכט: יענער פלאם פון דער פינלענדער שלאכט
האָט געיאָגט זיך נאָך אים טאָג און נאכט, טאָג און נאכט.

און געפאקט האָט ער אים אונטער מאָסקווע, ניט ווײַט.
נו, א שלאכט! נו, א פלאם! נו, א צײַט!

ס׳ברענט דער טאנק, און די נאכט פון זײַן פֿײַער ווערט רויט, —
אויב דאָס לעבן איז קארג, זאָל באזיגן דער טויט.

ס׳פירט גאָרעליק זײַן טאנק מיט דעם אומקום באשײַנט,
ניט קיין טאנק — א ווולקאן פליט אקעגן די פֿײַנט...

און ער צינדט זיי, און ברענט און פארמישט מיט דער ערד, —
ניט קיין טאנק, — ס׳פליִען סרייפעס אף שטאָלענע פערד...

ווען גאָרעליק האָט יונג זײַנע אויגן פארמאכט,
האָט זײַן טאנק נאָך געברענט אף די פלעצער פון שלאכט.

און זײַן הייליקער פלאם האָט גערופן נאָך מער:
צום געווער! צום געווער! צום געווער! צום געווער!

1943

מײַן מוטער

אָט איז דער פּײַכטער קיוועך, אָט איז דאָס שטיקל ערד,
ווו ליגן איז מײַן מוטער, מײַן טײַערער, באַשערט.

מיר האָבן זי באַהאַלטן אין צוואַנציק צווייטן יאָר,
געווען איז זי אַ גוטע, אַ האַרציקע ביז גאָר.

געוווינט האָט זי אין שפּאָלע, געבאָרן אין טשערקאַס,
איר טאַטן — מייער גערל — געדענקט נאָך זייער גאַס.

דער דניעפּער האָט געקוקט די כוואַליעס שוין פון לאַנג,
צו מייער גערלס פענצטער פלעגט גרייכן זײַן געזאַנג.

און דאָבע איז געזעסן באַם פענצטער און געהערט,
ווי ס'קויקלען זיך די כוואַליעס און שפּרינגען אויף דער ערד.

דערנאָך איז זי מיט מיידלעך צום גרויסן טײַך געגאַן,
פלעג לייענען „מאָנטע־קריסטאָ" — דעם שפּאַנענדן ראָמאַן.

נאָר גיך האָט זיך מײַן מוטער געזעגנט מיט טשערקאַס,
ס'האָט שפּאָלע זי באַגעגנט מיט הונגער און מיט האַס...

אַ שטיבל אויף לעסנאַיאַ האָט שוין געוואַרט אויף איר,
אַ טרוקענע אַקאַציע, אַ בלאָטע באַ דער טיר.

אין אומעט און אין דײַגעס האָט זיך די צײַט געשלעפּט,
מײַן מאמע האָט א בלייכע אין שטעטעלע געלעבט.

זי האָט מיט זיך אהערצו א טע־בע־צע געבראכט,
זי האָט באטאָג געארבעט און האָט געהוסט באנאכט.

די שטעטלדיקע יאָרן, זיי טראָגן זיך ניט גיך,
אין אָנהייב פון יאָרהונדערט געהאט א זון — ס׳הייסט, מיך.

א קינד מיט קראנקע לונגען, א שוואכס, ווי זי אליין;
מיט פּאָקן און מיט מאָזלען, א באָכער — הויט און ביין.

געוויקלט און געוויגט מיך, געוואשן מיך אין טוי,
און וואָס געווען איז ווײַטער, געדענק איך ניט גענוי...

כ׳געדענק איר קאָפּ דעם יונגן, מיט אויגן גרויסע צוויי,
די פײַכטקײַט אין די אויגן, די בלאָווקײַט אונטער זיי.

כ׳געדענק איר שווארצן קובלעק, די ציין, ווי ווײַסער שניי,
זי שטייט לעם אונדזער פענצטער און קוקט אפן שאָסיי.

זי קוקט ארויס אין געסל, צי גייט נאָך ניט אהיים
דער באָכער דער בעניאָכיד — דאָס מיינט מען מיך אליין.

די קליינע פאָרטקע אָפן — דאָס פענצטער איז פארמאכט,
איר קאָפּ איז אין דער פאָרטקע, די אויגן — אין דער נאכט.

אזוי איז זי געשטאנען צום סיטקעלע געוועגדט,
ביז זי האָט פון ווײַטן די טריט מײַנע דערקענט.

קיין פאָרוואורף ניט, קיין מוסער, קיין איבעריקע רייד,
נאָר מוטערלעך באשיידן די וועטשערע געגרייט.

איך האָב אָף זיך געטראָגן שוין גאנצע פערצן יאָר,
געהאט האָב איך נאָך דעמלט געקרײַזטע, לאנגע האָר.

געהאט א קליינעם שטערן מיט קלייַען און א שיר,
און דאָך האָבן די מיידלעך שפּאַצירט אמאָל מיט מיר.

און איבער יענע מיידלעך, צווישן אונדז גערעדט,
פלעג ווארטן בא דער פאָרטקע מייַן מאמע אזוי שפּעט.

מיידלעך האָב איך דעמלט באזונדערס ליב געהאט,
נאָר ווען עס איז קיין שפּאַלע געקומען מישוראַט,

האָט מיך זייַן שוואכע טרופּע פארכאפּט און איבערראַשט,
דורך שמאָלינקע שפּאַרונעס האָב איך זייַן קונסט גענאַשט.

איך האָב געזען באר־קאָכבא, געזען קאָלדוניעס שטיק,
און שטענדיק האָט באגלייט מיך מייַן מאמעס צארטער בליק.

און ווען איך פלעג ניט קומען, זיך קערן פון שפּאַציר,
האָט זי שוין לעם דער פאָרטקע געוואַרט פון לאַנג אף מיר...

און ווען ס'האָט זיך באוויזן דער ערשטער פאַנצער־צוג
און אונדז, די שפּאָלער ייִנגלעך, גערופן האָט קאָמיוג,

דאן האָבן בייזע מאמעס אין וועג זיך אונדז געשטעלט,
געשריגן האָבן מאמעס: — וואָס לויפט איר אין דער וועלט?

— וואָס טראָגט עס אייַך פונדאַנען? דער רועך ווייסט וווהין,
פּריקאַזטשיקעס דארף האָבן שווארצבוים מיט זייַנע זין.

לעווענבערג דארף מעקלערס און קאראַטשונסקי — קנעכט.
אָקטיאַבער־בליצן רויטע באלויכטן אונדז די נעכט...

געזאָגט האָט דאָבע פעפער איר זון, איר יונגן בכאָר:
— דיר גייט שוין, אָן איינהאָרע, דאָס זיבעצעטע יאָר.

א ייִנגל דארף זייַן ספּריטנע, א ייִנגל דארף זייַן דרייסט,
דו זאָלסט זיך גוט באקלערן און טאָן, ווי דו פארשטייסט.

אף מיטינגען, אף סכאָדקעס האָב איך די נעכט פאַרבראַכט,
און ס'האָט מיך דאָבע פּעפּער באַגלייט אין ערשטן שלאַכט...

מיט טרערן אין די אויגן האָט זי מיך צוגעדריקט,
און ס'האָט אַ צוג אַ לאַנגער אַף וועגן מיך געוויגט...

און ווו כ'בין ניט געווען דאָן: אין צוג צי אַף אַ שיף,
עס האָבן מיך געוואַרעמט די מוטערלעכע בריוו...

מע זאָגט, אַז זי פּלעגט אָפּט נאָך אַרויסקוקן צום שליאַך:
— מע דאַרף ניט וואַרטן, מאַמע, דאָס פענצטערל פאַרמאַך.

איך וועל שוין מער ניט שטיפן, ניט זײַן אַזאַ מין שעד,
איך וועל שוין מער ניט קומען, ניט קומען אַזוי שפּעט...

מע דאַרף אַף מיר ניט וואַרטן, דו וואַרטסט אומזיסט אַף מיר,
דײַן זון איז איצט אין טורמע, אַ שלאָס הענגט אַף דער טיר.

איך וועל צו דיר ניט קומען, לוקיאַנאָווקע איז ווײַט,
און ס'רוישט אונטער די גראַטעס די שוידערלעכע צײַט...

דערהערט האָט דאָבע פּעפּער דעם טרויעריקן גרוס,
געזאָגט האָט זי צום טאַטן: „איך גיי אַהין צופוס".

די צוגן גייען לאַנגזאַם, קיין פליגל האָב איך ניט,
איך וועל אַהינצו גייען מיט זייער גיכע טריט.

איך בעט דיך זייער, שאָלעם, זאָלסט ניט פאַרגעסן מיך,
זאָלסט נאָכקוקן נאָך כאַווען, נאָך דאַשען און נאָך זיך.

אַ קלומעק אַף די פּלייצעס, אַ פּויערישע שאַל,
און דאָבע פּעפּער טראָגט זיך צום שטעטלשן וואָקזאַל...

א נאכט איז דורכגעלאָפן, א שווערע נאַכט אָן שלאָף,
און אָט איז שוין סיגניוקע און באלד איז שוין צוויטקאָוו...

די קויטיקע טעפּלושקע איז פולער פון אַן אויג,
פון ערגעץ קנאַלן שאָסן און ערגעץ פויקט א פויק.

עס שלעפּט זיך די טעפּלושקע אין געלן בלעטערפאַל,
אָט איז איינגיכן פאסטאָוו — דער פרייליכער וואָקזאַל...

דעניקינצעס באַרינגלען דעם קויטיקן וואַגאָן:
— וואָס דאַרף דאָ די זשידאָווקע, וואָס האָט זי דאָ צו טאָן? —

א שליידער פון טעפּלושקע — און דאָבע פּעפּער פליט,
א שאָמפּאָל האָט איר פּלייצע די מאָגערע געבריט.

די זעכציק ווערסט ביז קיִעוו האָט זי צופוס געשפּאַנט,
דער שטילער טרוים אין האַרצן, דעם קלומעק אין דער האַנט.

זאָל טריקענען מיַין גומען, זאָל זיַין מיַין וועלט פאַרפיַינט,
אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, מיַין מוטער און מיַין פריַינט.

צי וועל איך דיך נאָך זען, מיַין ליבער פריַינט, אמאָל,
כ׳געדענק די לעצטע שאָען אין שטעטלשן שפּיטאָל.

דער טיפוס האָט אונדז ביידע צו בעטלעך צוגעשמידט,
און ס׳האָט די היץ די גרויסע געברענט אונדז און געבריט.

דו ליגסט, ווי אין א נעפּל, די הויט דיַינע פאַרגעלט,
דורך דיַינע פּערציק גראַדוס באַקוקסטו אונדזער וועלט.

האָסט קוים דערקענט דעם טאַטן, די שוועסטערלעך און מיך,
מיר קוקן אַף דיַין פּאָנעם — דער טויט קומט אזוי גיך.

די שרעק בא דײַן צוקאָפּנס האָט זיך אװעקגעשטעלט,
דו מורמלסט, אַז אַ שאָטן פאַרטרײַבט דיך פון דער װעלט.

דו זאָגסט, מע װיל דיך סאַמען, דו נעמסט דערפאַר קײן שפּײַז,
און אַף דײַן קאָפּ דעם הײסן ליגט אַ פּוכיר מיט אײַז.

דו גלײבסט שױן איצט ניט קײנעם, דו ליגסט, װי אין אַ רױך,
נאָר איך זאָל דיר דערלאַנגען אַ לעפל פרישע יױך...

װי קאָן איך איצט דיר העלפן? כ׳ליג אױך מיט פערציק גראַד,
איך הײב זיך אױף פון בעטל און גײ, װי אין אַ טשאַד.

דו טוסט אַף מיר אַ קוק נאָר, איך שטעל זיך אַף די קני,
איך זע דײַן לעצטן שמײכל... אַף מאָרגן אינדערפרי,

װען איך בין אופגעשטאַנען, ביסטו שױן ניט געװען,
דער קרעכצנדיקער זײגער האָט אָפּגעקלונגען צען.

דײַן בעט אַרױסגעטראָגן, דער צימער האָט גערוט,
און אַף דער װאַנט דער װײַסער אַ טראָפּן דײַנער, בלוט...

אין צימער האָט געהערשט דאַן אַ שטילע טױטע רו,
איך האָב פון הײץ געפרעגט נאָר: „װוּ איז די מאַמע? װוּ?“

— די מאַמע איז געזונט שױן, — מע האָט געענטפערט צאַרט, —
זי זיצט שױן אַפן גאַנעק, זי װאַרט אַף דיר, זי װאַרט...

איך װעל פון בעט אַ שפּרונג טאָן, אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ,
און לױפן צו דער פאָרטקע, דאָרט שטעקט דער מאַמעס קאָפּ.

זי װאַרט אַף מיר, איך זע זי, זי קוקט נאָך אַפן שליאַך...
מע דאַרף אַף מיר ניט װאַרטן, דאָס פענצטערל פאַרמאַך.

עס קאָן דיר נאָך פֿארשאטן, עס ווארט אף דיר דײַן בעט,
איז שטיי ניט לעם דער פֿאָרטקע און ווארט ניט אזוי שפּעט.

דו ביסט א גוטע מאמע, א הארציקע ביז גאָר.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר האָבן זי באהאלטן אין צוואנציק צווייטן יאָר.

1936

פּאָעמעס

עליעס טויט

1

װען שטילע שמייכלענדיקע שטערן
צעשיטן זיך אין אלטן טאָל,
איז גוט צו זיצן דאָ און הערן,
װי גראָזן פלאפלען פון אמאָל.
איז גוט — אָט דאָ אמאָל דערמאנען
אן אלטע װינטערדיקע ליד
אף װײַטע דרעמלענדיקע באנען,
װוּ שנײ און אומעט שיט און שיט,
װוּ קינדער װײנענדיקע ליגן
מיט אײגלעך קאלטע, װי דער פראָסט,
װוּ ערגעץ װײַט אף װײַטע װעגן
האָט װער די לעצטע טריט פארלאָזט.
װי פרײלעך איז געװען זיך דרײען
אין סטעפ מיט היציקן גאלאָפ,
אין טיפע זינגענדיקע שנײען
באהאלטן שמײכלענדיק דעם קאָפ,
איז גוט אָט דאָ אמאָל דערמאנען,
װי ס'האָבן נעכט געיאָגט פארשײַט.

. . . .

נאָר ס׳האָט ניט יעדערער פאַרשטאַנען
די גרויסע פרייד פון יענער צײַט.
ניט יעדער האָט געקאָנט דעריאָגן
דעם הייסן לויף פון יענע טעג,
ווען ס׳פלעגן אײַלנדיקע צוגן
זיך שלעפן וואָכנווײַז אין וועג.

2

אף פעלדער ווײַטע און פאַרשנייטע
האָט טאָג און נאַכט א שלאַכט געברענט,
און ס׳האָט א שטעטעלע דאָס צווייטע
אין יענע רויכן ניט דערקענט.
מ׳האָט נאָר געזונגען און געיאָגט,
האָט עמעצן א קויל געטראָפן,
איז ער געפאַלן ניט באַקלאָגט.
און ווער האָט צײַט געהאַט צו קלאָגן
אף זין, וואָס פאַלן ערגעץ טויט,
ווער ס׳האָט געהאַט א פערד־און־וואָגן,
דער האָט געפירט אף שלאַכטן ברויט.
אזוי איז יענע צײַט געגאַנגען
און האָט מיט רויער פרייד געשײַט,
און הויכע דראָטן אף די שטאַנגען
דערציילן שטיל פון יענע טריט,
ווי מ׳האָט אין פעלד דעם פײַנט געטריבן
מיט הוילע הענט און מיט געזאַנג.
ס׳האָט דעמלט קיינער ניט פאַרשריבן
די הייסע ליד פון יענעם גאַנג.

א סאך, א סאך האָט מען געהאנגען
אין שטילער ל׳וואָנעדיקער נאכט.
. . . .
זיי האָבן זייערע געזאנגען
פון יענע פעלדער ניט געבראכט.

3

ווער דאָרט, ווער דאָ אין שטילן קאָרן
האָט שטום דערזאָגט דאָס לעצטע וואָרט;
ס׳איז יענער וועג שוין לאנג פארלאָרן
און רעגנס וואשן שוין דאָס אָרט.
און קומען קומט אהין ניט קיינער,
און איינזאם בענקט די פײַכטע ערד,
ווו ס׳האָט א רײַטער זײַנע ביינער
פארלאָזט איביינעם מיט זײַן שווערד,
איז שווער אזוי אוועק פונדאנען,
פון אָט דעם אלטן, פרישן וועג,
ווו יעדער בערגל קאָן דערמאנען
א בינטל אָפּגעבליטע טעג.
און גוט איז זיצן דאָ און הערן,
ווי סטעפּעס רעדן פונעם שלאָף,
און זען, ווי טרויעריקע שטערן
צעשיטן זיך, ווי שטומע שאָף.
אין ווײַטקײַט זשומען ערגעץ מילן,
אף גראָזן פאלן טראָפּנס טוי,
אין אזא אָוונט אזא שטילן
האָט מיר א סטעפּ דערציילט אזוי:

4

אין יענע טעג פון הייסן ציטער
האָט אונדזער העלד זײַן היים פֿאַרלאָזט,
זיך ניט געזעגנט מיט זײַן מוטער,
איז ער אוועק אין שאַרפֿסטן פֿראָסט.
אין אַלטע שיך, אין דינעם רעקל,
א לעבל ברויט, א פּאָרל גרעט,
מיט א צעריסן קויטיק פּעקל
איז ער אוועק אין פֿרעמדע שטעט.
. . . .

ער האָט פֿון קינדווײַז אָן געטראָגן
א ווילדן קויעך אין זײַן ברוסט,
פֿון קאַלטן ווײ און שטילע קלאָגן —
פֿון דעם האָט עליע ניט געוווּסט.
ער האָט געקאָנט אין א פֿרימאָרגן
א וואַש טאָן זיך מיט פֿרישן שניי
און נאָכדעם גליטשן זיך אָן זאָרגן
אויף אײַז אויף גלאַטן א שאָ צוויי;
אַמאָל געפּאַקט א פֿערד א פֿרעמדן,
געטריבן אים ביז טיפֿער נאַכט,
ביז אויף די לויפֿנדיקע ענדן
האָט די לעוואָנע זיך פֿאַרטראַכט.
און איינמאָל, ווען ער איז געשווומען
און ס׳האָט א שטורעם אים געדרייט,
אין לופֿט געהודעט האָבן רייד:
— „ער גייט צו גרונט, ער וועט ניט קומען!" —
און כוואַליעס האַלטן אין איין יאָגן
דעם ווילדן שוימענדיקן ברויז,

נאָר עליִעס הענט צום ברעג אים טראָגן,
און עליִע שפּרינגט פון שוים ארויס!

. . . .

ווער ווייסט ניט איצט פון עליִעס וווּנדער
אין גאַנצן אומרוּיִקן קאַנט,
אַפילו קליינע, קליינע קינדער
איז עליִעס נאָמען שוין באַקאַנט.
קיין ווייכן קלאַנג פון קינדער־לידער
האָט ער אין וויגל ניט געהערט,
נאָר פאַלן אויף דער ערד א מידער
אין קאַלטן גאַנג פון פרעמדע נעכט
איז גרויזאַם אים געווען באַשערט.

5

אַלע טאָג לעם שטילן פּאַרקן
האָט שטיל געראוישט דער שמאָלער שליאַך,
אין האַנדל־וואַנדל אויף די מאַרקן
פאַרטאָגן זײַנען געווען א סאַך.
עס פלעגן שטענדיק קרעכצן רעדער
אויף לאַנגן סקריפּענדיקן בריק,
און פלײַסיק פלעג מען מאַכן לעדער
אין אייך־און־איינציקער פאַבריק.
דורך טירן שמאָלע, שוואַרצע שויבן,
מיט אויגן ערגעץ ווײַט געווענדט,
מע פלעגט דאָרט אַרבעטן און גלויבן
אין טיפע קרעפּטן פון די הענט.
האָט עליִע אויך געאַרבעט לעדער,
ווי אַלע דאָ, ביז טיפער נאַכט,

מיט יוגנט דאָרפישער אין סעדער
האָט עליע זומער־נעכט פארבראכט.
נאָר בלאָנדזשען פלעגן זײַנע אויגן
און ס׳האָט געטריפט זײַן קראפט אומזיסט.
ס׳האָט ערגעץ שטענדיק אים געצויגן —
וווּהין, האָט קיינער ניט געוווּסט.
אויף נײַע טעג בא די ווארשטאטן
האָט מען אין פינצטערניש געוואָרט;
האָט עמעצער געדרוקט פלאקאטן,
פלעגט ער צעקלעפּן זיי באנאכט.
און ווען געווען איז אן אסיפע,
אין נעכט, אין שנייִיקע און טיפע,
בא קעלערס פול מיט דינאמיט —
איז ער געשטאנען און געהיט.
קיין רעדעס האָט ער ניט געהאלטן
און ניט געוואָרפן זיך מיט רייד,
נאָר טיף אין זיך האָט ער באהאלטן
דעם שטילן אָטעם פון זײַן פרייד.

6

איז איינמאָל, ס׳האָט געשנייט, גערעגנט
און ס׳האָט געבענקט די פײַכטע ערד,
און זיך מיט קיינעם ניט געזעגנט,
האָט ער א טרײַב געטאָן דאָס פערד.
פון קליינע פענצטער מאטע אויגן
באגלייט האָבן זײַן גרינגן לויף,
דאָס פערד איז שפּילעוודיק געפלויגן
און האָט פארלאָזט דעם לעצטן הויף.
נאָר ערגעץ ווײַט, אין קאלטע שויבן,

האָט אַ באַקאַנטער בליק געקילט,
אױף װײַסן ראָסט, אױף קאַלטע שטױבן,
אַ הונט אַ לעצטער האָט געבילט.
די שטאָט װערט קלענער אַלץ און קלענער,
און עליען װערט זי אַזױ ליב,
ס׳איז יעדער זאַך פֿונװײַטנס שענער
און ליבער װערט די אַלטע שטוב.
און אַזױ מילד האָט אים געצױגן
אַהין, צו אָפּגעקילטע טעג,
די קינדהײַט פֿליט פֿאַר זײַנע אױגן
און יאָגט אים נאָך זײַן גאַנצן װעג.
נאָר קײנער הערט ניט איצט זײַן יאָגן
און עפּעס װערט אים אַזױ קאַלט,
ס׳האָט נאָר דאָס פֿערד אים װילד געטראָגן
און האָט געװעקט דעם װײַטן װאַלד.
פֿון אומעטום האָט מען געשאָסן,
געציטערט האָט די גרױע װעלט,
און ס׳האָבן טעג זיך הײס געגאָסן
אױף גרױען הונגעריקן פֿעלד,
איז עליע אױך מיט זײ געפֿלױגן
אין יענער רױכערדיקער שײַן,
אין זײַנע שמײכלענדיקע אױגן
האָט קײנמאָל ניט געװױנט קײן פּײַן,
ער איז געװען פֿון שנײען קעלטער
און הײס, װי גליִענדיקער שטאָל,
האָט ער פֿאַרליבט זיך אין די פֿעלדער,
װי אין זײַן שטעטלדיקן טאָל.
איז יעדער װעג געװאָרן נײַער,
זײַן טראָט האָט פֿרײלעכער געברענט.
. . . .

ער האָט געוווּסט, אַז לעשן פײַער
האָט מען מיט פײַער נאָר געקענט.
ער האָט געוווּסט, אַז וועקן דרימל
האָט נאָר געקאָנט דער דולער שליאַך.
אַ לאַנגע צײַט, אַז הויכער הימל
איז אים געווען אַ ליבער דאַך.
ער האָט זיך אויסגעלערנט שווײַגן
און זיצן שטיל אַנטקעגן זון,
אין טונקלען וואַלד, אַ הײַפל צווײַגן
איז אים זײַן בעסטע היים געווען,
און צווישן אַלע זײַנע שכנים
איז ער געווען נאָר איין ייִד,
נאָר אומעטום מיט זיי אינײנעם
האָט ער געפײַפט די זעלבע ליד.

. . . .

אַמאָל אין ראַשיקע פאַרנאַכטן,
אין שאָ פון פאַכעד און פון נויט,
ווען מענטשן מידע פלעגן וואַרטן
אין פרעמדע היימען אפן טויט,
ווען איבער שטעטלעך בייזע וואָלקנס
געיאָגט האָבן די לעצטע נאַכט,
איז נאָר די אומרויִקע פאָלקן
אהינצו רו האָבן געבראַכט.
מיט יענע פאָלקן פלעגט ער יאָגן
און ניט געפילט זיך אין דער פרעמד,
ווײַל הייסע הערצער פלעגן שלאָגן
בא יעדן אונטער קאַלטן העמד.
און אַלע טרויעריקע פריידן
האָט ער געצונדן אף זײַן שווערד,
די וועלט איז גרויס און האָט פאַר יעדן

א היים א היימישע אף דר׳ערד,
נאָר מענטשן פליִען, מענטשן גייען,
אָט ערשט געווען און שוין אוועק,
אף יענער ערד פלעג דער פארגייען,
ווער ס׳האָט געשראָקן זיך פאר שרעק.
ס׳איז יעדער גרייט צו זיַין א קאָרבן
און פאלן ערגעץ לעם א פלויט,
אף יענעם פעלד איז דער געשטאָרבן,
ווער ס׳איז געלאָפן פונעם טויט.

7

אין גאנג פון בלוילעכע פארטאָגן
האָט יעדער וואלד פארזוכט א שלאכט,
ווי פריילעך איז געווען צו יאָגן
אין יענע וועלדער שפעט באנאכט.
ווער קאָן פארגעסן די געזאנגען
פון יענע נעכט אין אלטן טאָל?
און ווער ס׳איז איינמאָל דאָרט געגאנגען,
וועט דאָרט שוין זיַין צום צווייטן מאָל.
אין הייכן הענגט נאָך יענער וואָלקן,
וואָס שיקט דעם טרויער אף דער ערד,
ווער ווייסט ניט איצט קאָטאָווסקיס פאָלקן,
קאָטאָווסקיס רײַטער אף די פערד?

. . . .

דער אכטער טאָג איז שוין פארגאנגען,
און ס׳איז אין פאָלק קיין ברויט ניטאָ,
עס גייען אום די שווערסטע קלאנגען
און שווערער ווערט פון שאָ צו שאָ.
— דאָ זיַינען אלע שנעלע רײַטער

און יאָגן דארף מען סײַוויסיי.
— נאָר וואָס וועט זײַן, בראַטישקע, ווײַטער,
אזוי איז שטארבן ניט קעדיי.
וואָס קאָן מען טאָן מיט אזא הונגער
און גיי ארום און שלינג דעם ווינט,
ווער קאָן אצינדער מאכן גרינגער,
ווער קאָן עס ראטעווען אצינד?
און הער, ווי ס'בעטן זיך די ציינער,
ווו נעמט מען איצט א שטיקל ברויט?
דו זעסט, ווי ס'טריקענען די ביינער
און געלער ווערט אף מיר די הויט.
דו זעסט, ווי ס'פאלן אײַן די אויגן,
ווי ס'ציטערן בא מיר די הענט,
מיר זײַנען אויך אמאָל געפלויגן
און רײַכע פאלאצן געברענט.
— ניט שיין, ניט שיין איז איצטער קלאָגן
און שטיל זיך שרעקן פארן טויט,
אין ווײַטקײַט פליִען ערגעץ צוגן
און פירן העמדער אונדז און ברויט.
און גיך וועט אונדזער פאָלק זיך פרייען
און ווידער בונטעווען פארשײַט,
עס בלאָנדזשען צוגן אין די שנייען,
זיי זײַנען ערגעץ שוין ניט ווײַט.
ניט שיין, ניט שיין איז איצטער קלאָגן
און שטיל זיך שרעקן פארן טויט,
דו הערסט, ווי ס'פײַפן דאָרט די צוגן
און פירן העמדער אונדז און ברויט.

. . . .

ווער האָט געקענט אָט דאָ זיך ריכטן
אף אזא בראָך אינמיטן נאכט,

ווער ס'האָט געיאָגט מיט זיי ערשט נעכטן,
האָט הײַנט די אויגן שוין פֿאַרמאַכט.
די שרעק פֿלעגט וואַקסן אומגעהויער
און האָט געיאָגט און האָט געוויינט,
און אַלע טאָג מיט שטילן טרויער
האָט מען אַ קאָרבן שטיל באַגלייט.
מ'וואַרט, אַז עמעצער זאָל קומען,
נאָר קיינער קומט ניט כוצן טויט;
פֿרימאָרגנס רויכעדיקע שווימען
און ברענגען ברענגט מען ניט קיין ברויט.
קאָן זײַן, אַז ערגעץ בלאָנקען צוגן,
אַז ערגעץ רייניקט מען דעם שניי,
נאָר שווער איז שוין דעם הונגער טראָגן,
ס'איז שווער דערוואַרטן זיך אַף זיי.

8

דער פֿאָלק האָט שוין אין ברויט פֿאַרגעסן,
קיין שטיקל פֿלייש איז לאַנג ניטאָ.
אין דאָרף איז דאָ איצט וואָס צו עסן,
אי ברויט, אי פֿלייש איז דאָרטן דאָ.
ס'יאָגט אַ פֿריילעכער געדרודער,
און שיקער פֿליט דער טונקעלער טאָג;
דאָס דאָרף איז פֿול מיט שיקרעס-לידער,
נאָר ווײַט אין דערפֿל שטייט אַ קלאָג.
אַף קרומע כאַטקעס הענגט אַ טרויער
און דאָרטן ווייסט מען ניט קיין רו,
מ'פֿירט אַוועק באַם אַלטן פֿויער
פֿון קליינער שטאַל די לעצטע קו.

די זון איז אָפּגעשוווּמען ווײַטער
און זיך באַהאַלטן לעם א פּלויט,
זי זעט — פון ערגעץ פליט א רײַטער,
א רײַטער פליט אהער נאָך ברויט.
אין טאָג אין האַרבסטיקן, אין שטילן,
איז קלאָר און דורכזיכטיק די הויך;
א רײַטער טרײַבט א פערד א דולן
און שטויבן הייבן אוף א רויך.
פון ווײַט האָט זיך א קאָפּ באַוויזן,
און נאָך א קאָפּ אין גרינעם טאָל,
און ביקסן, ביקסן, לאַנגע שפּיצן,
און פרעמדע רײַטער אָן א צאָל.
נאָר איינער האָט זײַן פערד געטריבן
און פונקען בליצנדע געשיט,
אַז פאַר די פרעמדע איז געבליבן
א שוואַרצער שטויב פון ווילדע טריט.
מ׳האָט זיך צעיאָגט פון אַלע זײַטן,
פון טויט האָט קיינער ניט געקלערט;
נאָר איינער שנײַדט די דולע ווײַטן
און טרײַבט זײַן הונגעריקן פערד.
. . . .

9

מ׳האָט אים געפּאַקט, מיט קאַלטע שפּיזן
געטריבן האָט מען אים אין סטעפּ,
און דאָרטן האָט מען אים באַוויזן
א סאַך, א סאַך באַקאַנטע קעפּ.
ער האָט דערקענט זײַן בלאָנדן שאָכן,
דעם האָפערדיקן פּעדקע כלאָפּ,

דער קערפּער זײַנער איז צעשטאָכן
און ווײַט פון אים זײַן בלאָנדער קאָפּ.
און ווײַטער ליגט יוכים צעצויגן,
ער האָט יוכימען באַלד דערקענט,
נאָר ווער האָט אים פאַרמאַכט די אויגן
און ווער האָט אָפּגעהאַקט די הענט?
פאַרוואָס זשע קאָן ער ניט געפינען
יאַנסאָן, דעם לעצטן קאָמאַנדיר?
ער איז אין האַרבסטיקן באַגינען
אַוועק אין דאָרף אַרײַן נאָך ביר.
מ'האָט אים פון דעמאָלט ניט געזעען;
געפלויגן זײַנען הייסע נעכט;
אין וואַלד, אין דעמבבענע אַלייען
האָט ער פאַרלאָזט זײַן ווײַסן פערד.
זיי ליגן דאָ, ווי טויטע ריזן,
באַדעקט מיט שטויבן און מיט פראָסט;

. . . .

פון ערגעץ האָט מען זיך באַוויזן
און לאַנג אים ליגן ניט געלאָזט.
אַ קלונג, אַ קלאַפּ, מ'איז געקומען
מיט שטומע פּענעמער ווי שטיין:
מ'האָט אים אין שטוב אַרײַן פאַרנומען
און דאָרט פאַרשלאָסן אים אַליין.

10

אין דרויסן האָט אַ ווינט אַ ווילדער
געיאָגט פון ערגעץ און געוווּיט,
און ווידער האָבן גרויע בילדער
פאַר אים זיך טרויעריק געדרייט.

ער האָט דערפילט, אַז אין די שנייען
אַמאָל פאַרלירן עפּעס לוינט —
אין טרויער אומזיניק פאַרגייען
איז עליע ניט געווען געוווינט.
זײַן שטילן גאַנג האָט ער פאַרביטן
אויף אַ צעשויבערטן גאַלאָפּ,
און איז געוווינט, אַז ס'זאָלן שיטן
צעהיצטע קוילן אויף זײַן קאָפּ.
פאַרוואָס זשע שלאָפן רייד פאַרשײַטע?
פאַרוואָס זשע שווײַגן זײַנע הענט?
און ווידער האָבן בילדער ווײַטע
פאַרדרייט זיך שנייִק אויף די ווענט.
נאָר עפּעס קילט אַזוי אין האַרצן,
און עפּעס בריט, ס'איז טונקל, וויסט,
די פענצטער וויגן זיך אין שוואַרצן,
די ליפּן ציטערן אומזיסט.
ווער האָט געוואָגט אַהער אים ברענגען?
אין ברוסט איז פּולוועך נאָך פאַראַן,
די האַנט איז גרייט נאָך שיסן, הענגען,
נאָר ווו ז'זײַן בלוילעכער נאַגאַן.
און טיף אין האַרצן טוט אַ ציטער,
און אויף די שטיינער פאַלט אַ טרער;
פאַר זײַנע אויגן שטייט זײַן מוטער,
פונוואַנען קומט זי עס אַהער?
און עפּעס ווערט אים אַזוי טײַער
פון יענע נעכט דער ליבער ראַש.

. . . .

ווער ס'האָט די טעג פאַרבראַכט אין פײַער,
וועט זיך ניט שרעקן פאַרן אַש.

11

הימלען דרעמלענדיקע שוויַיגן —

. . . .

האָט מען געפירט אים קאַלט און שטום.
עס פלאַקערן די דינע צוויַיגן,
און ס׳בליצט דער סטעפּישער ארום.
אין סטעפּ איז לופטיקער און פריַיער,
אין סטעפּ איז רויכעדיק און שוואַרץ;
מ׳האָט אים געפירט, א העליש פיַיער
האָט שוין געוואַרט אף עליעס האַרץ,
און ערגעץ וויַיט האָט מען געזונגען
א שטיל געזאַנג אינמיטן נאַכט;
און טונק׳לער פלאַם האָט אַלץ פאַרשלונגען.

. . . .

אָן אַלטער ווינט האָט אַלץ געלאַכט,
די הויך איז שוואַרץ, די הויך איז נאָענט,
אזוי דערברענט דאָס לעצטע האָלץ;
פון רויך פון קנוילִיקן און גראָען
האָט ער זיך אופגעהויבן שטאָלץ.
און האָט אין ציטערניש דערזעען
נאָר פאַסמעס פלִיענדיקן רויך,
נאָר פונקען בליצנדיקע ווייען
אין דער פאַרקילטער, שוואַרצער הויך.

. . . .

ז׳איז פול מיט שרעק און מיט סאַקאָנע,
און שיקערט טומלענדיק די קעפּ:
די נאַכט איז פרעמד, און די לעוואָנע
אנטלויפט א וויַיטע פונעם סטעפּ.

ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן,
נאָר עפּעס ציטערן די הענט...

. . . .

און ביז ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן,
האָט מידער פֿײַער שוין דערברענט.
קאַטאָווסקיס פּאָלק אין שווערן הונגער
האָט אפֿן ברויט זיך ניט דערוואַרט...

12

אף יענע פֿעלדער איז שוין גרינגער,
ס׳האָט לאַנג פֿאַרענדיקט זיך די שלאַכט.
פֿון עליען איז א ליד געבליבן,
האָט זי דער סטעפּ אליין געקענט;
זײַן פֿערד איז ערגעץ ווײַט פֿאַרטריבן
אין ווײַטע סטעפּעס אין דער פֿרעמד;
און וווּ איז עליע, ווייסט ניט קיינער,
קיין גרוס האָט קיינער ניט געבראַכט.
א פֿרעמדער ווינט האָט זײַנע ביינער
צעווייט מיט אש אין יענער נאַכט.

1925

געפונענע פונקען

1. אפן ברעג דעם גרויסן

עלטער ווערן ביימער אפן ברעג דעם גרויסן,
קעלטער בלאָזן ווינטן אינעם אלטן פארק.
איבער אלע ברעגן גלאנצט דער זעלבער דרויסן,
און די זעלבע גראָזן בליִען אפן בארג.

ביינער ליגן ערגעץ אין די טיפסטע טיפן,
קיינער ווייסט ניט, ווען און ווער האָט זיי געבראכט.
האָבן זיי געלאָזט דאָ טאָטערן, צי סקיפן,
אָדער קאָמיוגיסטן אין א וויסטער נאכט?

קומען נייַע שיפלעך פון אנטפלעקטע ווייַטן,
שווימען אלטע שיפלעך אָפּ אהין, צוריק,
און אף ברעגן גרויע הענגען יונגע צייַטן,
און אף ברעגן אלטע הענגט א נייַע בריק.

יונגען אין די טויזנט האָבן זיך געשליפן
אינעם אלטן אומרו פונעם דניעפּערס רו,

אינעם קאַלטן אָטעם פונעם דניעפּערס טיפן, —

. . . .

און א סאך פון יענע זײַנען שוין ניטאָ.

עלטער ווערןביימער אפן ברעג דעם גרויסן,
קעלטער בלאָזן ווינטן אינעם אַלטן פּאַרק,
איבער אַלע ברעגן גלאַנצט דער זעלבער דרויסן,
און די זעלבע גראָזן בליִען אפן באַרג.

2. רײַך זײַנען ברעגן

רײַך זײַנען ברעגן מיט גאָלדענער בליִונג,
מיט פעלדער און גערטנער, מיט ברויט און קאַרטאָפל,
מיט אוגערקעס גרינע און מאַלינעס רויטע.
און רײַך זײַנען ברעגן מיט סעדער מיט ווײַסע,
מיט ביימער באַהאַנגען, מיט עפּל און באַרן,
מיט קאַרשן, ווי אויגן, און פערשקעלעך געלע.
און קינדערלעך שפּרינגען און קינדערלעך טאַנצן
אף אוראַלטע ברעגן מיט דערפער און שטעטלעך,
מיט שטרויענע דעכער און בלעכענע דעכער,
מיט שטיבעלעך קליינע, אָן דעכער אינגאַנצן.
און רײַך זײַנען ברעגן מיט נײַע פאַבריקן,
מיט קוימענעס הויכע און רויכן געדיכטע,
מיט אַרבעטער טונקלע און אַרבעטער ברוינע —
ליגט זיך דער טײַך אין פאַרנאַכטן אזוינע.
טראָגן זיך לידער פון אַלע פיר זײַטן,
פון סעדער פון ווײַטע, פון יונגע אַלייען,
פון גראָזן צעבליטע, פון ביימער פון הויכע,
מיט קעפּ אין די הייכן די בלויע פאַריסן.

פון ווינקעלעך טויבע און ווינקעלעך בײַע
הארמאָשקעס צעטראָגן פארנאכטיקע גרוסן.
רײַך זײַנען ברעגן מיט אָרעמקײַט גרויסער,
מיט נאקעטע טעג און מיט דאָרשטיקע וואָכן,

מיט לעוואָניקע נעכט און באזונטע מעסלעסן,
צי קאָן מען פארלאָזן, צי קאָן מען פארגעסן
די זוניקע טעג און די לעוואָניקע נעכט,
וואָס ליגן אף אוראַלטע ברעגן פארקלערט?

3. שיין איז דער דניעפּער

„שיין איז דער דניעפּער" — האָט גאָגאָל געזאָגט,
האָט גאָגאָל געזאָגט און איז הײַנט נאָך גערעכט.

נאָר אמאָל, ווען באם טײַך האָט שוין לאנג ניט געטאָגט,
האָט שוין לאנג ניט געטאָגט, און געפּענטעטע נעכט
האָבן גרויזאם געיאָגט אפן פינצטערן ברעג,
און געוויינט האָט דער בארג און גערוישט האָבן טעג...

און אמאָל, ווען באם טײַך האָט שוין לאנג ניט געטאָגט,
און שטאָט איז געלעגן אין פלאם און אין רויך,
אין וואָלקנס — זיי האָבן געגאָסן פון הויך,
געגאָסן אף גאסן מיט בלײַ און מיט שרעק,
האָבן מאמעס געקלאָגט, זײַנען טאטעס אוועק.

פון בארג פונעם הויכן, פון זוניקן פעלדז
זײַנען קינדער געפלויגן אין רויִקן טײַך,

א וואָרף און אראָפּ,
און א וואָרף און אראָפּ
מיט לײַבער צעהאקטע, ווי אָקסן אין בוינע,

צעשניטענע קעפּ און צעשטאָכענע אויגן...
פון הויכן בארג און פון בליִענדן פעלדז
אין א זוניקן טאָג זײַנען קינדער געפלויגן...
געיאָגט האָט מיט גרויל פונעם זוניקן טאָג,

געיאָגט האָט מיט גרויל און מיט טויט און מיט קלאָג,
ווען שטילקייַט אליין האָט געשריגן,
האָט דער דניעפּער זיך רויִק געוויגט
און רויִק געשוויגן...
ווען אף אים, אפן טײַך, האָבן כוואליעלעך רויטע
פון קאָמיוגישן בלוט זיך באוויזן,
ווען דערנאָך זײַנען קערפּערס צעהאקטע אף כוואליעס
געשווומען,
זײַנען טאטעס און מאמעס מיט אויגן פארוויינטע געקומען
צו ברעגן צעדולטע,
צו ברעגן פארשײַטע,
אין רויכיקע שטעט און אין דערפער אין ווײַטע
געגאנגען זײַנען בייזע געשלעגן,
און דער דניעפּער איז רויִק געלעגן,
ווי באנאכט, ווען ער שלאָפט,
און אף ברעגן אף נאכטיקע כאָלעמען וועלדער.
מיר געדענקען נאָך גוט די פארגאנגענע נעכט,
ווען דער װאלד האָט גערוישט, ווען דער ברעג האָט
געקלאָגט...

. . . .

„שיין איז דער דניעפּער“ — האָט גאָגאָל געזאָגט.

4. איז געקומען אַ מענטש

איז געקומען א מענטש און געזאָגט אָט אזוי:
— מע ווייסט שוין פון לאנג, אז דער הימל איז בלוי.

דער מענטש האָט געזאָגט, און דער ברעג האָט געוווּסט,
האָבן כוואליעס געקײַקלט זיך יאָרן אומזיסט.

איז א כוואליע אוועק און געקומען צוריק,
און הויך אפן טײַך איז געהאנגען א בריק.

אלציינס: אין דעקאבער, אין מארט און אין מײַ
האָט געיאָגט אף דער בריק א געפאקטער טראמוויַי.

האָט דניעפער גערוישט, און טראמווײַ האָט געיאָגט,
איז געקומען א מענטש אין קיטשקאס און געזאָגט.

דער מענטש האָט געזאָגט, און דער ברעג האָט געוווּסט:
„געגוג זײַנען כוואליעס געפלויגן אומזיסט".

דער מענטש האָט געזאָגט, האָט א וואלד זיך פארטראכט,
האָט דער דניעפער מיט זילבערנע כוואליעס געלאכט.

„דער דניעפער איז אלט, און די זון איז אונדז קארג,
ווען די נאכט קומט אראָפּ אפן ברעג פונעם בארג".

האָבן ווײַטן געלאכט, האָבן כוואליעס געוויינט,
ווען דער מענטש פון קיטשקאס האָט א בלעטל געלייענט.

ווען אף בלייכלעכן טײַך איז געפאלן די נאכט,
האָט נאָך טיף אינעם דניעפער א כוואליע געלאכט.

5. דאָס ליד וועגן כוואַליעס און ווינט

האָבן טעג אַזוינע לאַנגזאַם זיך געצויגן,
איז אַ ווינט אַ יונגער אַפֿן טײַך געפֿלויגן.

האָט דער ווינט די כוואַליעס מער שוין ניט געטריבן,
נאָר מיט פֿאַלדן פֿײַכטע זיי אַ בריוו געשריבן.

זיי אַ בריוו געשריבן אַפֿן שטילן וואַסער
מיט באַפֿײַכטע אויגן, מיט אַ פּען אַ נאַסער.

און אַף אַלע ווערטער און אַף אַלע שורעס
בלאָזט מיט נײַע גרוסן און מיט שווערע בסורעס,

אַז פֿון דערפֿער נאָענטע און פֿון ווײַטע יאַמען
קומט מען זיי פֿאַרבינדן, קומט מען זיי פֿאַרצאַמען,

און מע וועט זיי הייסן איבער די פֿאַבריקן,
איבער אַלע דערפֿער פֿײַערן צעשיקן.

ענטפֿערן די כוואַליעס: ווער זשע קאָן אונדז צווינגען?
ס'האָט טאַראַס שעווטשענקאָ אונדז אַלײן באַזונגען.

גאָגאָל האָט געשמייכלט אַף די שטילע ברעגן,
און אַהער צום דניעפּער פֿירן אַלע וועגן.

און די כוואַליעס רוישן און די כוואַליעס לאַכן,
און דער ווינט צעיאָגט זיך איבער ווײַטע שליאַכן.

איבער אַלע געסלעך, איבער אַלע דירעס
אַז פֿון דערפֿער נאָענטע און פֿון ווײַטע יאַמען

גייען זיי, די נײַע טרויעריקע בסורעס:
קומט מען זיי פארבינדן, קומט מען זיי פארצאמען.

6. האָט לענין געזאָגט

— זאָל טאָגן אָט דאָרט,
ווו ס'האָט נאָך ניט געטאָגט. —

מיט ווערטער מיט פּראָסטע
האָט לענין געזאָגט:
— דאָס ליכט אהין,
ווו ס'איז שטענדיק נאכט. —
האָט לענין געזאָגט.
. . . .
האָבן אלטע געלאכט.

פון שטעטלעך און שטעט
זײַנען יונגען אוועק.
פון דאָרף און פון וואלד
אף די טײַכן אוועק.

מיט גלויביקע אויגן,
מיט האמערס און העק.

— זאָל טאָגן אָט דאָרט,
ווו ס'האָט נאָך ניט געטאָגט, —
מיט ווערטער די פּראָסטע
האָט לענין געזאָגט.

7. ווען סע קרעכצן די דעמבעס

צי האָט איר געהערט, ווי סע קרעכצן די דעמבעס
באַטאָג אין די וועלדער אַף ברעגן פון דניעפּער?
צי האָט איר געזען, ווי סע פאַלן די דעמבעס
אַף ערדן אַף פײַכטע אין טונקעלע וועלדער?
צי האָט איר געהערט, ווי סע רוישן די דעמבעס,
ווי ס׳טראָגט זיך דער רויש איבער וואַלדישע וועגן,
ווען אַרבעטער קומען מיט העק און מיט זעגן?

צי האָט איר געהערט, ווי סע שרײַען די דעמבעס,
ווען פּויערים קומען און שינדן די קאָרע,
ווען ס׳הייבן זיך העק אַף צעפּאַטלטע צווײַגן,
ווען זיי פאַלן אין שטויב און אין ראש און אין וווּנדן?
צי האָט איר געהערט, ווי סע שווײַגן די דעמבעס,
ווען זיי ליגן אַף וואָגנס געבונדן?

צי האָט איר געזען, צי האָט איר געזען,
ווי זיי ליגן און נורען זיך איינער צום צווייטן,
ווי ס׳שלעפּן זיך וואָגנס אַף זאַמדיקע וועגן,
ווי ס׳ברענט זיי די זון און סע שווענקט זיי דער רעגן,

און פּויערים שווײַגן און טרײַבן די אָקסן,
און דאָרט אינעם וואַלד, וווּ זיי זײַנען געוואַקסן,
גייט מען שוין ווידער מיט העק און מיט זעגן.
צי האָט איר געהערט, ווי סע קרעכצן די דעמבעס?

8. בארזשעס

רויקע בארזשעס פּאַרטראַכטע און ברייטע אַף רויִקן דניעפּער
גייען פּאַמעלעך און טרײַבן פּאַמעלעך די פּאַלדן פון וואַסערן קילע.
שמעקט פון די בארזשעס מיט פּײַכטע אוקראַיִנישע סטעפּעס.
רויִקע בארזשעס פּאַרטראַכטע און ברייטע אַף רויִקן דניעפּער
שלעפּן צעזעגענע דעמבעס און סאָסנעס פון וועלדער פון שטילע.
וואַסערן לויפן בא ברעגיקע קאַנטן און טרײַבן די שליופּקעס און שיפן,
דרייען זיך כוואַליעס, הייבן זיך כוואַליעס, און פאַלן אין וואַסערן קלאָרע,
קנייטשן זיך כוואַליעס און שמייכלען מיט זון און מיט ווינטן געשליפן,
אָטעמען בארזשעס מיט רו און מיט דעמבענער קאָרע.
שווערער פון היימישע דעמבעס פון וואַלד זײַנען פרעמדע מאַשינען,
גייען נאָך שטילער די בארזשעס אַף כוואַליעס מיט פרישקײַט פּאַרווייטע.
איז דאָ אַזאַ שווערקײַט אין גאַנג פון די בארזשעס די ברייטע,
איז דאָ אַזאַ גרויסקײַט אין בארזשעס, וואָס שלעפּן די פרעמדע מאַשינען
און האָבן אַ רו אַפן רוישיקן דניעפּער געפונען.

9. דאָס ליד וועגן די הענט

הענט מײַנע, הענט, מײַנע טויזנטער הענט,
צו אײַך איז מײַן ליד הײַנט געווענדט.

אַלץ איז באַזונגען און אַלץ איז שוין דאָ,
נאָר איר, מײַנע הענט, אין געזאַנג זײַנט ניטאָ.

איר האָט די הונדערטער הײַזער געבויט,
איר האָט פון פעלדער געבראַכט אונדז דאָס ברויט.

אַ דאַנק, מײַנע הענט, מײַנע טויזנטער הענט,
פאַר אַלץ, וואָס אין גאַנג האָט איר נעכטן פאַרברענט,

פאַר רויִקער פרייד אונטער רויִקן דאַך,
פאַר גרויזאַמער פרייד אַפן ראַשיקן שליאַך.

אומעטום, ווו איר שאַפט, אומעטום, ווו איר זענט,
צו אײַך איז מײַן ליד הײַנט געווענדט.

10. קומען טעג אַף די טײַכן

קומען טעג אַף די טײַכן, אַף די גילדענע ברעגן,
פאַלט די זון אַף די כוואַליעס, ווי אַ בראָנזענער רעגן.

שטייען טויזנטער יונגען איבער שליאַכן און הויפן,
פאַלן האַמערס און טאַנצן, כריפּען זעגן און לויפן.

פאַלט די זון אַף די יונגען, ווערן יונגען נאָך ייִנגער,
פאַלן האַמערס נאָך שווערער, פליִען זעגן נאָך גרינגער.

שלאָגט אַ גלייִקער אָטעם פון די היציקע זעגן,
פון די בראָנזענע קערפּערס, פון די הענט, וואָס באַוועגן.

שרײַען סאָסנעס געפּרעסטע אינעם קלעם פון מאַשינען:
דאָס זײַנען די וועלדער געקומען אונדז דינען.

און פאַרלאָזטע זאַוואָדן מיט צעכראַסטעטע לאָדן
ווערן ווידער מיט אָטעם מיט שווערן באַלאָדן.

און אף פֿלעצער, באוואקסן מיט ווילדע בוריאנעז,
וואקסן נײַע באראקן, פֿלִיען ראשיקע באנען.

צו דעם יאם צו דעם שווארצן פֿלִיען ווינטן און זינגען
וועגן נײַע זאוואָדן, וועגן קרעפּטיקע יונגען.

1928

שאָטנס פון װאַרשעװער געטאָ

א

זיי בלאָנקען אַרום איבער געסלעך און ליקן,
זיי קלאַפּן אין כוישעך פון טירן צעפּראַלטע,
זיי קלאָגן בא כורוועס, זיי שלאָפן אַף בריקן,
זיי פאַלן אַף פינצטערע שליאַכן אַף קאַלטע,
זיי הייבן זיך ווידער און וואַנדערן מידע
דורך אָפּגרונטן גרויע, דורך באַרגשפּיצן גרינע,
זיי האָבן נאָך אַלץ ניט דערזאָגט זייער ווידע,
זיי קאָנען נאָך אַלץ זייער רו ניט געפינען.
אין מאָרגנס אין פריִע, אין אָוונטן שפּעטע
זיי בלאָנקען, די שאָטנס פון װאַרשעװער געטאָ.

זיי בלאָנקען פאַרשטויבטע, זיי בלאָנקען פאַרשנייטע,
דורך גאַסן פאַרלאָזטע, דורך סעדער געטייטע,
זיי שוועבן בא טײַכלעך דורך שטילע קאַמישן,
זיי פליִען אין בלײַענע וואָלקנס געקליידטע,
זיי קומען אין הײַזער, זיי זיצן בא טישן
און ניט ווי קיין אָרכים, וואָס וואַרטן אַף עפּעס.
זיי קומען, ווי ס'קומען די נעכט אין די סטעפּעס,

זיי קומען, ווי שיפן אין האפנס פון יאמען,
זיי קומען, ווי קינדער אהיים צו דער מאמען.

מע זעט זיי, די שאָטנס, אף גאנ׳קעס, לעם פארקנס,
אף שטומע לעווייִעס, אף רוישיקע מארקן,
און ניט ווי קיין בעטלערס די שאָטנס זיך ציִען,
מיט הענט אויסגעשטרעקטע, מיט בליקן פארוועבטע,
זיי בלאָנקען ארום, ווי געקעפּטע נעוויִים,
מיט קרוינען פון רום אף די קעפּ די געקעפּטע,
זיי טראָגן מיט שטאָלץ זייער גרויזאמען גורל,
און זייער פארבאָרגענער טרוים די געפאר איז,
זיי בלאָנקען ארום אף דער וועלט ווי בונטארעס,
וואָס האָבן אין שלאכט דאָס געווער ניט פארלוירן,
און ס׳קען זיי די ווייסל, און ס׳קען זיי דער ניעמאן,
און ס׳הוידען באם יארדן זיך זייערע נעמען,
און ס׳זעט זיי די וואָלגע דורך רויכן פון צאָפּן,
און ס׳זייִנען די בערג זיי דעם וועג ניט פארלאָפּן.
דורך וועגן צעבייִלטע, דורך יאָרן געפּלעטע
זיי בלאָנקען, די שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ.

ב

דורך וועגן צעבייִלטע, דורך יאָרן געפּלעטע
זיי בלאָנקען, די שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ.
איך שעלט מייִנע פינגער, וואָס זיי זייִנען פינגער,
און ניט קיין פארסאמטע, פארגיפטעטע קוילן.
און ס׳בריט דער געוויסן, וואָס כ׳אָטעם, וואָס כ׳זינג נאָר,
וואָס כ׳בין ניט דאָס יינגל דאָס ברוינע פון פוילן,
דאָס יינגל פון ווארשע, וואָס איז, ווי א מאלעך,
געקומען צו מיר אין א נאכט אין א גרויער,

דאָס וואַרשעווער ייִנגל, — אַ גרויסן מעהאַלעך
איז ער דורכגעשוווּמען אויף פֿליגל פֿון טרויער,
ביז ער איז געקומען פֿון פֿינצטערע קאַנטן,
אַ שוועב טאָן אָט דאָ לעם מײַן זוניקן טויער.

ס'איז גאָר ניט קיין פֿליגל, אַ בלוט־רויטער מאַנטל
איז הענגען געבליבן לעם שכײַנישן פֿענצטער,
און ס'האָט זיך דאָס ייִנגל, דער שאָטן פֿון געטאָ,
פֿון שאָטנס פֿון אַלע דער ייִנגסטער, דער קלענסטער,
געלאָזט מיט די וועגן, ווו קיינער געטרעט האָט.
דער מאַנטל איז הענגען געבליבן אין דרויסן
אויף עפּעס אַ בוים אַ באַיאָרטן און גרויסן.
דער ווינט האָט צעווייט זײַנע פֿאַלדן די ברייטע,
ס'איז גאָרניט קיין מאַנטל. אַ פֿאָן האָט געווייט דאָ.
די פֿאָן האָט געפֿלאַטערט מיט פֿליגל צעשפּרייטע
אין אויפֿשטאַנד פֿון געטאָ. און דאָס האָט פֿון שלאַכט זי
דאָס וואַרשעווער ייִנגל צו מיר הײַנט געבראַכט זי.

ער האָט זיך געטראָגן דורך וועלדער פֿאַרטויבטע,
באַגלייט האָט אין וועג אים די ערד די באַרויבטע;
און טרערן פֿון קינדער און רופֿן פֿון קדושים —
באַגלייט האָט אין וועג זייער הייליקער רויש אים.
עס האָבן באַגלייט אים צעשטאָכענע אויגן
און הערצער, וואָס האָבן אויף שפּיזן געפֿלאַטערט,
און געגנטן גאַנצע מיט רויכן פֿאַרצויגן,
און ווונדן, וואָס האָבן דורך דוירעס געיאַטערט.
דער הימל אַליין האָט די וועגן געשפּרייט אים,
פֿון כורוועס און ביינער דער אש האָט באַגלייט אים.
און שטיל האָט די פֿאָן אויף די צווײַגן געפֿיבערט,
ווען ער איז די שוועל פֿון מײַן וווינונג אַריבער.

— שטיי אוף! — האָט דאָס יִנגל פון געטאָ באַפוילן. —
שטיי אוף, לאָמיר פליִען צו קוואָרים פון פוילן.
געבענטשט זײַנען די, וואָס געדענקען די קוואָרים,
ווו ס׳ליגן די קדוישים מיט הערצער מיט קלאָרע.

ג

די פאָן וועט אונדז פירן דורך בערג און דורך יאַמען,
די פאָן וועט אונדז פירן. מיר פליִען צוזאַמען.
דער הימל פון מאָסקווע — ער האָט ניט געדרעמלט,
ער האָט זיך צעלויכטן מיט שטאָלצע סאַליוטן,
און ליכטיק געווען איז אין הויף פונעם קרעמל,
און אַלץ האָט באַגלייט אונדז, געשײַנט אונדז צום גוטן.

דער וועג בײַ דער שײַן פונעם קרעמל ווערט ברייטער,
און ס׳ווערט אַזוי ערדיש פון שטערן דער שמייכל.
מיר פליִען. וווהין? אין אַ וועלט אין אַ צווייטער.
מיר פליִען און קאָנען זי אַלץ ניט דערגרייכן,
אַזוי איז זי ווײַט פון מײַן היים, פון מײַן סייכל,
אַזוי איז זי נאָ׳נט צו מײַן בראָך און מײַן ווייטעק.
מיר פליִען אַ טאָג שוין, מיר פליִען שוין צוויי טעג,
מיר פליִען אַ כוידעש, אַ יאָר איז פאַרלאָפן,
און אייביקייט איז שוין פאַרגאַנגען. מיר פליִען.
און קאָנען נאָך אַלץ צו דעם ציל ניט דערציִען.
ווער פליט עס? דאָס יִנגל מיט אַש אין די אויגן
און איך מיט מײַן אומזין, וואָס וויל זיך ניט בויגן.
ווער פליט עס? עס פליט אונדזער וויי, אונדזער צאָרן,
צי ס׳פליט אונדזער מוט, וואָס איז רײַפער געוואָרן?
נאָר ווער ס׳זאָל ניט פליִען, וועט קומען בעשאָלעם,
אויב ס׳איז נאָר פון שימלדיק וואַסער זײַן בלוט ניט,

אויב ס׳טראָגט אים אין וועג דער געוויסן, וואָס רוט ניט,
אויב ס׳איז נאָר זײַן טרוים און זײַן שווונג ניט קיין כאָלעם.

מיר פלִיִען, ווען טויב ווערן וועלדער און ברייטן,
מיר פלִיִען נאָר דעמלט, ווען ס׳רוקט זיך די נאכט אָן,
ווען שאָטנס פון געטאָ אין וועג אונדז באגלייטן
און רינגלען ארום אונדז, ווי רויכן נאָך שלאכטן.
זיי שווימען אונדז נאָך און באקוקן די וועגן,
זיי שוועבן פאָרויס אינעם רוים אינעם פוסטן,
מיט פויסטן, וואָס וויסן דעם טאַם פון געשלעגן.
מיט הערצער, וואָס וויסן די פרײַז פון פארלוסטן,
מיט לײידן, וואָס האָבן פאר זיך ניט קיין ברעגן.

. . . .

דאָס וויסן אפילע די קינדער אין וויגל:
אַ מענטש האָט זײַן שאָטן, אַ מענטש וועבט זײַן ביגן.
דער ניגן פארגייט, און דער שאָטן באגלייט אים,
און שלאנק איז דער שאָטן פון מענטש, ווען עס גייט אים,
עס קנייטשט זיך דער שאָטן, ווען ס׳קנייטשט זיך דער גוירל
פון דעם, וואָס מיט אים איז דער שאָטן פארבונדן,
די שאָטנס פארשווינדן, ווען מענטשן פארשווינדן,
און נאָר פון כאכאָמים און נאָר פון גיבוירים
פארבלײַבן די שאָטנס באגלייטן די דוירעס,
די דוירעס באגלייטן, באשײַנען, באצירן,
בא קינדער און קינדס־קינדער טיף זיך פארקארבן,
איז לאָמיר די שאָטנס אין וועג ניט פארלירן,
און זאָל זייער אומרו ניט וועלקן, ניט שטארבן.

ד

איז לאָמיר די שאָטנס אין וועג ניט פארלירן,
און זאָל זייער אומרו ניט וועלקן, ניט שטארבן.

מיר פליען, דער מוט האָט צעפראלט אונדז די טירן
און האָט אונדז געבראכט מיטן וועג אָט דעם הארבן
אין אָפגרונט פון ווײ, אין א וועלט אין א צווייטער,
אָט ליגט שוין דער אָפגרונט פאר אונדז א צעשפרייטער.
מיר פליען אראָפ פון די וואָלקנס די שפעטע
און פאלן ארײַן אין דער וואַרשעווער געטאָ.
נאָר ווּ איז דאָס יינגל, מײַן גוטער באגלייטער?
איך שפיר ניט זײַן אָטעם, איך הער ניט זײַן קעלכל,
אָן איינזאמער בלײַב איך. ווּ איז ער? ווּ שטייט ער?
בא וואָס פאר א טויער, אין געסל אין וועלכן?

איך בלאָנקע און רוף אים. איך ווייס ניט זײַן נאָמען.
א ווידערקאָל ענטפערט פון כורוועס און שטיינער,
פון כאָרעווע הויפן, פון ליידיקע קראָמען,
פון ווענט מיט פידאשקעס, ווי סטארטשנדע ביינער,
פון אלטן בעסמעדרעש, וואָס ליגט א געטייטער.
פון וויגלעך, וואָס וויגן אליין זיך אין אומעט.
פארבײַ פליען פעדערן ווײַסע און רויטע,
פארבײַ בלאָנקען שאָטנס צעהוידעטע, שטומע,
נאָר איינער ניטאָ איז. פארשווּנדן. אנטרונען
דאָס וואַרשעווער יינגל. די שטערן זיך מינען.
זיי ווייסן פון גאָרניט. זיי שײַנען, ווי פריער,
און גיסן די שײַן אף די ראַנדן פון טליעס.
דער ווינט ווייסט פון גאָרניט. ווי נעכטן ער וויט דאָ,
דער אומגליק האָט אים מיט זײַן שווּנג ניט צעשיידט דאָ,
ער טראָגט זיך ארום איבער געסלעך און שטיבער,
ער שפילט זיך מיט פעדערן לופטיקע, גרינגע,
זיי פליען צו קוואָרים, צו בערגלעך, צו גריבער
אף לייגן זיך אונטער די קעפ די געטייטע,
די נאָך ניט באערדיקטע קעפ פון די קדושים.

איך זוך אַלץ דאָס יִנגל, מײַן גוטן באַגלייטער,
איך זוך צווישן שאָטנס אין וואַרשעווער כווישעך.
אומזיסט איז מײַן זוכן, עס ענטפערט דער ווינט מיר:
אַף קוואָרים, אַף אשיקע בערג ער געפינט זיך.

דער ווינט קאָן ניט רוען. אָט איז ער אין סאָד דאָ,
ער קלאַפּט אין די קאַנטן פון שויבן צעזעצטע.
ער נישטערט א בלאַט פון אַן אַלטער האַגאָדע,
א בריוו פון די מוירדים, די שלאַכטלײַט, א לעצטע
מיט אש א באַזוימטע, אין בלוט א צענעצטע,
א זײַטל מיט פּערעצעס שורעס געטאָקטע.
א שטיק סייפערטוירע ער פּרווט זיך א טראָג טאָן.

נאָר ס'ווערט זיך דער פאַרמעט און בלײַבט אַף דער ערד דאָ,
און ס'ווייט פון געלעסטערטע אויסיעס מיט ווערדע,
מיט ווערטער געזאָגטע און נאָך ניט דערזאָגטע,
א וויגל א ליידיקס ער פּרווט זיך פאַרוויגן,
ער וויגט עס און ברומט זײַן קאַדמוינישן ניגן,
וואָס ער האָט געברומט נאָך אין טויהו־וואָוויהו,
באַם אָנהייב פון וועלטן, אין נעפּלען אין גרויע...

די נאַכט רוקט זיך בייז בא פאַרייכערטע ווענט דאָ,
און שטערן מיט שטערן אָן ווערטער זיך קריגן,
און ס'וויינען בישכיינעס בא הײַזער פאַרברענטע
די בריוו פון די העלדן, וואָס פלאַטערט אַף ציגל,
די שורעס פון „ברײישיס", דאָס בלוט און דאָס וויגל...

פאַרשווונדן דאָס יִנגל, מײַן גוטער באַגלייטער,
איך בין ניט קיין היגער אין געטאָ, די וועגן
איך ווייס ניט. איך בלאָנקע, ניטאָ וועמען פרעגן,
ווי קאָן איך גאָר זײַן אין א וועלט אין א צווייטער

אליין דאָ, א פרעמדער? ווי האָט ער געקאָנט דאָ
אליין מיך פארלאָזן? איך בלאָנקע, איך פּלאָנטע,
איך רוף אים, איך רוף אים, און ער איז ניטאָ מער.
איך וואָלט זיך צעיאָמערט, ווען ס'העלפט מיר דער יאָמער,
איך וואָלט, ווי א כײַע, אין וויסטע צעהוילט זיך,
ווען ס'וואָלט מיר געהאָלפן. נאָר איך האָב געשוויגן.

די נאכט האָט מיט בראָך און מיט אומעט געקנוילט זיך
אין בריוו פון די העלדן, וואָס פלאטערט אף ציגל,
אין שורעס פון „ברײשיס", אין בלוט, וואָס אין וויגל.
איך ווארט, מײַן באגלייטער זאָל ווידער זיך ווײַזן.
מיר דוכט זיך: ניט ווײַט, אין א כאָרעוון הײַזל
איך זע אים, דעם שאָטן, מײַן העלן באגלייטער,
מיר דוכט, אז צו מיר פון דער פינצטערניש גייט ער,
מיר דוכט, אז ער הייבט זיך פון בלוט און פון נעפּל,
עס שליסן זיך ביינער מיט ביינער צוזאמען,
עס נעמען די לונגען די לופט אין זיך שעפּן,
און ס'נעמען די ליפּן צו פליסטערן: „מאמע".
ס'האָט אָדער צו אָדער גענומען זיך שליסן,
דאָס בלוט אין די אָדערן הייבט שוין אָן פליסן,
א הויט האָט די אָרעמע גלידער פארצויגן,
און ס'האָבן צוויי פונקען געגליט אין די אויגן.

איך לאָז זיך צו אים, נאָר אין נעפּל אנטרינט ער,
ס'א כאָלעם. אָט קומט ער צו מיר. אָט פארשווינדט ער.
ווו איז ער? ווו איז ער? איך זוך זײַנע אויגן,
איך בין שוין די כאָרעווע שטאָט דורכגעפלויגן,
דאָס ייִדישע פעלד און דעם פּוילישן צווינטער
און יאָג זיך אלץ ווײַטער. איך בישטער די וועגן.

אָט קומען מיר ייִדישע שטעטלעך אנטקעגן,
מיט קוימענס, מאצייוועס — פארגליווערטע גוילעמס,
בעסוילעמס, בעסוילעמס, בעסוילעמס, בעסוילעמס
איז הײַנט זייער גרויזאם און בלוטיק פארמעגן.

אָט קומען אנטקעגן מיר דערפער אין פײַער,
מיט ליידיקע כאטעס, מיט ליידיקע שײַערס,
מיט קעלבער, וואָס לויפן אליין צו דער שכיטע,
מיט ציגעלעך ווײַסע צום פלאם צוגעשמידטע.
אָט שווימען שוין פעלדער מיט ביינער פארזייטע,
מיט איינזאמע זאנגען אף בלוטיקע וועגן.
אָט רוקן זיך וועלדער געדיכטע און ברייטע
און טראָגן מיר כאַרעווע נעסטן אנטקעגן,
און טראָגן אנטקעגן מיר ביימער און שטאנגען,
מיט שטריק, ווי די רינגען אף נאקעטע צווײַגן,
מע הערט ניט קיין רויש דאָ, קיין פויגל־געזאנגען,
עס זינקען פארסמאליעטע וועלדער אין שווײַגן,
און זעלטן דערהערט מען: א האק גיט א בויטע
די נאכט די געדיכטע, די שטילקײַט די טויטע,
א האק גיט אן אוראלטע יאָדלע א שפאלט דאָ,
א בוים טוט א קרעכץ און א סקריפּ און א פאל דאָ.
און זעלטן דערהערט מען א שאָרך פון א כײַע,
וואָס טאפּט מיט די לאפּעס די סטעזשקעס די נײַע
און זוכט דאָרט א נאָרע אף קאָנען באהאלטן
א קינדעריש העמדל, א שטיוול אן אלטן,
וואָס זי האָט געבראכט פון דער געטאָ צו שלעפּן.
דורך ווילדקײַט, דורך שטילקײַט, דורך וואלדישן נעפּל
דערהערן אויך אוראלטע ביימער מיט שטוינונג
א קלונג פון א מעסער, א שאָס פון א ברויניונג.

איך לויף, און די פיס ווערן מידער און מידער,
א בלייענע מידקייט פילט אָן מיינע גלידער,
איך פאַל אפּן גראָז אפּן פייכטן און פרישן,
א צווייג איז מיין קאָלדרע, א פּניאָק איז מיין קישן.
און ווי נאָר איך שליס די פארמאטערטע אויגן,
קומט ווידער דאָס יינגל פון הויך, ווי א פויגל,
ער קומט פון א ווארשעווער געסל אַן ענגן
מיך פירן אין הייזער, וואָס זיינען פארברענט שוין,
באווייזן דעם אש און דעם וווּנדער פון מענטשן...
די פליגל ער לאָזט אין דער פינצטערניש הענגען,
ס'איז גאָר ניט קיין פליגל דורך דוירעס פאַרגעטערט,
ס'איז הענגען געבליבן אף גרינעם געבלעטער
א בלוט־רויטער מאנטל מיט פאלדן מיט ברייטע.
ס'איז גאָר ניט קיין מאנטל. א פאָן האָט געווייט דאָ.

— שטיי אוף! — האָט דאָס יינגל מיר ווידער באפוילן, —
שטיי אוף, לאָמיר פליען צו קוואָרים פון פוילן.

ער קומט אף א ווייל נאָר אין כאָלעם צו פליען
דעם אומגליק דערמאָנען, דעם ווייטעק צעגליען,
זיין היים מיר באווייזן, דעם מוט אין מיר וועקן,
דעם גוירל פון יוגנט פון זיינער אנטפּלעקן.
אָט דאָס איז די פּרעכטיקע הויפּטשטאָט פון פוילן?
ווו זיינען די גאסן? ווו זיינען די שטיבער?
צעהארגעט, צעאקערט דורך באָמבעס און קוילן,
זיך וואלגערט די כאַרעווע שטאָט איצט אין גריבער,
אין אש ליגט איר כאַרעווע שיינקייט צעטראָטן,
עס טליען די גאסן נאָך ווי האָלעוועשקעס,
עס בלאָנקען אף קוואָרים פארלוירענע שאָטנס,
און ס'זוכן די ראָבן צו קוואָרים די סטעזשקעס.

עס שטייען ווי צאמען די נאקעטע ווענט שוין,
עס שטומען די געסלעך אין כאשכעס פארזונקען.
ריבוינע־שעל־אוילעם! אָט דאָ האָבן מענטשן
געלעבט און געארבעט, געטאנצט און געזונגען.

ה

ריבוינע־שעל־אוילעם! אָט דאָ האָבן מענטשן
געלעבט און געארבעט, געטאנצט און געזונגען.

דאָ פלעגן זיי שעלטן, דאָ פלעגן זיי בענטשן,
דאָ האָבן פון שטויב זיך געהויבן די יונגען,
דאָ זיינען געוואקסן בא יונגען די פליגל,
דאָ האָט מען געוויינט, און געלאכט, און געשריגן,
דאָ האָט מען די קינדער געוויגט אין די וויגן,
דאָ האָבן זיך קינדער צו מאמעס געטוליעט,
דאָ האָט מען אף כאסענעס גרויסע געהוליעט,
מע פלעגט אף לעווייעס דאָ טרערן פארגיסן
און ווידער פון ניכטערן לעבן געניסן.
דאָ האָט מען גענייט, און געקלאפט, און געטעסעט,
דאָ האָט מען געהאט סיי דעם יאָך, סיי דעם נאכעס
פון שטייגן מיט וויטעק, פון פאלן מיט כעסעד,
פון לעבן דער פיינטלעכער וועלט אף לעהאכעס.

ריבוינע־שעל־אוילעם! אָט דאָ האָבן יידן
דעם גאָלדענעם פאָדעם פון דוירעס געצויגן?
די גאָלדענע קייט פלעגן יידן דאָ שמידן?
די גאָלדענע פאווע מיט מיידלשע אויגן
דאָ האָט זיך א נעסט אין די סעדער געשאפן?
דער גאָלדענער טרוים האָט געהאט דאָ א האפן?

אָט דאָ, ווו די נויט האָט געיאָגט און געגישטערט,
מיט פײַפן פון בײַטשן אין סאַם א פארמישטע?
אויב יאָ, איז די נעסט שוין פון הייכן געפאלן,
דער גאָלדענער פאָדעם איז הענגען געבליבן
אף זוניקע, ווײַטע צעשאָטענע שטראלן,
דער טרוים לעבט אין וואלד אין אן ערדיקן שטיבל,
און ווו איז די פּאווע, קאָן קיינער ניט זאָגן —
אף ווארשעווער גאסן געבליבן איז קיינער,
וואָס זאָל כאָטש איר היימלאָזע שיינקײַט באקלאָגן.
עס שווײַגן די שוועלן. עס שטומען די שטיינער,
עס שטארבן דאָ ווערטער נאָך ניט קיין גערעדטע.
דאָ זײַנען די גאסן פון ווארשעווער געטאָ.

מיר קוקן ארײַן אין די היימישע פענצטער,
מיר זוכן פון לעבנס די שפּורן די קלענסטע,
מיר זוכן די טיכלעך מיט טרערן באנעצטע,
מיט טרערן, מיט בלוט און פון ווייטעק געוועבטע,
מיר זוכן די ייִדישע שפּורן די לעצטע,
פון טרוימען געטרוימטע, פון לעבנס געלעבטע,
פון ליבעס געשפּילטע, פארשפּילטע, געפלעטע...

מיר קוקן ארײַן אין די הײַזער פון געטאָ,
דאָ לעבן איצט סאָנים. דאָ וווינט דער ביזאָיען
אין היימען געשענדטע מיט פענצטער צעזעצטע,
דאָ שוועבט נאָך דער אָפּהילך פון שאָטנס פון לעצטע,
דאָ הילכט נאָך דער לעצטער געשריי פון די פרויען,
און ס'ליגן די רויבערשע לאפּעס פארקרעצטע
אף ציכטיקע קישנס. דאָ הערט מען נאָך קויען,
דאָ הערט מען נאָך בראָדיען אין אומעט פארבאָרגן
דעם לעצטן געשריי פון פארצויגענעם גאָרגל...

עס שטייען די טישן געדעקטע, געגרייטע
מיט מילך און מיט האָניק, מיט קויסעס מיט ברייטע,
מיט טעלער מיט רונדע מיט גאָלדענע צייכנס,
מיט „קאָשער לעפּייסעך" אף זייערע ברעגן.
עס זיצט דאָ בא טישן דער רויבער און שמייכלט,
ווי אַלץ איז פאַרגרייט דאָ פונזייַנעטוועגן.

ער קוקט אף די טישן די גרויסע און שמייכלט,
ער קוקט אף דער ייִדישער קויסע און שמייכלט,
ער קוקט אף די ספאָרים אין לעדער און שמייכלט,
ער קוקט אף א בלוטיקן פעדער און שמייכלט.

ניטאָ דאָ קיין ייִדן. דאָ ווױנען שוין יענע,
וואָס האָבן געבראַכט אף די ערדן דעם גענעם.
זיי דאַרפן בא קיינעם איצט גאָרנישט ניט קויפן,
דאָס גליק האָט זיי פלוצעם אין וואָגל געטראָפן.
זיי זיצן בא אונדזערע טישן און זויפן,
זיי ליגן אין אונדזערע בעטן און פאָפן,
זיי קושן די זויגעס אין אונדזערע הויפן,
אין אונדזערע שטיוול אין קירכעס זיי לויפן,
די הרובע זיי הייצן מיט אונדזערע ספאָרים
און מייקענען שיקער אף אונדזערע קוואָרים,
זיי טראָגן פון אונדזערע טאַטעס די העמדער,
זיי טראָגן די קליידלעך פון אונדזערע שוועסטער,
דער לייַלעך, וואָס ליגט אונטער זיי, איז א פרעמדער,
איעטווידער פאָדעם אין אים איז געלעסטערט.

זיי טרעטן אף אונדזערע אומגליקן, ווי מיר,
און אונדזערע פערל מאַטאָנעס זיי ברענגען.

אף אונדזערע שטריק און אף אונדזערעביימער
מיר וועלן מיט אונדזערע הענט זיי נאָך הענגען.

ו

אף אונדזערע שטריק און אף אונדזערע ביימער
מיר וועלן מיט אונדזערע הענט זיי נאָך הענגען.

צעוואלגערטע נעסטן. פארשפיגענע היימען,
פארבלוטיקטע שטעגלעך צו קוואָרים זיך שלענגלען.
זאָל ווערן פארשאָלטן, פארשאָלטן זאָל ווערן
די שיַין פון פרימאָרגן, וואָס האָט די גאזלאָנים
די וועגן באלויכטן, דער נאכטיקער שטערן
פארשאָלטן זאָל ווערן. ער האָט די גאזלאָנים
די וועגן באלויכטן. פארשאָלטן זאָל ווערן
די לופט פונעם פרילינג, וואָס האָט די גאזלאָנים
דעם אָטעם געפרישט און די לונגען צעבלאָזן,
און פרישקייַט געשאָנקען דעם רויבערשן פּאָנעם.

מיר קוקן אריַין אין די סעדער פון געטאָ,
עס בוקן זיך צווייַגן, עס הייבן זיך גראָזן,
עס מינען זיך בלימלעך, עס שפרייטן זיך בלעטער,
פארוואָס ווערט ניט ביטער די זאפט פון די פּיירעס?
זיי וואקסן פון דר׳ערד, וואָס איז בלוַיענדיק־ביטער.
פארוואָס שווייַגט דער הימל אין גרויל־נעכט פון גזיירעס?
פארוואָס לויפט דער דונער פארבייַ מיט זיַין קנאלן
און טרעפט ניט די קוילערס בא זייערע סודעס?
פארוואָס זאָלן בליצן אף קוילערס ניט פאלן
און שפליטערן קעפּ פון די קוילערס, ווי הרודעס?
פארוואָס זייַנען פּיירעס ניט גיפטיק, ווי סיבע?
פארוואָס זייַנען גראָזן ניט רויטע, נאָר גרינע?

ז

פאַרוואָס זײַנען פּיִרעס ניט גיפּטיק, ווי סינע?
פאַרוואָס זײַנען גראָזן ניט רויטע, נאָר גרינע?

דער הימל איז רויט שוין פון ערדישע פלאַמען,
און רויט איז די ערד שוין פון בלוט און פון בושע,
און רויט איז דער שוים אויף צעשויבערטע יאַמען,
וואָס האָבן ווי מענטשן פאַרלאָרן די רו שוין.
און רויט זײַנען ווונדן, וואָס בריִען און קויען,
פון בלוט זײַנען רויט שוין אַפילע די טויען,
אַפילע די רעגנס, וואָס פאַלן אויף פליינען,
און רויט זײַנען אויגן בײַ אונדזערע פרויען,
וואָס שטומען און קאָנען דעם בראָד ניט באַווייַנען.
מע דאַרף ניט קיין טרערן: פון טרערן ווערט גרינגער.
זאָל שווער זײַן, ווי שווער ס׳איז די לופט אין א בוינע,
זאָל שווער זײַן דער בלײַ, וועלכער לויפט פון די פינגער
אין נעסטן פון ביקסן, וואָס צילן אין סוינע.
זאָל שווער זײַן די קלאָלע, וואָס פאַלט אויף די סאָנים,
זאָל שווער זײַן דער פויסט, וואָס צעפּלעט די באַצווינגער,
זאָל שטאָלץ זײַן, זאָל שטאַרק זײַן באַם יאָסעם דאָס פּאָנעם,
מע דאַרף ניט קיין טרערן: פון טרערן ווערט גרינגער.
מײַן אורזיידע וואָלט די מאַלבושים צעריסן,
מיט אש זײַנע קרויזן באַקרוינט וואָלט מײַן זיידע,
און איך האָב געיאַרשנט דעם שטאָלצן געוויסן,
דעם אש און דעם טרויער פון ביידע, פון ביידע.
מײַן אורזיידע וואָלט אויף די שײַטערס געצאָרנט,
א שווערד אין די הענט וואָלט געגומען מײַן זיידע,
און איך האָב געיאַרשנט דורך טויזנטער יאָרן
די שווערד און דעם צאָרן פון ביידע, פון ביידע.

אזא דער געבאָט איז, אזא איז דער גורל:
צו שטאַרבן אַף נאָכאַמאָל ווערן געבוירן.

ח

אזא דער געבאָט איז, אזא איז דער גורל:
צו שטאַרבן אַף נאָכאַמאָל ווערן געבוירן.

דער נאָמען, וואָס קומט נאָכן טויט, איז נאָך העכער
פון דעם, וועלכער ברויזט שוין ניט אונטער קיין דעכער,
וואָס האָט זיך צעשיידט מיט דער ערד מיט דער האַרבער,
דער נאָמען, וואָס קומט נאָכן טויט שוין, פאַרגייט ניט.
עס שרעקן שוין מער ניט די נעגל פון שפּאַרבער,
דאָס זײַדענע וואָרקען פון טײַכעלע פרייט ניט,
איז וואָס? ס'איז פון מענטשלעכן אויג ניט באַהאַלטן
דער נאָמען, וואָס קומט נאָכן קיווער דעם קאַלטן,
וואָס רום איז זײַן היים, און די זון־שײַן זײַן טרוים איז,
דער נאָמען, וואָס לעבט שוין אין פרעמדע כאַלוימעס,
דער נאָמען, וואָס איז שוין א פּאָדעם געוואָרן
און ווערט ניט צעריסן אין שטורעמס פון יאָרן,
דער נאָמען, וואָס פלאַטערט אין זאַנגען פון רעגן,
אין זײַד פון די פּאָנען, אין שאָטנס אַף וועגן...
איך זע די געשטאַלטן. זיי קומען פון היילן,
זיי קומען דעם אומגליק פון געטאָ דערציילן,
זיי קומען מיט זייערע טרוימען זיך טיילן,
זיי קומען דעם וווּנדער פון געטאָ דערציילן.
און ווערטער מיט ווערטער אין טונקל זיך קניפּן,
איך הער יענע ווערטער אין הייך און אין נידער,
זיי פאַלן צו מיר אַף די אַקסל, ווי ברידער,
מיט נאַכט אַף די אויגן, מיט אַש אַף די ליפּן,
און דאָס איז דער אָנהייב פון אונדזער האַגאָדע:

געווען איז א וועלט דאָ, געלעבט האָט א שטאָט דאָ...
דער פרילינג איז אָקאָרשט די שוועלן אריבער,
א לינדער אפרעל האָט אין סעדער געשפרייט זיך,
און ס׳האָבן די פויגלען און גראָזן געפרייט זיך,
וואָס ס׳קומט שוין, ווי שטענדיק, דער פרילינג דער ליבער,
די זון איז א קאַלטע געהאנגען אין דרויסן
און קיינער באמערקט האָט, ווי זי איז פארגאנגען,
די פייסעך־נאכט איז שוין אף פענצטער געהאנגען,
ווי זי וואָלט א סאָד דאָ באהאַלטן א גרויסן.
געוואָלט האָבן סאָנים דעם סאָד זיך דערוויסן:
וואָס טוען עס יידן אין הויפּטשטאָט פון פוילן?
צי פּראווען זיי פּייסעך, צי גרייטן זיי קוילן
אין אָט־אָ דעם פערצעטן אָוונט פון ניסן?

...עס זײַנען זיך יידן בא טישן געזעסן,
פארזוכט פון כּארויסעס און מאָרער געגעסן.

די טאטעס די קלוגע אין קיטלען אין ווײַסע,
אין קרוינען אין שווארצע אף טראָגען געבעטע,
די זיידעס די גרײַזע, די מ׳לאָכים פון געטאָ
דערציילט האָבן ווידער די אוראַלטע מײַסע:
— געלעבט האָט א גאזלען אמאָל אין מיצראַים... —
און יידישע מאלקעס אין קליידער אין נײַע
געשוועבט האָבן גרינגע פון טישן צו טישן,
געשוועבט האָט פון הײַזער צו הײַזער א סאָד דאָ,
און ס׳זײַנען די ווערטער פון אלטער האגאָדע
געפאלן פארווונדעט אף ציכטיקע קישנס.

— „אוואָדים האָיִינו״ האָט ווידער געקלונגען —
מיר האָבן דאָס ברויט פון דער קנעכטשאפט געשלונגען.

פון ווינקל צו ווינקל, פון געסל צו געסל,
פון בוידעם צו בוידעם, פון קעלער צו קעלער
געשוועבט האָט א וואָר׳בונג — מע זאָל ניט פארגעסן.
עס קלינגען די קויסעס, עס קלינגען די טעלער,
ווי זיי וואָלטן וועלן באהאלטן, פארטויבן
די קאלטע גראנאטעס און בעטן פארבעטע,
די פראָסטיקע ביקסן, וואָס ווארטן אין געטאָ,
פארשטעקט פון די בליקן, וואָס טאפּן די שויבן.

„וואָדים האָיִנו״ — מיר האָבן די פרײַהײַט
געקויפט ניט פאר גאָלד, נאָר פאר לײדן און טרויער...
אין הײַזער איז טונקל. ס׳ווערט גרויער און גרויער
דער אָוונט, וואָס האָט ווי א וואָלף זיך פארטײַעט
לעם שוועל פון דער געטאָ, לעם פינצטערן טויער,
און הערט שוין דעם שאָרך פון פארבאָרגענע רײַטערס,
און זעט שוין די צונגען פון קינפטיקע שײַטערס.
וועט קומען א רעטער? וועט קומען א טרייסטער?
און אויב עס וועט קומען א נאָווי, ווי הייסט ער?

ט

וועט קומען א רעטער? וועט קומען א טרייסטער?
און אויב עס וועט קומען א נאָווי, ווי הייסט ער?

און אויב עס וועט קומען א רעטער, וואָס ווארט ער?
עס קוקן די מאמעס מיט אויגן מיט צארטע,
די טאטעס פון געטאָ דערציילן מיט ציטער,
ווי ס׳האָבן געוויינט און געפרייט זיך די זיידעס,
די יידישע אויסיעס זײַנען די איידעס

פון רעגעס, וואָס האָבן די דוירעס דערשיטערט.
און ס'שוועבן פאר אויגן מיט אומרו מיט נײַעם
די בלוטיקע טײַכן, די אוראַלטע כײַעס,
און ס'דוכט זיך, דער היישעריק טראָגט זיך פארבײַ דאָ;
און ס'דוכט זיך, עס קוואקען די פרעש שוין ניט ווײַט דאָ...

עס זײַנען די טונקעלע טירן שוין אָפן,
ווען קומען דער נאָווי? ווען קומען דער רעטער?
פונוואנען וועט קומען די הילף אין דער געטאָ —
פון מיזרעך? פון מײַרעוו? פון דאָרעם? פון צאָפן?
מע זאָגט „שפויך כאמאָסכאָ". אין פינצטערע ווינקלען
גראנאטעס און קוילן באהאלטענע פינקלען...
מע זיצט און מעווארט אפן רוף — דער ראַקעטע,
וואָס דארף אף א ווײַל נאָר א פלאם טאָן אין געטאָ...

עס זײַנען די טונקעלע טירן שוין אָפן,
און גרייט זײַנען גאסן דעם שטורעם פארנעמען,
און גרייט זײַנען ייִדן ארויס פון די קלעמען...
עס פלאמט די ראקעטע, נאָר וואָס האָט געטראָפן?
וואָס איז פאר א רײַטער די גאס דורכגעלאָפן,
די גאס פון דער געטאָ? די שרעקלעכע בסורע
איז גלײַך מיטן שאָס מיטן ערשטן געקומען
צום סיידער צום ערשטן, זי האָט ווי א שטורעם
בא אָפענע טירן די שוועלן פארנומען,
ארוף אף די טישן, ארײַן אין די אויגן
און טיף אין די הערצער מיט מוט זיך פארזויגן.

מ'האָט לאנג שוין פארענדיקט „אוואָדים האָיִינו",
מ'האָט לאנג שוין פארענדיקט. מע האלט שוין בא „הוידו".

מע קאָן שוין איצט קיינעם אין שטוב ניט געפינען,
עס הילכן די ווענט, און די הימלען זיך הוידען.
און די, וועלכע האָבן געכויזעקט, געשפּעט דאָ,
פאַרגוואַלדיקט, געהאַרגעט, — באַצאָלן איצט טײַער.
מע שיסט אַף דער געטאָ, און ס׳ענטפערט די געטאָ
אַף סינע מיט סינע, אַף פײַער מיט פײַער.

ד

מע שיסט אַף דער געטאָ, און ס׳ענטפערט די געטאָ
אַף סינע מיט סינע, אַף פײַער מיט פײַער.

עס האָבן זיך ביקסן מיט ביקסן צערעדט דאָ,
געשוימט האָט די געטאָ מיט סרייפעס מיט נײַע,
א פלאַם טוט א הייב זיך פון שוואַרצע פאַבריקן,
א פלאַם טוט א זעץ פון די שטיינערנע קוימענס,
און ס׳טראָגט זיך דער אופרײַס פון בריקל צו בריקל,
מע קוקט אַף די סרייפעס: ס׳איז ניט קיין כאַלוימעס,
דאָס האָבן די ייִדן א פײַער צעצונדן,
א פײַער, וואָס וועט פון דער ערד ניט פאַרשווונדן.

עס זײַנען געקומען די פרעמדע טעווטאָנען
צום סיידער צום ערשטן אַף ווידער דערמאָנען —
„וואָדים האָיִנו“... נאָר מ׳האָט זיי באַגעגנט
מיט בליצן און דונערס. מיט בלײַ האָט גערעגנט
אין וואַרשעווער געטאָ. פון קעלערס, פון גאַנקעס
זיי זײַנען אַרויס — די סטאָליאַרעס און שמידן.
די שטילע, די גוטע, די פּאָשעטע ייִדן,
מע האָט זיך געוואָרפן אַף ריזיקע טאַנקען
מיט מוירדישן מוט און מיט אײַזערנעם צאָרן.
די שנײַדער די יונגע מיט בלײַ אַף די אָרעמס,

די וואַרשעווער שוסטערס מיט מעסערס אין טאַשן,
און זקיינים אַפילו פון אַלקערלײַ שטילע —
זיי האָבן געטראָגן אין זעקלעך פון טפילין
דעם טויט פאַר די סאָנים, מיט פלאַמען געוואַשן
זיי האָבן די גאַסן, מיט סרייפעס געאַקערט
די ווילדע כאַיאָלעס, וואָס האָבן געהוליעט
אין בריסל, אין ניצע, אין פּראָג און אין קראָקע.
עס האָבן די דײַטשישע טאַנקען געפלאַקערט,
ווי ס'פלאַקערן טרוקענע סטויגן אין יולי,
זיי האָבן געמיינט, אַז זיי לויפן נאָך האָזן,
נאָך אַלטע באַזיגטע, פאַרקנעכטעטע שוואָטים.

נאָר דאָ האָבן אַנדערע ווינטן געבלאָזן,
מיט נעכט סטאַלינגראַדער האָט הייס דאָ געאָטעמט...
מיט פלאַמען געזעצט האָט פון יעטווידן ווינקל,
אַף יעטווידן טראָט האָבן מעסערס געפינקלט...
מיט בלײַ און מיט טויט האָט צעטײַנעט די וועלט זיך,
עס האָבן די יונגען אַף דעכער געשטעלט זיך,
ס'איז יעטווידער בוידעם אַ שוצפּונקט געוואָרן,
און יעטווידער הויף האָט געפײַערט מיט צאָרן,
און ווער ס'האָט קיין ביקס אין דער האַנט ניט געהאַלטן,
האָט באָמבעס געגרייט אַף צעשמעטערן בריקן,
פון טויט האָט זיך קיינער שוין מער ניט באַהאַלטן,
און ווער ס'האָט קיין מעסער אין האַנט ניט געהאַלטן,
האָט אייגענע נעגל אַף וואָרגן און שטיקן...

עס זײַנען געקומען די ווילדע טעוווטאָנען
מיט צלאָמים און שאַרבנס אַף זייערע פאָנען,
זיי האָבן געהאָפט, אַז דער וועג איז אַ גלאַטער,
און ווו נאָר זיי קומען — איז ציטער, און פלאַטער,

און קנעכטשאפט, און טרערן, און קינדער־געשרייען,
זיי זײַנען געקומען נאָך וואָלוו׳לע טראָפּייען,
נאָך שטילע קאָרבאָנעס, וואָס ליגן פארנורעט
און וואַרטן — דער טויט זאָל פון שאנד זיי באפרײַען...
נאָר ס׳האָט אין דער געטאָ געשטיגן דער שטורעם,
געשמעקט האָט מיט מאָסקווע און ניט מיט מיצראַיִם...
עס האָט „שפּויך כאַמאָסכאָ״ דער ווינט שוין געזאָגט איצט,
און ס׳האָבן שוין בלוטיקע טײַכן געיאָגט איצט,
עס האָבן פון ווייטעך די שטערן צעוויינט זיך,
און ס׳האָבן האַגאָדעס אַליין שוין געלייענט זיך...

. . . .

ווי ביטער די פּײַן איז פון נאָכגיביק־שוואַך זײַן,
אזוי איז זי זיס, אונגדזער קראַפט פון פאראכטן,
ווי ביטער, ווי פּײַנלעך איז שטויב אף א שליאַך זײַן,
פון אַלע געטראָטן אין פּרי, אין פארנאכטן,
ווי ביטער איז לעבן ווי קנעכט און זיך בויגן,
האַכנאָעדיק טראָגן די פּלייצעס געבויגן —
אזוי איז ער הייליק, דער אופקום אין שלאַכטן...
עס פאַלן די שטאָלענע כײַעס צעשמעטערט,
פון רויך און פון ווייטעך דער הימל איז גרוי שוין,
עס שיסן די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ,
וואָס שטייען ביז קני אין דעם בלוט פון די קדושים.

יאָ

עס שיסן די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ,
וואָס שטייען ביז קני אין דעם בלוט פון די קדושים.

עס פאַלן די דעכער ווי ליידיקע קוישן,
און כורוועס אף כורוועס, צערויבט און צעשמעטערט,

און וואַלגער זיך לייגן אַף בערגיקע וועגן,
און ס׳שטורעמט פון שטויב און פון שטיינער אַ רעגן.

און הויך איבער כורוועס און הויך איבער דעכער
די פאָן פון דער געטאָ אין פײַערן פלאַטערט,
אַ פײַנטלעכע קויל האָט זי דרײַ מאָל געלעכערט,
נאָר זי האָט איר מוט און איר כּיין ניט צעפּאַטערט
אין טעג פון ניסיוינעס. זי פלאַמט אין די הייכן,
דער ווײַ האָט איר נעכטיקן שטאָלץ ניט געבראָכן,
זי היט אירע וווּנדן ווי אייביקע צייכנס.
ווי צייכנס פון אומקום, פון צער און ניצאָכן,
זי פלאַטערט מיט רום פון די זיידעס און טאַטעס,
מיט גווורע פון זין און מיט זויבער פון טעכטער.

דרײַ וווּנדן שוין בריִען דאָס לײַב פונעם וועכטער,
וואָס נעמט ניט אַראָפּ פון דער פאָן זײַנע אויגן,
אים האָבן דרײַ וווּנדן צו דר׳ערד שוין געבויגן,
ער שטייט אָבער ווידער אַ שטאָלצער, אַ שלאַנקער,
ער שטייט, ווי אַ פעסטונג, וואָס ווייסט פון קיין וואַקל,
ער שטייט, ווי אַ שלאַכטמאַן — די פאָן איז זײַן פאַקל,
ער ציילט ניט דעם טראָט פון די לאַנגע מעסלעסן,
ער האָט שוין דעם טאַם פון אַ דרעמל פאַרגעסן,
צוויי טעג זײַנען שיקער פון דעמלט אַנטלאָפן,
ווען ס׳האָט אים די מאַמע געבראַכט עפּעס עסן...
האָט עפּשער אַ קויל שוין די מאַמע געטראָפן?
צוויי טעג, אַז ער זעט ניט דעם טאַטן אין געסל,
עס קומט ניט דער טאַטע, עס קומט ניט די מאַמע,
דער אומגליק האָט ביידע געפּאַקט שוין מיסטאַמע.

איצט שטייט ער אליין אפן הויכן באלקאָן דאָ,
ער שטייט, ווייל עס האָט אים די איידע געהייסן,
עס קומען שוין מער ניט די שוועסטער די בלאָנדע,
די ברידערלעך קומען שוין מער ניט. זיי ווייסן,
זיי ווייסן אוואדע, אוווּ ער געפינט זיך.

איצט שטייט ער אליין דאָ פארגרויט און פארפינצטערט.

דאָס ווארשעווער ייִנגל איז ניט צו דערקענען,
עס זייַנען שוין גרוי זייַנען ייִנגלשע לאָקן,
צעאקערט זייַן שטערן איז ווי בא א זאָקן,
און נאָר זייַנע אויגן אין פינצטערניש ברענען,
די אויערן הערן דאָס פייַפן פון קוילן,
דעם יאָמער, וואָס טראָגט זיך ארום איבער פוילן,
די אויערן הערן נאָר קרעכצן, וואָס רייצן
און בריִען און פאלן אף כורוועס דערוואָרגן,
די אויערן הערן נאָר שאָסן, וואָס קרייצן
דעם טונקל פון אָוונט, די בלוי פון פרימאָרגן.
מע רייַסט ניט קיין קריִע, מע זעט ניט קיין טרערן,
אין טרוקענע אויגן דער אָפשייַן פון שטערן,
מע זיצט ניט קיין שיווע. מע מאכט ניט קיין מאָלעס,
דאָס קאָל פון די ביקסן דאָס איינציקע קאָל איז
אין ווארשעווער געטאָ. נאָר וואָלקנס אין הימל
און רויכן אף ערדן זיך לאָזן אין גאָלעס.
אויס גאָלעס. אויס געטאָ. אויס שאנד און אויס שימל!

עס שיסן די געסלעך, די גערטענער שיסן,
עס שיסן די טישן, די בענק און די דילן,
און ריקעס פון גאסן צו גאסן שוין פליסן,
און ס׳מאָלן דאָס ברויט פון מילכאָמע די מילן...

אמאָליקע צײַטן אין שלאכט מיטן סוינע
פלעגט עמעצער פרווון זײַן לעבן נאָך שוינען,
אמאָל פלעגט אין הערצער נאָך קומען די מוירע,
אמאָל פלעגט דער פאכעד זיך שפיגלען אין אויגן,
דער טויט פלעגט די שרעק אין די הערצער געבוירן.
און ס׳פלעגט די האכנאָע די מוטיקײַט בויגן...

ניטאָ אזא שרעק, וואָס זאָל שלאבעריק מאכן
דאָס הארץ און די האנט פונעם װארשעווער ייִנגל,
ווען ס׳פליִען אין אָפגרונט אפילע די שליאכן,
וואָלט ער דאָ געבליבן. ס׳קאָן קיינער ניט צווינגען
אָט דאָ מיטן אויצער דעם גרעסטן זיך שיידן.
ער שטייט, ווי א דענקמאָל, פון שטיין א געטאָקטער,
דעם שטאָלץ און דעם וויי פון א דאָר איצטער טראָגט ער,
דער יונג מיטן זילבערנעם קאָפּ פון א זיידן.
ער שטייט, ווי א דענקמאָל, און קוקט אין דעם מאָרגן,
וואָס ליגט נאָך אין כאשכעס פון צוקונפט פארבאָרגן.

יב

ער שטייט, ווי א דענקמאָל, און קוקט אין דעם מאָרגן,
וואָס ליגט נאָך אין כאשכעס פון צוקונפט פארבאָרגן.

מיט נעפלען באלאגערט, מיט ספייקעס פארלאָפן,
געבענטשט איז דאָס מענטשלעכע אויג, ווען ס׳איז אָפן
און זעט אין דעם שווינדל פון קאָכיקע שאָען
דאָס רויִקע שווימען פון שפעטערע יאָרן,
וואָס זעט דורך די פליגל פון נאכטישע קראָען
די פאסיקלעך הימל, וואָס נעמען שוין קלאָרן;
געבענטשט איז דאָס מענטשלעכע אויג, ווען ס׳איז אָפן

און זעט אויך די צייַטן, וואָס זייַנען פאַרלאָפן.
עס זייַנען די געטאָס פאַרכאָלעמט געלעגן,
פאַרשלייַדערט פון ברייטע, פון ליכטיקע וועגן,
ווי ערגעץ אַף טייַכן פאַרבלאָנדזשעטע פליטן,
אזוי זייַנען געטאָס אין אָוואר געלעגן.
עס פלעגן די וועלף אין זיי שארפן די נעגל,
דער טויט פלעגט זיי פעסטען, די נאכט פלעגט זיי היטן.

די שאנד איז אין פריילינגס געוועזן זייער רעגן,
די שאנד האָט אין ווינטערס דעם שניי זיי פאַרביטן.

אמאָל נאָך פלעגט קומען א בליץ אָן א דונער,
אמאָל נאָך פלעגט קומען א שטראל אָן דער זון נאָר,
א שטראל פלעגט א בליץ טאָן אין כוישעך אין בלינדן,
אמאָל נאָך פלעגט פינקלען א שווערד, נאָר אָן שארפן,
אמאָל נאָך פלעגט קומען א ריז און זיך ווארפן
אין טהאָמען פון דוירעס אַף שוין ניט פאַרשווינדן.
א דימענטן־שלייַפער פון האָלאנד פון ווייַטן,
פון רייַן א באנקיר מיט א ליידיקן בייַטל,
פון פינצטערן קעלער פלעגט קומען א גאָען,
א לויכט טאָן און פאלן אַף שפּייַז פאר די קראָען,
א שמיד, וואָס האָט קיינמאָל זייַן קאָפּ ניט געבויגן,
א בעטלער מיט קלאָרע נעוויִישע אויגן,
א פאסטעך — א זינגער פון ליבע און צאָרן,
א שלעפער, וואָס איז א מאָשיִעך געוואָרן,
א יִדישער גאזלען — א קאפצן, אָן אוישער
אין וועלדער פאָלעסיער. אין נעסטן פון כוישעך
איז לויטער געוואָרן פון ליכט און פון גווורע,
און ווייַט האָט דאָס ליכט איבער לענדער געשפרייט זיך,
נאָר ס'האָט מיט די גופים די גווורע געשיידט זיך.

און גיך האָט די געטאָ די אויגן פֿארזשמורעט
און ווידער געקניט פֿאר דער אלטער פֿרינצעסן,
דער נויט — דער פֿארשאָלטענער בייַטש פֿון די יאָרן,
און ווידער געשלונגען פֿון ליידן דעם צאָרן,
און ווידער דאָס ברויט פֿון האכנאָע געגעסן.

אזוי איז געווען אין די טעג פֿון פֿארצייַטן,
נאָר מענטשן זיך בייַטן און צייַטן זיך בייַטן...

מע שיסט פֿון דער געטאָ. און ס'טראָגן זיך פֿלאמען,
ווי בסורעס פֿון אומקום, פֿון טויט און פֿון ווונדער,
עס טראָגן זיך פֿלאמען דורך דוירעס באוווּנדערט,
ווי שטאָלצע שעלוכים אין בלוט־רויטן סאמעט.
צום יאָמטעוו פֿון פֿרייַהייַט מע שפּאנט ניט באזונדער —
אין גליק און אין אומגליק קאָן קיינער ניט שיידן
די העלדן. דעם אייניק, דעם זון און דעם זיידן...
עס טראָגן זיך העלדן, באקרוינטע מיט פֿלאמען,
איז ווער קאָן זיי איצט שוין די וועגן פֿארצאמען?

יג

עס טראָגן זיך העלדן, באקרוינטע מיט פֿלאמען,
איז ווער קאָן זיי איצט שוין די וועגן פֿארצאמען?

ווּהין איז דער וועג איצט? צום טויער פֿון פֿרייַהייַט?
צום שמאָלן און פֿינצטערן טירל פֿון קייווער?
מע שפּאנט און מע פֿרעגט ניט. מ'איז שטיל און פֿארטייַעט.
אמאָל נאָר אין גאנג טוט א שטילן געשריי ווער.
מע שפּאנט און מע רעדט ניט. אין נאכט שעמערירן
די קנעפּ אף די דייַטשישע נייַע מונדירן,
און ס'קלאפּן די דייַטשישע שווערע אָפּצאסן
אין טויבע פֿארווּנדעטע ווארשעווער גאסן.

די נאכט אַף די דעכער און טרעפּ אַ צעפּליקטע,
און יעטווידער שאָס טוט אַ שניט, ווי אַ מעסער.
וווהין איז דער וועג איצט? אַ פינצטערער ליגט ער
און פירט צו דער טפּיסע מיט ריזיקע שלעסער.

דער „פּאוויאַק״ שטייט אין דער נאכט אַ פאַרקלערטער,
ער שטייט, ווי אַ ספינקס, אַ פאַרטרוימטער, אַ שטומער,
די ווענט זײַנע היטן פאַרלאָרענע ווערטער,
ווי לעצטע סימאָנים פון מענטשלעכן זומער,
פון זומער, פון האַרבסט און פון פרילינגן פריִע,
פון מוטיקן „זײַ־געזונט״ ערעוו דער טליִע...

אַ שאָס האָט די לופט אַ פאַרסאַמטע צעריסן.
אַ צווייטער... אַ דריטער... עס קרייצן זיך קוילן,
און רויכן מיט רויכן לעם טפּיסע זיך קנוילן,
אָט האָט שוין צעפּראַלט זיך דער טויער פון טפּיסע...
מונדירן, מונדירן, מונדירן, מונדירן,
עס גרילצן די שטײַגן, עס קלאַפּן די טירן...
די שלוכים פון געטאָ אין דײַטשע מונדירן,
די וועכטער — זיי פּלאַצן, די וועכטער קראַפּירן.

מונדירן, מונדירן, מונדירן, מונדירן.
די געסט פון דער געטאָ אין דײַטשע מונדירן,
און אַלע „פאַרברעכער״ אין דײַטשע מונדירן,
דערריקער איז שיסן. קיין צײַט ניט פאַרלירן.
ס׳איז גוט, וואָס עס לעבט נאָך אַ נאכט אַף דער וועלט דאָ.
עס דוכט, אַז די נאכט האָט אַליין זיך פאַרשטעלט דאָ.
און שלעפּט אַ מונדיר איבער שליאַך אַ נײַעם
אַף העלפן די העלדן פון טפּיסע באַפרײַען.

עס גייט א גראנגל. פון וועמען מיט וועמען?
מע קלינגט אין די שטאבן, עס רוישט ווי אין געגעם
מיט שמאָלינקע סטעזשקעס. מע יאָגט זיך פונדאנען.
מע יאָגט זיך אהערצו מיט שליאכן מיט ברייטע.
א גאס ניט קיין גאס איז — א פעלד מיט קורגאנען.
עס טראָגן זיך שאָטנס מיט קאמערס צעשיידטע.
דער וועג פירט אין געטאָ. באפרײַטע פאָליאקן,
און ייִדן באפרײַטע. מע טראָגט זיך איניינעם,
די טירן די לעצטע די העק שוין צעהאקן,
און פוסט ווערט די טפיסע. אף בלוטיקע שטיינער
עס ליגן די וועכטער. די אויגן פארשלאָסן.
און רײַך ווערט די געטאָ מיט נײַע סאָלדאטן,
עס וואקלט זיך װארשע פון גוואלדן און שאָסן
פון טאנקען, וואָס ברענען פון דולע הארמאטן,
פון סרייפעס, וואָס הודען און בײַטשן און קנאלן,
פון גוורע, וואָס רײַסט אין די געטאָ־קווארטאלן.
און הויך, אפן דאך פון דער טפיסע, באנאכט דאָ
די פאָן פון דער געטאָ וואקסט אויס א דערוואכטע.
זי פלאקערט און וויגט אין דער פינצטערער נאכט זיך,
און ס'דוכט, אז דאָס װארשעווער ייִנגל באוואכט זי...

— נעקאָמע! איין וווּנטש גליט אין אונדזערע שארבנס,
איין טרוים נאָר — די פאָן פונעם פאָלק זאָל ניט שטארבן.

יד

— נעקאָמע! איין וווּנטש נאָר אין אונדזערע שארבנס,
איין טרוים נאָר — די פאָן פונעם פאָלק זאָל ניט שטארבן.

די שאָטנס פון געטאָ — זיי שווײַגן, זיי שוועבן,
זיי ווילן ניט שטארבן און קאָנען ניט לעבן.

א היים איז די אָרעמע נאַקעטע וועלט זיי,
די וועלט און דער מענטשלעכער שוואַכער זיקאָרן,
דאָס פּלאַמיקע, קאָכיקע שלאַכטפעלד נאָר פעלט זיי,
זיי האָבן אין שלאַכט דאָס געווער גיט פאַרלאָרן,
זיי קומען באַנאַכט, און זיי וועקן און רופן,
זיי קומען ווי טוישווים, זיי קומען ווי שכיינים,

זיי האָבן אין וואַרשע פאַרלאָרן די גופים,
און ס׳דוכט זיך, זיי זײַנען שוין אַלע אַלציינע,
דער שויכעט מיט גילדענע פייעס ווי רענדלעך,
דער בעטלער, וואָס פלעגט מיט א טאָרבע זיך שלעפּן,
דער דיכטער מיט טרוימען, וואָס זײַנען אומענדלעך,
די באָבע מיט שפּיזלעך אַף הילצערנעם טרעפּל,
דאָס ייִנגל מיט פרייליכע בסורעס פון כיידער,
די קאַלע אין ווײַסע, אין זויבערע קליידער...
די שאָטנס פון געטאָ באַגלייטן מיך שטילע,
ס׳טראָגט איינער א קלאָלע אין אויגן צעשטראַלטע,
דער צווייטער — א בענטשונג, דער דריטער — א טפילע,
דער פערטער — א האָפּ׳נונג אַף ליפּן אַף קאַלטע...

און ווי איך פאַרלאָז נאָר די געטאָ די טויטע,
קומט ווידער דאָס וואַרשעווער ייִנגל צו לויפן —
א שאָטן — אַף שליאַכן פאַרלאָזטע, פאַרגרויטע,
ער שלעפּט מיך צוריק צו די וואַרשעווער הויפן,
און קום איך צוריק אין דער געטאָ, אַנטשטייט ער
פון כורוועס און אַש פון צעריסענעם פּוילן,
א פולער מיט לעבן, צו שלאַכטן א גרייטער,
אַף דעכער אַף הויכע א מונטערער שטייט ער,
ווי מ׳האָט אים אין אָנהייב פון אופשטאַנד באַפוילן.

איך קוק אף זײַן הויכקײַט און פֿיל זיך דערהויבן,
עס הייבט אונדז דאָך ביידע איין מוט און איין גלויבן,
איך קוק אף זײַן הויכקײַט און פֿיל זיך דערשלאָגן
פֿאַר דעם, וואָס עס טליִען נאָך נישטיקע פּלאָגן,
פֿאַר דריבנינקע טרוימען, וואָס קומען נאָך זעלטן
פֿון אַלטע פֿאַרגאַנגענע נישטיקע וועלטן...

איך גיי נאָך שפּאַצירן. איך זינדיק, איך שמייכל,
איך בין נאָך מעקאַנע מײַן פֿרײַנט, וואָס איז פֿריילעך,
איך וויל נאָך, מײַן נאָרע זאָל ווערן א הייכל.

די בליקן פֿון אומפֿרײַנט פֿון נישטיקע צייל איך,
איך צייל נאָך די שטעך פֿון די נאָדלען, ווען שווערדן
פֿון סאָנים פֿון גרויסע אין בלוט מײַנס זיך שווענקען,
איך לײַד נאָך פֿון קרענקלעכן קליינלעכן בענקען
נאָך ווײַסקײַט פֿון קישנס. וואָס שווײַגן די ערדן?
ווי קאָנען זיי טראָגן דעם אומגליק דעם גרויסן,
די טליִעס, די קוואָרים, די שטומע געשרייען,
דעם זומערס צעשאָסענעם בלוטיקן דרויסן,
דעם ווינטערס צעטראָטענע בלוטיקע שנייען?
וואָס שווײַגן די שלאַקסרעגנס אַלע, וואָס שווײַגן,
וואָס קומען זיי ניט ווי א מאַבל פֿאַרשווענקען
די הערצער די זאַטע, וואָס ליגן אין שטײַגן
מיט זייער פֿאַרוויאַנעטן קליינלעכן בענקען?

וואָס שווײַגסטו, וואָס רעדסטו ניט, וואַרשעווער ייִנגל?..
איך זוך דײַנע אויגן, וואָס קוועלן ווי גינגאָלד,

וואָס ציט דיך צוריק צו דעם בערגל דעם קאַלטן.
ווער ליגט דאָרט אין קייווער אין פּײַכטן באַהאַלטן?

דו ביסט נאָך באפליגלט מיט פליגל מיט גרינגע,
וואָס שטייסטו, וואָס גליוועסטו, וואַרשעווער ייִנגל?
דו ווייסט אלע לידער, וואָס וואַרשע פלעגט זינגען,
וואָס שטייסטו, וואָס גליוועסטו, וואַרשעווער ייִנגל?
דו קענסט אלע סעדער, וואָס האָבן געבליט דאָ,
דו ווייסט אלע סוידעס, וואָס וואַרשע פאַרהיט דאָ.
שטיי אוף! הער, עס שאלט שוין דער אויסלייזונג־האָרן,
דו דאַרפסט ניט קיין מיטע, דו דאַרפסט ניט קיין אָרן.
קום דורכגייען ווידער די וועגן די לאַנגע,
ווו דו ביסט אמאָל אזא שיינער געגאַנגען,
קום ווידער אַרוף אפן מויער דעם הויכן,
קום הייבן די פאָן איבער סרייפעס און רויכן.
שטיי אוף! ס׳קאָן ניט זײַן, אז אין טעג פון ניצאָכן
זאָלסטו בא די טישן די ברייטע ניט זיצן,
דײַן טרוים ווי א צווייַגל זאָל ליגן צעבראָכן,
דײַן יוגנט זאָל אף די יאָמטויווים ניט בליצן.
איז ווער וועט פאַרבײַטן די טאַטעס, די זיידעס,
און ווער וועט די לוכעס פון יוישער דערטראָגן?
דער מישפעט איז נאָענט, און דו ביסט דער איידעס,
און דו ביסט א שויפעט. די שאָ האָט געשלאָגן.

טו

דער מישפעט איז נאָענט, און דו ביסט דער איידעס,
און דו ביסט א שויפעט. די שאָ האָט געשלאָגן.

וואָס שווײַגסטו? וואָס שווײַגט איר? אויב איר וועט ניט זאָגן,
איז ווער וועט דערציילן דעם סאָף פון אן איידע,

וואָס איז מיט איר ליכטיקן אומקום געוואָרן
א שטערן א נייער אַף הימלישע קלאָרן?
וואָס שווייגסטו? וואָס רעדסטו ניט, וואַרשעווער יינגל?
די וועלט האָט דאָך שפּראַכן באַשאַפן אַזויפיל.
איך ווייס: דיינע ווערטער, וואָס פליגן ווי גינגאָלד
צעשפּילן זיך, פלאַטערן, פיבערן, לויפן, —
זיי זיינען אין קלעמען, זיי זיינען אין צוואַנגען,
און עפּשער האָט אויך זיי דער טאַליען געהאַנגען?

די וועלט האָט דאָך שפּראַכן אַזויפיל באַשאַפן,
און ס'טרעפט, אַז אין וואַכיקן שלעף פון די וואַכן
די שטומקייט פון שיפן פון טויטע בא האַפנס
רעדט מער, ווי דער שטורעם, וואָס האָט זיי צעבראָכן,
עס טרעפט, אַז א האַרבסטיקער גאָרטן אין דרעמל
מיט שטילער, מיט גאָלדענער בענקשאַפט באַרעמלט,
רעדט מער פון א רוישיקן טייך פון א שרייער,
א ביסעלע אַש אַף פאַרבראָכענע פינגער
רעדט שטאַרקער אַמאָל, ווי דאָס ברוזיקע פייער.

וואָס שווייגסטו, וואָס רעדסטו ניט, וואַרשעווער יינגל?
דו ווייסט דיינע סודעס פון מיר ניט באַהאַלטן,
כ'וועל לויפן אין וואַרשעווער סעדער אין אַלטע,
אין סעדער מיט שטעכיקע דראָטן באַרינגלט,
ווו זיינען די סעדער? עס ציִען זיך טליִעס
און מענטשן, און מענטשן מיט בלייענע וויִעס,
מיט גלעזערנע אויגן... די וואַרשעווער סעדער...

עס הענגען באַנאַנד דאָ דער ראָוו און דער בעדער,
דער אוישער, דער בעטלער, די שנור און די שוויגער,
זיי זיינען ווי געסט פון א וועלט א ניט היגער.

זיי העגגען און קוקן, זיי הענגען און שטומען,
זיי הענגען און ווארטן, דער קאברען זאָל קומען,
נאָר ס׳קומט ניט דער קאברען, ער הענגט אַף א דעמבל,
און ס׳שיט זיך די ערד פון זייַן כאקענעם העמדל.
אָט שטייט אינעם שאָטן א בוים א צעשפרייטער,
א ייִד מיט א זילבערנער באָרד מיט א ברייטער,
א שפּיץ פון דער באָרד אין די ציינער פארביסן,
דעם זילבערנעם קאָפּ צו דעם הימל פאריסן —
די אויגן פארגליווערט. די הענט אַף די לענדן,
די ליפּן צו ערד און צום הימל זיך ווענדן,
ווי ס׳וואָלט זיך זיי וועלן א סאָד צו פארטרויען
דעם נאָענטסטן שאָכן, דעם שווייַגער דעם גרויען —
דעם גרויסן בונטאר און דעם קאפּצן דעם גרויסן,
וואָס וויגט זיך א שטילער. און ס׳רוישן די שטאנגען:
דער פּייַנט האָט געטייט און געהאנגען אָן אויסנאם.
ווען פערעץ זאָל לעבן, וואָלט פערעץ געהאנגען.
ווען דאָס איז א כאָלעם, וואָלט ער זיך צעריגען,
אין ווארשעווער סעדער איר קאָנט אים געפינען,
דעם כאָלעם דעם וויסטן. זיי הענגען אַף שטאנגען,
ס׳טראָגט איינער א שוסטעריש רעקל מיט לאטעס,
דער צווייטער — א שווארצע קאפּאָטע א לאנגע,
ווי אונדזערע זיידעס, ווי אונדזערע טאטעס;
ס׳טייַט איינער מיט גראָבע, מיט שוסטערשע פינגער,
דער צווייטער — מיט פינגער אַף מישן די ספאָרים,
ס׳זוכט איינער אין צווייטן א האָפ׳נונג, א גלויבן,
וואָס זאָל אונדזער אלעמענס אומגליק פארטויבן.
זיי האָבן די טויטע געדופן פון קוואָרים
צום אופשטאנד אין שלאכט קעגן שיידים־באצווינגער,
און ווען מ׳האָט אין ווארשעווער געטאָ געשאָסן,
האָט אויך זייער שטומקייַט אין שלאכט זיך געגאָרנט...

איז זאָל זיי דער טויט פון דער ערד ניט פארשטויסן,
און זאָלן זיי הויך זײַן אין פאָלק אינעם גרויסן.

טז

איז זאָל זיי דער טויט פון דער ערד ניט פארשטויסן,
און זאָלן זיי הויך זײַן אין פאָלק אינעם גרויסן.

אָט דאָס איז דער קיִווער. דאָ ליגן זיי אַלע:
דער טאטע, די מאמע, דער כאָסן, די קאַלע.
די פרײַנט און די סאָנים — זיי ליגן אינײנעם,
זיי ליגן ווי גלײַכע, זיי ליגן ווי שכײנים,
און ס׳דארף שוין דאָ קיינער בא קיינעם ניט באָרגן,
און ס׳דארף שוין דאָ קיינער פאר קיינעם ניט זאָרגן.
די ערד האָט פארגלײַכט זיי, מע ליגט דאָ אַלציינע:
דאָס קינד פונעם וויגל, די גרײַז־גרויע זקיינע,
דער נאר און דער כאָכעם, דער דאָקטער, דער כוילע —
זיי ליגן דאָ אַלע געלעסטערט, געקוילעט.
דאָס בלוט זייערס קאָכט איבער גאסן געפלעטע,
דער מארך ליגט צעטראָטן אף כורוועס פון געטאָ.

דער מענטשלעכער מויעך מיט ערד א פארמישטער,
די פרוכט זײַנע פלעגן די אויצרעס פארמערן,
ער ליגט דאָ א טויטער — דאָס ווילדגראָז דערפרישט ער,
באשערט איז אים טרוקענע זאנגען דערנערן
ווי מיסט, וואָס מע האָט אף די פעלדער פארלאָרן,
ווי הני, וואָס מע ברענגט אף צו שפּײַזן דאָס קאָרן...

ער שפּרייט זיך אף כאָרעווע וועגט א צעשפּריצטער,
אף גאנ׳קעס — די שפּורן, אף טרעפּ — זײַנע טראָפּנס,

אין נעכט אף די שטערן די זילבערנע בליצט ער
און שטומט אף די קישנס בא מערדער צוקאָפּנס...
דער מארך פון די מענטשן — אף שוימיקע פלאמען,
אף פלעצער פון רוים און אף גאסן מאדרידער,
אף ברעגן פון ריין און אין רויך אמסטערדאמער,
עס הייבט זיך זיין גייסט מיט די פלאמען געברידערט...
עס האָבן אים ראָצכים אף שפּיזן געטראָגן,
זיין קראפּט האָבן ראָצכים אף טליִעס געוואָרגן,
און ער האָט געבראָדיעט פון וואָגל צו וואָגל,
פון וויגל צו וויגל, פון מאָרגן צו מאָרגן...

דער מענטשלעכער מארך איבער וועגט א צעשפּריצטער,
דורך יאָרן, דורך דוירעס אין דימענטן בליצט ער,

מע טרעט אים ווי זאמד, נאָר זיין אומרו מע צערטלט,
ווי גילדענע אויצרעס מע היט אים, מע כאָוועט,
מע קושט אים, מע קרוינט אים מיט רום און מיט קאָוועד,
מע האקט אים מיט העק און אף פלעצער מע פערטלט,
מע האלט אים אין סייפן, מע פאָרשט אים, מע פרישט אים,
מע וויקלט אין זון אים, מע וויקלט אין ווינט אים,
מע טאנצט אף זיין אש ווי די רויבער, די פלישטים,
מע זעצט אים אף טראָגנעך, מע ווארפט פאר די הינט אים.
. . . .
. . . .
די שאָטנס די שטאָלצע פון ווארשעווער געטאָ —
זיי לעבן אין אונדז מיטן בראָך, מיטן ווייטעק,
און ניט ווי קיין נעפּלען אין רויִקע שניי־טעג,
און ניט ווי קיין בליצן אף הארבסטיקע בלעטער,

און ניט ווי קיין ספינקסן פון שטיינער געזעסן —
זיי לעבן ווי שפּורן פון גנאָד און פון כעסעד,
ווי פּונקען, וואָס וועלן פאַרלאָשן ניט ווערן,
ווי פּאַנצערס געוועבטע פון מוט און פון טרערן.
פון שײַטערס דער רויך זייער אייביקער דאַך איז,
נעקאָמע פאַר פּײַן — זייער פינצטערער נאַכעס...

יז

פון שײַטערס דער רויך זייער אייביקער דאַך איז,
נעקאָמע פאַר פּײַן — זייער פינצטערער נאַכעס.

עס שפּרייט זיך די נאַכט, ווי א ריזיקע מיטע,
נאָר ס'בלענדן אַף גאַסן נאָך בליצן צעגליטע,
און ס'הילכן נאָך שאָסן אין געסלעך געשמידטע,
און ס'ענטפערן שאָסן אין געטאָ פון ליטע.
און ס'ענטפערן שאָסן פון וועלדער פּאַלעסיער,
פון בערג יוגאָסלאַווער, פון גריכישע ערדן,
די גאַסן פון ריגע — ווי בליציקע מעסערס,
די ראָגן פון פּראָג — ווי די שפּיצן פון שווערדן,
און ס'לויכט איבער אַלע דער רום און די גווורע
פון שלאַכט אַף דער וואָלגע, פון רוסלאַנדס באַגנעטן,
פון יענעם געבענטשטן און שלאַקסיקן שטורעם,
וואָס קומט נאָכן שניטער אין זומער אין שפּעטן...

די שאָטנס פון געטאָ — זיי בלאָנקען ווי שניטער,
ווי שניטער, פאַרשניטן אין גרויסן געוויטער,
זיי בלאָנקען און ווייסן: דער טויט איז א ליגן.
פאַרויס גייט א זאָקן, דער קאָפּ דער געניטער.

דאָס וואָרט פונעם זאָקן איז הייליק געוואָרן.
געזאָגט האָט דער זאָקן: — אויב בלייַבן וועט הונדערט,
זאָל ברענען אין הונדערט פון דורעס דער צאָרן,
און ווער ס׳וועט נאָר בלייַבן פון זיי אָפּגעזונדערט,
פאַרשאָלטן זאָל ווערן אויף אייביקע יאָרן.

— אויב בלייַבן וועט פופציק, — געזאָגט האָט דער זאָקן, —
זאָל פלאַמען אין פופציק פון דורעס די סינע,
דער קאַמף זאָל ניט שטילן אויף טרעפּ און אויף שטאָקן,
אין קעלערס, אויף שוועלן, אויף דעכער אויף גרינע,
און אויב ס׳וועט א צענדליק פאַרבלייַבן אינגאַנצן,
פון וואַרשעווער ייִשעוו א צענדליק אינגאַנצן,
פון פוילישע ייִדן א צענדליק אינגאַנצן,
פון ייִדישן שטאַם נאָר א צענדליק אינגאַנצן,
זאָל דעמלט דער מיניען מיט קראַפט אין די אָרעמס
ניט קומען די קוואָרים מיט זיפצן באַקראַנצן,
זאָל דעמלט דער מיניען אויף אונדזערע קוואָרים
ניט קומען קיין טרערן קיין הייסע פאַרגיסן.
אויב ס׳וועט נאָר א צענדליק אינגאַנצן פאַרבלייַבן,
זאָל גליִען פון דורעס אין זיי דער געוויסן,
און זאָל דער געוויסן פון דורעס זיי טרייַבן
אין בייזע געשלעגן, אין לעצטע געשלעגן.
און אויב ס׳וועט אין זייערע ייִדישע נעגל
אייך קוילער כאָטש פאַלן דערשטיקט און דערוואָרגן
און וועט ניט דערלעבן דעם אופגאַנג פון מאָרגן,
וועל איך אינעם קיוועך די זין מייַנע בענטשן,
די בראָכע פון גאָט און די בראָכע פון מענטשן
זאָל לויכטן אין זייערע הייליקע נעמען.
און אויב ס׳וועט פון פייַער, פון שלאַכט און פון קלעמען
זיך ראַטעווען אייגער... אייך ייִד וועט פאַרבלייַבן,

טאָ זאָל ער דעם אומגליק פֿאַר דוירעס באַשרײַבן...
דורך פֿלאַמען געפּענטעט, דורך רויבער באַרינגלט,
געבליבן איז איינער — דאָס וואַרשעווער ייִנגל.

יח

דורך פֿלאַמען געפּענטעט, דורך רויבער באַרינגלט,
געבליבן איז איינער — דאָס וואַרשעווער ייִנגל.
אָט דאָ ערשט ניט לאַנג, אױפֿן וועג דעם באַניַיטן,
ער פֿלעגט מיט די ייִנגלעך אױף בעזעמער רײַטן,
אױף שטומע, אױף הילצערנע פֿערדלעך זיך טראָגן,
זיי פֿלעגן מיט הילצערנע שווערדלעך זיך שלאָגן,
און שפּרינגען און זינגען אױף שטויביקע וועגן,
זיי האָבן געטרוימט וועגן גרויסע געשלעגן
מיט עמעסע ביקסן און עמעסע שפּיזן,
ווי עמעסע גרויסע סאָלדאַטן, ווי ריזן...
ווי גיך האָט די פֿריילעכע שפּיל זיך געענדיקט,
ווי גיך איז די גאָלדענע קינדהײַט אַנטלאָפֿן,
זײַן יוגנט האָט אים אױפֿן שיידוועג געטראָפֿן
און האָט אים געבענטשט מיט איר אומזין, ווי שטענדיק,
וואָס האָט ניט קיין אָנהייב און האָט ניט קיין סאָפֿן...

עס ציִען זיך טעג ווי כאַדאָשים, ווי יאָרן,
ער איז פֿאַר דער צײַט שוין אַ יאָסעם געוואָרן
און ווייסט נאָך אַליין ניט, אַז ער איז שוין איינער,
אַז ער איז אַליין נאָר, פֿון שטאַם אָפּגעריסן,
אַז קומען צו אים וועט שוין קיינער ניט, קיינער,

אז ער איז די קראפּט און דער ריינער געוויסן
פֿון זיידעס און טאַטעס, וואָס האָבן פֿאַרטרויט אים
אַזוינס, וואָס עס דראָעט ניט אַפֿילו דער טויט דעם...
ער שטייט, מ׳האָט דריי טעג ניט געבראַכט שוין קיין ברויט
אים...
ניט ברייט און ניט ווײַט איז דער וועג צו דעם טויער,
ווו ס׳איז נאָך געבליבן אַ זייכער פֿון לעבן:
די פֿאָן און דאָס ייִנגל. ס׳ווערט גרויער און גרויער
דער קאָפּ בײַ דעם ייִנגל. מ׳האָט נעכטן זײַן רעבן
אויף פּיקעס געטראָגן. איין אָוונט אין שיינעם
ווערט גרויער די פֿאָן מיטן ייִנגל אינאיינעם...
עס ליגן די העלדן אויף טרעפּ און אויף שוועלן,
אין אַלקערס, אין קיכן זיי ליגן צעצויגן
און קוקן מיט קאַלטע פֿאַרגלייווערטע אויגן,
און ס׳טראָגן זיך דײַטשן און פֿילדערן, קוועלן,
זיי פֿליִען צום שטאַק צו דעם העכסטן, ווו ס׳ווייט נאָך
די פֿאָן און דער וועכטער דער נעכטיקער שטייט נאָך...

אויף גאַרנס פֿאַרבלוטיקטע הילכן אָפּצאַסן,
און ס׳פֿלאַטערט די פֿאָן לעם דעם ייִנגל דעם בלאַסן.
וואָס האָט ער נאָך איצטער? וואָס קאָן ער פֿאַרלירן?
צוויי קוילן פֿאַרמאָגט ער בלויז פֿלינקע און גרייטע:
איין קויל פֿאַרן סוינע, פֿאַר וועמען די צווייטע?
ער האָט שוין באַשלאָסן. מע קלאַפּט אין די טירן,
די טירן פֿאַרזיגלט, פֿאַרקייטלט, פֿאַרשלאָסן.
ער זעט, ווי צוויי שיידים זיך טראָגן פֿאַרבײַ דאָ,
אָט דאָרט אויף דער ערד, ווו זײַן בלוט האָט געפֿלאָסן,
צוויי שיידים באַקוקן די לעצטע געבײַדע —
די פֿעסטונג די לעצטע פֿון וואַרשעווער געטאָ.

צוויי דײַטשן פארהייבן די שווארצע פּיסטוילן
צו זון־שטראלן לעצטע, צו וואָלקנס צו שפּעטע,
צום גרויליקן, פּראָסטיקן הימל פון פוילן,
און ביידע אין פאָן פון דער געטאָ זיי צילן
און טייטן דאָס ווארשעווער ייִנגל זיי ווילן.

וואָס האָט ער נאָך איצטער? וואָס קאָן ער פארלירן?
צוויי קוילן פארמאָגט ער געשיקטע און גרייטע.
עס קלאַפּן אָפּצאסן, מע שיסט אין די טירן.
וואָס האָט ער נאָך איצטער? די פאָן די צעווייטע,
וואָס ער איז איר איינציקער וועכטער געבליבן.
וואָס האָט ער נאָך איצטער? עס ציטערט דאָס שטיבל.
א שאָס, און א צווייטער, און ס'קערן זיך איבער
די דײַטשן און פאלן ארײַן אין די גריבער,
וואָס זיי האָבן אָקאָרשט פאר ייִדן געגרייט דאָ
אף כמאַריקע גאסן פון כמאריקן פוילן.
דאָס ווארשעווער ייִנגל געהאט האָט צוויי קוילן,
איין קויל פארן סוינע. די צווייטע? די צווייטע...
און איצט האָט ער גארניט. ס'באַרינגלען אים קראָען,
דער טויט איז זײַן לעבן, די פאָן — זײַן צאוואָע.
זי איז זײַן יערושע, זײַן אויצער, זײַן האָפן,
מיט איר איז זײַן וועג צו דער אייביקײַט אָפן.

יט

זי איז זײַן יערושע, זײַן אויצער, זײַן האָפן,
מיט איר איז זײַן וועג צו דער אייביקײַט אָפן.

די פאָן פון דער געטאָ זײַן איינציקע טרייסט איז,
און נאָר זײַן געוויסן דער ייִנגלשער ווייסט עס...

און אויב נאָר עס אָטעמט נאָך עמעצער ערגעץ,
באַפרישט שוין זייַן אָטעם די נאַכט און די בערג איצט,
באַפרישט איצט זייַן אָטעם פוןביימער די בלעטער,
די האַנט זייַנע ליגט אַף דער ביקס דער געטרייַער,
די ליפּ זייַנע בענטשט דאָס געדעכטיקע פייַער.

און דאָ, אַף די כורוועס פון וואַרשעווער געטאָ,
לעם העלדן געטייטע, בײַ יקוואָרים בײַ פרישע,
בײַ הייַזער פאַרברענטע, בײַ פענצטער צעזעצטע
לעבט איינער — דאָס וואַרשעווער יִינגל דאָס לעצטע.
די גאַנצע יערושע פון וואַרשעווער יִישעוו
געהערט איצטער אים נאָר — די ליידן און פריידן,
דעם אייניקלס שמייכל, דער גלויבן פון זיידן,
די הייליקע וווּנדן, די אוולעס, דער יוישער,
פון יאָמטעוו די זון און פון געטאָס דער כוישעך...
די צייַט פליט מעשוגענערווייַז פאַר די אויגן,
עס האָט פאַרן הארצן אים עפּעס געצויגן,
זייַן היים מיט די אַלטע געלאַטעטע שויבן
האָט איצט אים געצויגן? די פריילעכע טויבן,
וואָס האָבן געוואָרקעט אַף דאַרע אקאַציעס?
דער שיקערער מאַרק, ווו דער רוישיקער פּלאַץ איז
פאַרדרייט און פאַרהאַוועט געוועזן מיטן האַנדל?
וואָס ציט אים אַצינדער? דער שטאָטישער גאָרטן,
דער פלויט מיט די שווערע, די בראָנזענע ראַנדן?
וואָס דאַרף ער אהינצו? וואָס האָט ער איצט דאָרטן?
וואָס ציט אים פונדאַנען? די יִינגלעך פון כיידער
מענאַשקע און בערל? זיי זייַנען ניטאָ מער.
איז רופט אים אַראָפּ דער דערוואָרגענער יאָמער,
צי עפּשער דער גוטער, דער פריילעכער סיידער,
וואָס ס'ווילט זיך ביז גאָר אים פאַרענדיקן דאַפקע...

איז רופט אים גאָר עפּשער די טונקעלע כאַווקע,
דאָס שוואַרצינקע מיידל מיט הימלשע אויגן —
זיך שפּילן אין זאַמד און אַ שטיבעלע בויען,
האָט ער דאָך געזען אין פרימאָרגן אין גרויען,
ווי ס׳איז איר נעשאָמע דורך דעכער געפלויגן...
איז רופט אים דאָס וויגל, ווו ער איז געלעגן,
די וויגליד מיט ראָזשינקעס זיסע און מאַנדלען?
ער ווייסט, אַז זײַן וויג ליגט צעבראָקט אַף די וועגן
און ס׳וועט מער זײַן טאַטע ניט וואָגלען, ניט וואַנדלען...
איז וואָס זשע ציט פאָרט אים אַראָפּ פון די הייכן?
וואָס שלעפּט אים מיט צוואַנגען צום שטיבל צום קליינעם,
ווו ס׳ליגן פאַרדעקט ווי מיט קאָלדרעס, מיט רויכן
די שטילע אַף אייביק אַנשלאָפענע שכיינים?
איז רופט אים זײַן קינדהײַט? זי איז שוין געשטאָרבן,
דער סאָד, ווו ער האָט זיך געשפּילט, איז פאַרדאָרבן.
וואָס רופט אים פונדאַנען? וואָס ציט ווי מיט צוואַנגען?
דעם זיידנס געבאָטן? דאָס קאָל פון דער מאַמען?
זי האָט אים באַגלייט ביז דעם הילצערנעם טויער
און האָט אים געבעטן מיט מאַמישן טרויער,
ער זאָל זיך צו לאַנג אינעם וועג ניט פאַרזאַמען,
זי וועט אַף אים וואַרטן... זי וואַרט דאָרט מיסטאַמע...
דרײַ טעג איז אַ שטיין אַף זײַן האַרצן געלעגן,
און שטיל האָט זײַן מויל זיך גענומען באַוועגן,
פון הייך האָט אַ פאַל געטאָן ציטעריק: מאַמע...
אַזוי הייבט זיך אָן דאָ די נײַע האַגאָדע:
געווען איז אַ וועלט דאָ, געלעבט האָט אַ שטאָט דאָ...

כ

אזוי הייבט זיך אָן דאָ די נײַע האגאָדע:
געווען איז א וועלט דאָ, געלעבט האָט א שטאָט דאָ...

מיט לײדיקע הענט און מיט טרויער באשאָנקען,
די שאָטנס פון װארשעװער געטאָ נאָר בלאָנקען,
פון גאס און צו גאס און פון געסל צו געסל
זיי האָבן דעם וועג צו דעם זיג ניט פארגעסן...

עס טראָגט זיי שוין איצט ניט קיין טרונק און קיין עסן,
דער פוילישער שאָכן, ער קומט ניט ווי נעכטן...
עס ברענגט שוין קיין ביקס ניט פון וועלדער פאטלאטע
דער פוילישער פויער צום קאמף צום גערעכטן.
עס רײַסט זיך ניט מער שוין דורך פינצטערע גראטעס
מיט פאָנען און שפיזן די העלע יעשוע,
אף ליפּן אף טויטע דער לעצטער געשריי ליגט,
און ס'רוען אין שווונג אינעם לעצטן געהייליקט
די קדושים פון געטאָ, זיי ליגן און רוען,
און ס'הייבן זיך קוילן פון זייערע טרערן,
און ס'הייבן זיך פלאמען פון זייערע קלאָלעס...

עס שוועבן די װארשעװער שאָטנס אין גאָלעס,
זיי שוועבן און שטײַגן, זיי שוועבן און הערן,
ווי ס'טראָגט זיך דורך פלאמען, דורך ווייטעק, דורך בראָכן,
דורך וועלדער פארברענטע, דורך ריוון, דורך יארן,
דורך סטעפּעס, דורך שטורעמס, דורך אלע געפארן
פון רוסישער גרענעץ דער גרוס פון ניצאָכן.

וואָס טוט מען? קיין אייצע קאָן קיינער ניט געבן,
דאָס ייִנגל האָט קיינמאָל געוואָלט אזוי לעבן
ווי איצטער, נאָר ס׳קומען די לעצטע מינוטן,
געוויס וועט אים קיינער ניט נעמען מיט גוטן.
נאָר אָט האָט דער טויט זיך צו אים דורכגעריסן,
דער יונג האָט די טרוקענע ליפּן פארביסן:

פון רייַכטימער אלע, וואָס ער האָט געיארשנט,
פארמאָגט ער די פאָן און דעם כורבן פון ווארשע.

וואָס טוט ער? ער ווישט זיך דעם שוויס מיטן ארבל,
ער קאָן מער ניט לעבן, נאָר ווי קאָן ער שטארבן?
א קוק אף דער פאָן און א קוק אפן אָוונט,
די פאָן איז נאָך קיינמאָל געווען אזוי נאָענט,
א מענטש איז א מענטש, איז געלעבט און געשטאָרבן —
א פאָן טאָר ניט פאלן אף דר׳ערד ווי א קאָרבן.
א נעם טוט דאָס ייִנגל די פאָן די צעווייטע
און וויקלט צונויף אירע פאלדן די ברייטע
און וואָרפט זי ארוף, ווי א מאנטל א גרינגן,
אף פּלייצעס אף זייַנע, דאָס ווארשעווער ייִנגל,
ער קוטעט זיך אייַן אין איר רום, אין איר ווייטעק
און טוט זיך א וואָרף פון צעשייַטערטן גאָרן...

אזוי איז די פאָן ניט געלעסטערט געוואָרן.

ס׳באגלייטן אים קוילן, ווי האָגלס, ווי שלאקסן,
ס׳באגלייט אים א טויבער געוויי פון שאקאלן,
און ס׳טראָגט זיך דאָס ייִנגל, די פאָן אף די אקסל,
די הענט, ווי די פליגל, די אויגן, ווי שטראלן.

כא

און ס׳טראָגט זיך דאָס ייִנגל, די פּאָן אויף די אַקסל,
די הענט, ווי די פֿליגל, די אויגן, ווי שטראַלן.

די דונערס און בליצן אַלץ וואַקסן און וואַקסן,
און ס׳וואַרטן די רויבער, דאָס ייִנגל זאָל פֿאַלן,
נאָר ס׳פֿאַלט ניט. עס טראָגט זיך אַלץ ווײַטער און ווײַטער,
און אונטן די ערד ליגט אין וווּנדן, אין שײַטערס,
פֿאַרזייט מיט געקוילעטע ייִדעס און קינדער...

ס׳פֿאַרײַסן די קעפּ די געשווירענע שינדער
און זוכן, און זוכן די פּאָן און דעם היטער.
פֿון שאָטן און גוואַלדן דער ערד־נאָפּל ציטערט,
פֿון שאָטן און גוואַלדן די סעדער זיך שאָקלען,
מע נישטערט דעם הימל מיט לאַנגע בינאָקלען,
אָט ווײַזט ער זיך ווידער, דער יונג מיטן מאַנטל,
אָט בלענדן אין הימל די פֿלאַמיקע קאַנטן
און ווערן, ווי בליצן, צעפּלאַמט און פֿאַרשווּנדן,
אָט ווערט ער א וואָלקן אויף קעפּ פֿון די שינדער,
אָט ווערט ער א שטערן א בלאַסער, א בלינדער,
אָט ווערט ער א סרייפֿע, די פֿינצטערניש צינדט ער,
אָט ווײַזט ער זיך ווידער, און אָט־אָ פֿאַרשווינדט ער...

ער טראָגט זיך און פֿאַלט ניט. ווער האָט אים באַפֿליגלט,
דאָס ייִנגל פֿון געטאָ? די וויגליד אין וויגל?
ווער האָט אים באַפֿליגלט, דאָס ייִנגל פֿון געטאָ?
די טויב נאָכן מאַבול? אַן אָנזאָג אויף שפּעטער?
דער גלויבן, אַז ס׳גריגען שוין צווײַגן און בלעטער
אין טויהו־וואָוויהו? דער רום פֿון די אָוועס,

וואָס איז ניט געפאַלן געשענדט אין די ראָוועס,
וואָס ווייסט ניט פון שרעק און פון שאַנד און פון בושע?
ווער האָט אים באַפליגלט? די שטאָלצע יערושע
פון זיידן דעם שוסטער, דעם וואַרשעווער ייִדן,
וואָס האָט זײַן כאַריפּעס אין שטרײַקן געשליפן?
די מומעס די שטילע? די פעטערס די שמידן?
די פויגלען, וואָס האָבן אַף לופטיקע שיפן
געבראַכט אים דעם שווונג און דעם רייעך פון פליגל?
צי עפּשער דער טאַטע — דער מילנער דער טרײַער,
וואָס מ׳האָט אַף די פליגל פון מיל דער געטרײַער
געהאַנגען, ער זאָל ווי אַ פליגל זיך וויגן?..

וואָס זײַנען די פליגל? דער אומרו פון מילן?
די שטענדיקע גרייטקײַט? די קראַפט און דער ווילן?
צי זײַנען די פליגל אין איינער אַ נאַכט גאָר
פון רוסישע שנייען דעם ייִנגל געבראַכט גאָר
און זײַנען געשליפן פון טײַערסטע שטאָפן,
פון שטאָפן, וואָס ווערן געבוירן אַף צאָפן?
און עפּשער גאָר זײַנען די פליגל בלויז פאַרבן,
וואָס שווינדלען באַם זון־פאַרגאַנג ערגעץ אין הייכן?
און עפּשער גאָר זײַנען זיי פּאָשעט אַ צייכן
פון קיינמאָל ניט לעבן און קיינמאָל ניט שטאַרבן?
אַ צייכן, וואָס קישעפט און בלענדט נאָר און ריגלט?..

וואָס זײַנען די פליגל? דאָס וואַרשעווער ייִנגל,
דאָס ייִנגל פון געטאָ איז יונג נאָך און ווייסט ניט,
דאָס ווייסן ניט יענע, וואָס האָבן קיין טרייסט ניט
און האָבן קיין האָפענונג מער אין דעם קיִעם,
דאָס ווייסן די אַלטע און נײַע נעוויִים,
די דוירעס די פריִע, די דוירעס די שפּעטע,

26*

דאָס ווייסן די העלדן, וואָס קומען באַגריסן
די פאָן פון דער געטאָ, דאָס ווייסט דער געוויסן,
דאָס ווייסן די שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ,
דאָס ווייסן די פּאָשעטע מענטשלעכע ריזן,
וואָס טראָגן די גרויסע געולע אַף שפּיזן.

1946—1945

דער דיכטער פון זיג

מיר זײַנען געקומען,
ווי זיגער...
איציק פעפער

אָט האָבן שוין אָפּגעהילכט די שטורעמס פון בירגערקריג, עס פּליִען שוין ניט אָן קיין באַנדעס, וואָס האָבן לאַנג ניט געלאָזט צורו דאָס דאָרף און דאָס שטעטל; דאָס לאַנד און דאָס פּאָלק האָבן זיך שוין געגרייט אויפצושטעלן די כורוועס און רויִנעס, אַרײַנבלאָזן אין זיי לעבן.

און דאַן האָט זיך דערהערט אַ נײַ געזאַנג. דאָס איז געווען דאָס געזאַנג פון איציק פעפער.

אַזוי פריש און הילכיק, אַזוי מונטער און זיכער האָט געקלונגען די שטים פונעם יונגן זינגער, אַז ניט דערהערן זי האָט מען ניט געקאָנט. און די יִידישע ליטעראַטור האָט דערהערט און באַגריסט דעם נײַעם דיכטער.

מוישע ליטוואַקאָוו האָט טאַקע באַגעגנט פעפערן מיט זײַן אַרטיקל „אַ כאַווערי־שער גרוס!“.

מיט לידער וועגן זיג פון דער רעוואָליוציע האָט דער דיכטער אָנגעהויבן זײַן געזאַנג. און דאָס איז דאָך געווען אַזוי נאַטירלעך! זינגענדיק וועגן דער רעוואָליוציע, האָט דער דיכטער געזונגען וועגן זיך אַליין. ווײַל ער איז געווען אַ קינד פון דער רעוואָליוציע און אַ קעמפער פאַר איר טריִומף.

געבוירן איז פעפער אין שפּאָלע (אוקראַיִנע) דעם 23 סענטיאַבער 1900 יאָר אין א האָרעפּאשנער פאמיליע (דער פאָטער זײַנער, שאָלעם פעפער, איז געווען א לערער. ער האָט געשריבן לידער, די מוטער — אן ארבעטערן א זאָקנמאכערן). אין עלטער פון 12 יאָר איז איציק פעפער געוואָרן א זעצער אין א דרוקערײַ. אין 1919 טרעט ער אַרײַן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דער קומענדיקער דיכטער איז פרײַוויליק אוועק אין דער רויטער ארמיי און געקעמפט אף די פראָנטן קעגן די קאָנטררעוואָליוציאָנערע דעניקינישע און פעטליורישע באנדעס. ווען קיִעוו איז געווען אונטער דעניקינס הערשאפט, האָט פעפער לויטן אויפטראָג פון דער פארטיי דאָרט געפירט אן אונטערערדישע ארבעט. צוזאמען מיטן ליטעראטור־קריטיקער י. נוסינאָוו איז ער ארעסטירט געוואָרן און האָט זיך געפונען אין טורמע בא די דעניקינצעס. פון טפיסע האָבן אים באפרײַט די אופגעשטאנענע ארבעטער פון „ארסענאל“.

זײַנע ערשטע לידער האָט איציק פעפער אָפּגעדרוקט אין 1919 אין דער קיִעווער צײַטונג „קאָמוניסטישע פאָן“. זײַן ערשטע זאמלונג „שפּענער“ איז דערשינען אין 1922 מיט א פאָרוואָרט פון דאָוויד האָפשטיין. אין 1924 גייט ארויס זײַן לידער־בוך „וועגן זיך און אזוינע, ווי איך“, וואָס איז זייער וואַרעם באגריסט געוואָרן פון מ. ליטוואקאָוון. פון דעמלט אָן איז פעפער איינער פון די צענטראַלע שעפערישע פיגורן און אקטיווסטע בויער פון דער יִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. ער איז דער רעדאקטאָר פון א ריי ליטעראַריש־קינסטלערישע זשורנאלן („פּראָליט“, „פּארמעסט“, „סאָוועטישע ליטעראטור“).

בײַס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע גייט ער פרײַוויליק אוועק אפן פראָנט. שפּעטער נעמט ער אן אקטיוון אָנטייל אין דער ארבעט פונעם יִדישן אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט. איציק פעפער איז טראגיש אומגעקומען אין 1952 יאָר.

פעפער איז געווען שעפעריש פּראָדוקטיוו, ער האָט ארויסגעלאָזט עטלעכע צענדליק לידער־זאמלונגען, דראמאטישע ווערק, ליטעראטור־קריטישע בראָשורן און ארטיקלען, איבערזעצונגען פון רוסיש, אוקראַיִניש. אויך זײַנע ווערק זײַנען איבערגעזעצט אף רוסיש, אוקראַיִניש און אנדערע שפּראכן.

איציק פעפער איז געווען א הארמאָנישע נאטור. אלס פערזענלעכקײַט, אלס געזעלשאפטלעכער טוער און אלס שעפער איז ער געווען אידייִש איינהײַטלעך: ער האָט ניט געוווסט פון קיין אינערלעכע פסיכאָלאָגישע און גײַסטיקע ווידערשפּרוכן. אין זײַנע ווערק האָט ער באזונגען די רעוואָליוציע און דורך דעם אנטפּלעקט זײַן אייגענע נאטור אלס דיכטער און בירגער.

פעפער האָט געבראכט אין דער יִדישער דיכטונג דעם הייסן אָטעם פון שלאכטן, ער האָט געבראכט אלע אינערלעכע און אויסערלעכע אקסעסוארן, וואָס זײַנען פארבונדן מיט פראָנטן, מיט אטאקעס, מיט קנאלן, הודען און רוישן פון מיליטערישע פעלד־געשלעגן. אין

זײַן ליד איז דאָס שיסן געווען אי רעאַל, אי סימבאָליש. עס האָט געהאַט אי דעם געוויינ־לעכן באַטײַט פון פיזישער פארניכטונג, אי דעם מער ווי געוויינלעכן באַטײַט פון שיסן און צעשיסן א וועלט, וואָס דאַרף אומקומען און צעשאָסן ווערן. דעריבער קלינגען אָרגאַניש באם דיכטער אַזעלכע שורעס, לעמאָשל:

אף פעלדער, מיט מענטשן באַוואַקסן,
ליג איך און שיס...

— א רעאַליסטיש בילד פון א שלאַכט. און באַנאַנד דערמיט:

נאָר אונדז,
נאָר באָרוועס־גרויע קינדער
דאָס נעכטיקע צעשיסן איז באַשערט.

דאָס שיסן אין פעלד און דאָס צעשיסן דאָס נעכטיקע איז אַן איינהײַטלעכער אָרגאַני־שער מאָטיוו פאַר דעם דיכטער דעם זיגער, וואָס גייט אין שלאַכט, ווי אף אַרבעט און בויונג.

אין דער ערשטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען פעפער האָט געשטעלט זײַנע ערשטע זיכערע טריט אין דער ליטעראַטור, האָט זײַן דיכטונג אָפּגעקלונגען, ווי א שאָס. זײַן קלאָר געזאַנג און זײַן פרישע שטים איז געווען אַן איבעראַשונג. אין פעפערס ליד איז דאָס שיסן ניט געווען קיין בראַווירונג מיט נײַקײַט פון טעמע, פון געשטאַלט, פון אַסאָציאַציע, פון בילד, פון פּאָעטישער שפּראַך און מעטאַפאָריסטיק. די נײַקײַט איז געווען אַזוי געוויינלעך, אַזוי נאַטירלעך, אַז זי האָט אויסגעזען און איז אויפגענומען געוואָרן קימאַט ווי די נײַקײַט פון שאָלעם־אליכעמען. די „פערד און רײַטער", „דער גראָוער שינעל", „די צעשאָסענע טעג", דער „צעשאָסענער צוג", — דאָס אַלץ האָט געצויגן צו זיך, און מע האָט זיך ניט געדאַרפט צווינגען גיין נאָכן אַוטאָר, וואָס איז געווען א נײַער טיפּ דיכטער פון דער רעוואָליוציע, א נײַער טיפּ קינסטלער פון די רעוואָליוציאָנערע פאָלקס־מאַסן.

צום אָנהייב האָט פעפער באַזונגען דעם קאָלעקטיוו, די יאַטן, די „בלאָנדע קאָמסאָ־מאָלקעס פון דערפל און פון שטעטל". פעפער האָט אָנגעהויבן דערפון, וואָס ער האָט באַזונגען דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָלק אינגאַנצן גענומען.

זײַנע יאַטן זײַנען פּאָשעטע שטעטלדיקע כעוורע — די יאָסל שינדערס, די עליעס, דאָס יידישע שטעטלשע מיידל „מיטן נאַגאַן בא דער זײַט". ווען אָט די העלדן שאַפט ער

זײַנע ערשטע לידער און זײַנע ערשטע פּאָעמעס „יאָסל שינדער“, „עליעס טויט“ און „יאַטן“.

פּעפּערס פּאָעמעס זײַנען ראָמאַנטיש און ליריש. דאָס זײַנען טיפּישע פּאָעטישע שאַפונגען פון רעוואָליוציאָנערן ראָמאַנטיזם, וועלכע שטעלן זיך א ציל צו געבן ניט דעם העלד, נאָר די העלדישקײַט, ניט דעם יאָכיד, נאָר דעם רעוואָליוציאָנערן קלאַל. און נאָך.

זײַן שאַפן איז דאָס דערהויבענע געזאַנג וועגן דערהויבענעם און שיינעם אין לעבן. און דאָס דערהויבענע איז זײַן, דעם דיכטערס, אייגן לעבן, זײַן אייגענער קאַמף, וואָס גיסט זיך צונויף מיטן קאַמף פון פאָלק. עס איז דעריבער בא פּעפּערן פאַראַן אויך דאָס יעכידישע, די שטריכן פון אן אינדיווידואַליזירט געשטאַלט. פּעפּערס איבערצײַגטקייַט און זיכערקײַט אין דעם אויסגעקליבענעם וועג איז שטענדיק געווען אזוי שטאַרק, אזוי פעסט, אז קיינע שום אידייִשע שווערקייַטן האָבן אים קיינמאָל ניט באומרויִקט, קיינע שום קאָליזיעס האָבן ניט געקאָנט צעשטערן זײַן קלאָרן לויטערן געמיט.

אָבער דער דיכטער פון דער רעוואָליוציע האָט ניט מוירע צו זאָגן דאָס אופריכטיקע פּאָעטישע וואָרט סײַ וועגן שלאַכטן און טריומפן, סײַ וועגן ליידן און פּײַן.

„מײַן לאָזונג: ניט גערוט, ס'איז יעדער קער א טעמע“ — אזוי האָט פאָרמולירט פּעפּער זײַן צוגאַנג צו דער קונסט אלס אָפּשפּיגלונג פון לעבן. אין דעם איז געווען זײַן קראַפט, האגאַם אויך א באַשטימטע שוואַכקייַט.

פּעפּער האָט אין זײַנע ערשטע פּאָעמעס ניט געמאָלט קיין ברייטע פּאָעטישע לײַוונטן. ער איז געווען א טיפּישער ליריקער, וועלכער האָט ניט געקאָנט ניט רעאַגירן פּאָעטיש אף די דערשײַנונגען פונעם ארומיקן לעבן. עמעס, פּעפּערס ליריק איז ניט געווען באַגרענעצט מיט קיין שמאָלע שטייגער־טעמעס און אויבערפלעכלעכן טאָגטעגלעכן אינהאַלט. אין זײַן ליריק איז פאַראַן די וואָגיקײַט און די באַדײַטנדיקייַט פון דער היסטאָרישער באַוועגונג און פון דער היסטאָרישער עפּאָכע, די גרויסע און קאָמפּליצירטע פּראָבלעמאַטיק פון דער צײַט, איר דראַמאַטיק און טראַגיק. אין דעם זין איז פּעפּער, פאַרשטייט זיך, אויך עפּיש.

אָבער דאָ גייט א רייד וועגן דעם אויפן פון אָפּשפּיגלען די וויכטיקסטע אקטועלע לעבנס־דערשײַנונגען, ווי אין א קאַליידאָסקאָפּ. פּעפּערס דיכטונג איז מאָמענטאַליסטישע קונסט, דאָס מאָמענטאַליסטישע בילד, וואָס רופט אָבער ארויס רירנדיקע עמאָציעס און איבערלעבונגען; און זיי בלײַבן אין באַוווּסטזײַן און אין אונטערבאַוווּסטזײַן פונעם לייענער אף לאַנג און אף שטענדיק.

איין ביכל לידער נאָכן צווייטן זײַנען דערשינען אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן, און אין די דאָזיקע ביכלעך האָט פּעפּער, ווי א סייסמאָגראַף, אופגעכאַפּט אלע אונטערערדישע און אויך ניט־אונטערערדישע דונערן און קנאַלן, די פאַרדומפּטע און הילכיקע

קוילעס אוווראָקים פון גרויזאמע יאָרן. ער האָט אָבער אויך דער ערשטער אין דער ייִדישער ליטעראַטור דערזען די „בלײַענדיקע מיסטן“, דעם נײַעם שטייגער אינעם נײַעם שטעטל, דעם איבערפלעכט פון אלט און נײַ אין די ערשטע יאָרן פון נעפּ.

און מאָלנדיק אָט אזא צווייענדיק בילד, ווו עס שפּארן ארויס די גרימאסן פון אלטן לעבן און עס זעען זיך בוילעט אויך די שטריכן פון נײַעם שטייגער, זעט דער דיכטער אויך דעם מאָרגעדיקן טאָג, וואָס וואקסט שוין ארויס פונעם הײַנטיקן: „מיט האק און האמער קלינגען מײַנע ברידער, און האק און האמערווארטן שוין אף מיר“.

דער דיכטער האָט שוין פאָרויסגעזען אי דאָס ווײַטערדיקע, וואָס שטייט פאָר אין לעבן, אי די נײַע לידער, וואָס וועלן זיך פאָדערן פון אים.

ניט לאנג האָט געדויערט, און פעפער האָט זיך א קער געטאָן פון שטעטל, פון די „בלײַענדיקע מיסטן“, צו „האק און האמער“ אין זייער העכערן באַטײַט, צו דער טעמע פון אינדוסטריאַליזאציע, צום דניעפּערבוי און צו דער שאכטע. די דרײַ פּאָעמעס: „געפונענע פונקען“, „פלאסטן“ און „גרויסע גרענעצן“ כאפּן ארום די הויפּט־מאָמענטן פון זײַן שאפן פון סאָף צוואנציקער יאָרן ביז דעם אָנהייב פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. און באנאנד דערמיט אנטוויקלט זיך פעפערס לירִיק, וואָס האָט באזונדערס זיך אנטפּלעקט אין די לידער־זאמלונגען „פײַלן אף מײַלן“ און „קראפט“. אין די לידער און אין די פּאָעמעס זײַנען בוילעט אויסגעדריקט די סימפּטאָמען פון דער עפּאָכע, די אָנגעגליטע אטמאָספער פון גרויסע אופבויונגס־פּראָצעסן, פון העלדישע אופטוען, פון ריזיקע פארמעסטן, וועלכע דאָס פאָלק האָט פאָרגענומען צו איבערגעשטאלטיקן דאָס לאנד און דאָס לעבן און אויסבויען א לעבן אף נײַע יעסוידעס.

אין אָט דעם פּעריאָד פון אופבוי און קאמף קאָן מען באמערקן אין פעפערס שאפן א מין קאָעקזיסטענץ פון אָט די צוויי זשאנרען: פון דער לירישער ליד און דער גרויסער פּאָעמע, וועלכע האָבן איין ציל, נאָר פונקציאָנעל פילן זיי אויס פארשיידענע אופגאבן. אין די לירישע לידער ווערט מערסטנטייל ארויסגערוקט א באשטימטע אידיי, א רוף צו פארווירקלעכן אָט די אידיי. אין דער פּאָעמע ווערט שוין קינסטלעריש פארקערפּערט אָט די אידיי, עס ווערט שוין אין איר געוויזן דער פּראָצעס, דאָס פארווירקלעכן די אידיי און דעם רוף אין לעבן.

אין די פּאָעמעס „געפונענע פונקען“ און „פלאסטן“ האלט זיך פעפער בא זײַן מעטאָד פון געבן דעם גאנג פון די מאסן, פונעם פאָלק, אָבער איצט שוין ניט „מיטן נאגאן בא דער זײַט“, נאָר מיט „האק און האמער“. פעפער נעמט איצט באזינגען „די הונדערטער נעמען“, „די יונגען, פארסמאליעט און באדעקט מיט סאמעט פון די טעג“ און דעריקער — זייערע „שרײַענדיקע הענט“. און ער ווערט ניט מיד צו באזינגען דעם אלפאָלקישן „יאָמטעוו פון הענט“.

סאָף דרײַסיקער יאָרן מאַכט פּעפּער אַ פּרוּוו אָנצושרײַבן אַ גרויסן פּאָעטישן לײַוונט מיט אַ צענטראַלן הויפּט־העלד אַלס רוקנביין פֿונעם גאַנצן ווערק. מיר האָבן דאָ אין זינען זײַן ראָמאַן אין פֿערזן „גרויסע גרענעצן“ (1939). פּעפּער נעמט זיך קינסטלעריש פֿאַר־קערפּערן דעם העלד פֿון דער עפּאָכע, דעם פֿאָלקס־מענטש, וואָס איז דער שעפֿער פֿון אַלע רײַכטימער, די גרויסע פּערזענלעכקײַט, וועלכע מ. גאָרקי האָט באַצייכנט ווי אַ „הויכטורעם“, ווי „דער שפּיץ אין דער פּיראַמידע פֿון דער פֿאָלקס־דערפֿאַרונג“.

אין צענטער פֿון דער שילדערונג איז ווידער דאָס שטעטל, אָבער דער טעריטאָריעלער פּלאַצדאַרם ווערט באַגרענעצט און קאָנקרעטיזירט. איצט וויל דער דיכטער ווײַזן אָפּן גורל פֿון איין שטעטל דעם פּראָצעס פֿון איבערבויונג פֿונעם ייִדישן לעבן אין פֿאַרלויף פֿון העכער צוויי צענדליק יאָר ראַטנמאַכט. דאָס איז שוין אַ נײַ שטעטל אין דער עפּאָכע פֿון סאָציאַליזם.

אין „גרויסע גרענעצן“ בײַט זיך אויך דער מעטאָד פֿון שילדערן מענטשן. איצט ווערט באַוויזן ניט בלויז די מאַסע, נאָר דער אינדיווידואַליזירטער העלד. פֿון די פֿריערדיקע יאָרן, וועלכע זײַנען געפֿלויגן אַף די פֿראָנטן, האָט זיך אויסגעטיילט איין יאָר, אויך אַ שטעטלדיקער און אויך אַ היטער פֿון דער גרענעץ — יוניק. פֿון די בלאָנדע קאָמסאָמאָל־קעס האָט זיך איצט אויסגעטיילט דינע, אַ נײַ געשטאַלט פֿון דער עפּאָכע, אַ געשטאַלט פֿון אַ נײַעם מענטשן, וועלכער איז דערצויגן געוואָרן אין די פֿרידלעכע יאָרן, ווען עס האָט זיך פֿאַרהאַרטעוועט דאָס שטאָל פֿון גאַנצע סאָוועטישע דורות בויער פֿון סאָציאַליזם.

דער ראָמאַן „גרויסע גרענעצן“ האָט אין זיך די שטריכן פֿון אַ פֿאַרסאַכאַקלענדיק ווערק און אויך פֿון אַ באַשטימטער ווענדונג צו אַ נײַעם עטאַפּ. דער דיכטער ווײַזט, צו וואָס פֿאַר אַ הייכן האָט דערגרייכט דאָס פֿאָלק פֿאַר העכער צוויי צענדליק יאָר ראַטנ־מאַכט, וואָס איז געוואָרן פֿונעם שטעטל פֿאַר אָט די יאָרן און וואָס פֿאַר אַ נײַער טיפּ מענטש האָט זיך אויסגעבילדעט אין בויונג און אין קאַמף.

די ווענדונג צום נײַעם האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס אין „גרויסע גרענעצן“ זײַנען שוין פֿאַראַן דײַטלעכע שטריכן פֿון דער גרויזאַמער צײַט, ווען איבער אייראָפּע האָט זיך שוין געלאָזט הערן דאָס טופּען פֿון די פֿאַשיסטישע האָרדעס.

אַזאַ פּאָליטיש פֿילבאַרער דיכטער, ווי איציק פּעפּער, האָט ניט געקאָנט דורכלאָזן אָדער ניט דערהערן אָט די שוידערלעכע קלאַנגען פֿון אומקום און פֿאַרניכטונג, און אין „גרויסע גרענעצן“ זײַנען שוין פֿאַראַן קלאָרע און דײַטלעכע סימאָנים פֿון דער צײַט, ווען עס רוקט זיך אָן די געפֿאַר פֿון מילכאָמע. אין אַ רײ לידער פֿון די דרײַסיקער יאָרן קערט זיך פּעפּער אום צו דער טעמע פֿון בירגערקריג, פֿון שלאַכטפֿעלדער. עס הערט זיך אין אייניקע לידער דער מאָטיוו פֿון פֿאַרגאַנגענע מילכאָמע־צײַטן אַלס אַ וואָרענונג און דער־מאָנונג וועגן פֿאַרשטייענדיקע ניסיוינעס.

די מילכאָמע און דער קורצער פּעריִאָד נאָך איר איז געווען דער לעצטער עטאַפּ פון פעפערס שאַפן. און גראָד איז אָט דער פּעריִאָד געווען איינער פון די פרוכטבארסטע און אינטערעסאנטסטע אין זיַין שעפערישן וועג.

די מילכאָמע איז געווען אן אויספּרווו פארן גאנצן סאָוועטישן פאָלק, פאר דער סאָוועטישער ליטעראטור. אין מאָמענט פון דער מילכאָמע איז אפן ערשטן פּלאן געשטאנען דער ניט געזעענער אופשטיַיג פון פּלאמיקן פּאטריִאָטישן געפיל בא אַלע פעלקער פונעם ראטנפארבאנד.

אָט דער דאָזיקער געפיל פון פּאטריִאָטיזם האָט, נאטירלעך, באגיַיסטערט אויך די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור.

די ייִדישע ליטעראטור, ווי די גאנצע סאָוועטישע ליטעראטור, האָט זיך ארויסגעוויזן אף דער הייך פון איר היסטאָרישער אופגאבע. קיין איין ייִדישער סאָוועטישער שריַיבער איז ניט געשטאנען בא א זיַיט אין דעם דאָזיקן אנטשיידענעם שטריַיט. מיט דער בליקס און מיט דער ליד האָט די ייִדישע ליטעראטור אריַינגעטראָגן איר וויכטיקן און וואָגיקן ביַיטראָג אינעם אלגעמיינעם קאמף קעגן פאשיזם און אינעם ניצאָכן איבער אים. און צווישן די בעסטע ייִדישע זינגער איז ווידער געגאנגען איציק פעפער, און זיַין דיכטערישע שטים האָט ווידער הילכיק געקלונגען אינעם מעכטיקן כאָר פון דער ייִדישער און פון דער גאנצער סאָוועטישער ליטעראטור.

פון איצט אָן ווערט בא דער סאָוועטישער ליטעראטור און בא איציק פעפערן די פּראָגראם פון לעבן, פון קאמף און פון שאפן — דער זיג, „דער אָטעם פון ניצאָכן“. אין יון 1942 דרוקט אָפּ פעפער זיַין פיַיערדיקע ליד „די שווּע“.

פעפערס דיכטונג אין די יאָרן פון מילכאָמע און נאָך איר האָט זיך אנטוויקלט אונטערן צייכן פון פולשטענדיקער ריַיפקיַיט, פון הארמאָנישער פולקומער איינהיַיט, וועלכע עס דערגרייכן גרויסע מיַיסטערס פון קונסט. די פאָלקס־קלוגשאפט, וועלכע איז געווען שטענדיק כאראקטעריסטיש פאר פעפערס ליד, איז איצט אריבער אין פאָלקס־כאָכמע, דער געדאנק איז געוואָרן טיפער, דאָס בילד — שארפער און דורכדרינגלעכער. דער סאָציִאלער פּאטאָס, פאריַיניקט איצט מיט נאציִאָנאלן פּאטאָס, האָט דערגרייכט א גאָר הויכן גראד פון צאָרנדיקער ליַידנשאפט, דאָס וואָרט, די פּאָעטישע שפּראך און די דיכטערישע מעטאפאָריק האָבן באקומען די העלע שיַין פון פינקלדיקן גלאנץ.

א באזונדער אָרט אין פעפערס שאפונג נאָך דער מילכאָמע פארנעמט זיַין פּאָעמע „שאָטנס פון ווארשעווער געטאָ“, וואָס איז ניט בלויז איינס פון די שטארקסטע ווערק אין זיַין שאפונג, נאָר אויך אין דער גאנצער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג.

„שאָטנס פון ווארשעווער געטאָ“ איז אָנגעשריבן אין איין אָטעם און איז אויסגעגאָסן פון איין גוס, פון איין שמעלצונג. די פּאָעמע אָטעמט מיט שטורמישן פּאטאָס פון

פּראָטעסט און רעוואָליוציאָנערן קאַמף. דער דיכטער שטייט אַף דער הייך פון די היסטאָרישע געשעענישן, וואָס ווערן קינסטלעריש פאַרקערפּערט אינעם ווערק. די פּאָעמע איז אײנהײַטלעך, האַרמאָניש און פאַרענדיקט אין אַלע אירע קאָמפּאָנענטן.

פעפער איז געקומען ניט בלויז מיט נײַער קונסט, נאָר אויך מיט אַ נײַער פּראָגראַם פון קונסט, מיט אַ נײַער עסטעטיק, וועלכע איז באַשטאַנען סאַכאַקל פון צוויי ווערטער: פּראָסטע רייד. פעפער אַליין האָט וועגן דעם געמאָלדן גלײַך אין אָנהייב פון זײַן שאַפן:

איך האָב ליב, ווען ווערטער זײַנען באָרוועס,
איך האָב ליב, ווען לידער זײַנען פּראָסט.

אין דעם, אייגנטלעך, איז באַשטאַנען דער אַני־מאַמין פונעם דיכטער, וועלכן ער האָט פּראָפּאַגאַנדירט גאַנץ אַקטיוו און בײַ אַלערליי געלעגנהײַטן. אָבער וואָס האָט באַטײַט די פּראָגראַם פון „פּראָסטע רייד"? פריִער פאַר אַלץ האָט דאָס באַטײַט פאָלקסטימלעכקײַט. מוישע ליטוואַקאָוו האָט דער ערשטער באַמערקט אָט דעם שטריך אין פעפערס שאַפן נאָך אין אָנהייב פונעם דיכטערס ליטעראַרישן וועג, ווען ער האָט אים פאַרגלײַכט מיט שאָלעם־אַליינכעמען אַלס אַ פּאָשעטן כײַ־וועקײַעם, וואָס איז פון פלייש און בלוט פון בלוט פון די פאָלקס־מאַסן.

פּראָסטע רייד איז ניט בלויז דעמאָקראַטיזם, פאַרשטענדלעכקײַט, רעאַליזם און פאָלקסטימלעכקײַט. דאָס איז אײנצײַטיק אויך אַקטיווע קעמפערישקײַט אין פּראָצעס פון איבערגעשטאַלטיקן דאָס לעבן. פעפערס דיכטונג איז „פײַלן אַף מײַלן", דאָס איז די שאַרפע פּאָליטישע ליד, וואָס צילט אין סוינע, ווי אַ ביקס: „ווו מע דאַרף — איז מיט לידער געשפּאָלטן די לופט! ווו מע דאַרף — איז אַ ריס מיט שראַפּנעלן!". „אונדזער ליד איז מיט שלאַכטן געבורידערט", — זאָגט פעפער, און ער פאַרברייטערט וואָס מער דעם באַגריף פון פּראָסטע רייד, די ראַמען פון זײַן דיכטערישער פּראָגראַם: „די פּאָליטישע ליד, די סאַטירע דערלאַנג! און גוט זײַנען אויך עפּיגראַמען"; „מיר דאַרפן אַ ברען טאָן מיט פלאַם פון פּאַמפלעט און אַנדערע שלאָגיקע זשאַנרען". די פּאָעטישע סאַטירישע ליד איז אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון פעפערס קונסט־פּראָגראַם און פון זײַן ליטעראַרישער שאַפונג אינגאַנצן גענומען.

אין פעפערס דיכטונג איז לײַכט צו באַמערקן אַ גאַנץ דײַטלעכן עלעמענט פונעם קאָמישן, פון דער פײַנער איראָניע, פונעם קלוגן ווערטל, פונעם גוטמוטיקן ליכטיקן שמייכל און אויך פון בײַסיקער סאַטירע. דערמיט איז פאַרבונדן פעפערס ליד מיט דער טראַדיציע פון אַזעלכע דיכטער, ווי היינע, בעראַנזשע, נעקראַסאָוו, מאַיאַקאָווסקי. גאָרניט צופעליק איז די ליד וועגן שאָלעם־אַליינכעמען, ווו דער דיכטער דערקלערט וועגן זײַן

קרויוועשאפט צו דעם גרויסן הומאָריסט און צו זײַן „הומאָר דעם רײַכן״. אין אייניקע ווערק דערגרייכט פעפערס איראָנישער און סאטירישער פּאָעטישער געלעכטער די שטרענגקײַט און באַדײַטנדיקײַט פון קלאַסישער פאָרם. מיר האָבן דאָ אין זינען די באַוווסטע לידער „א לויב־געזאַנג דעם כיריק״, „אין א מוזיי״ און אנדערע.

איציק פעפער איז פארבליבן אין דער געשיכטע פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור, ווי א גרויסער דיכטער, אַן אקטיווער קעמפער און בויער פון דער נײַער רעוואָליוציאָנערער ליטעראַטור, א מערקווירדיקע שעפערישע פערזענלעכקײַט, וואָס איז שטארק פּאָפּולער און באַליבט בא די סאַמע ברייטסטע מאַסן לייענער.

הערש רעמעניק

א י נ ה א ל ט

לידער

ווו זון האָט זיך טונקל געסמאָלעט 5
וויפל מענטשן דארף מען נאָך א וועג באַווייַזן 6
האנט צו האנט און פלייצע צו פלייצע 7
אין וועג 8
שווימט ארום אין ווייצן זאטער זומער 9
נאקעטע טעג 10
זיי ווארטן צעוואָרפן אף שניי 11
פארגעסענע אויגן 13
מעג איך דען, קאָן איך דען שווייַגן 14
איך גיב זיך אָפּ אומזיסט דער וועלט 15
יאטן
אין טעג אזוינע הייסע 16
דאָרט באם גרענעץ, דאָרט באם פעלד 17
שווער איז איצטער אונדזער צייַט 18
שטייט א צוג. וואגאָנען און וואגאָנען 19
איבער שטעט און דערפער גייען שווארצע וואָלקנס 20
אפן לייַוונט פון אָוונט 22
ווילדע כאלומעס 23
גיט א פענדזל! גיכער! גיכער! 24
ווינטער, ווייַסקייַט, ווייַטע וועגן 26

און בין איך אפן בארג . . . 27
לידער אף פלויטן . . . 28
סיביר, אוראל, קאלוגע און טריפּאָליע . . . 29
א ראדיאָ צו אלע . . . 31
לעם מאווזאָליי . . . 33
אין קלעם . . . 34
מ׳האָט מיך געפּאקט אין א שטיבל אן אלטן . . . 35
אין שטיינערנעם מויער זייַנען שטרענגער די הארטע מעסלעסן . . . 36
בעט זיך א געלעגער . . . 38
פון יענער זייַט טפּיסע . . . 39
סע ברענט דער וואלד, אף פעלדער ברענען בריקן . . . 41
מיר שלאָפן ניט באנאכט, מיר ליגן שטיל און הערן . . . 42
אף טישל ליגט צעפליקט א ביכל לידער: פושקין . . . 43
גאנצפרי איז גרינג און רעגן טריפט פארשלעפערט . . . 44
אף שטייגער פון שווייַגן, פון שווייַגן . . . 46
שווער איז זען . . . 47
ליגן, ווי יעסוימים, הונגעריקע כורוועס
בליִענדיקע מיסטן . . . 48
נאָך יאָרן אף פעלדער, אין שטעט הינטער טויערן . . . 49
איך געדענק אים, דעם שטעטלשן הימל, דעם בלאָוון . . . 51
מיר פאָרן שוין צו דער סטאנציע דער לעצטער . . . 52
און אָט איז דער פלאץ אין שטעטעלע דער גרעסטער . . . 53
אָט זע איך זיי ווידער, די שוסטערס און באָנדערס . . . 54
סטערלינגען, טשערוואָנצעס, רענדלעך . . . 55
און מייַן שאָכן איז נאָך אלץ א בלעכער . . . 56
דאָרט, ווו גראָזן זייַנען נאסער . . . 57
מיט קאָרענער זאטקייַט אָטעמט דער סטעפּ . . . 58
טוט א זון א ווארעם . . . 59
שמעקט מיט פארנאכט דער ארום . . . 60
זילבערנע טריט . . . 61
מיר איז לאנג שוין נימעס . . . 62
זיי גייען ארום ווי פארבלאָנדזשעטע . . . 63
ווען ווייַסער פראָסט . . . 64

ס׳איז דאָ א ליד 65
זאָלסט מיך ניט פארלאָזן 66
באם יאם 69
צווישן בערג 76
אין הארבסט 78
א רעגן 79
דער צוג 82
ווען מיר קאָנען... 85
א לויב־געזאנג דעם כיריק 86
נארעלע, קליינס... 91
א בילד 94
פון סאָטשי קיין כאָסטע 95
איך טרינק דעם ראש 97
אף קידער־ווידער 99
קאלינעס 101
איזאבעלע 103
רויט 104
אין וואלד 106
בענקשאפט 108
צום שטילן אָקעאן
ס׳פליט דער טאָג נאָך גיכער פונעם באן 110
די טײַגע ווארט 112
אף דער בירע 114
אמורזעט 116
ביראָקאנער מירמל 118
לאָנדאָקער לאנדיש 121
די זון איז אופגעגאנגען 124
א כאסענע אין ביראָבידזשאן 126
ביראָבידזשאנער וויגליד 131
ביראָבידזשאנער פריילעכס 133
א שאָס אין וואלד 136
האלב אין זון 138
די ערד 139

די נאַכט־קאַפּעלע 141
זײַנען בושעלעס געפֿלויגן 144
צו אַ פֿרײַנט 146
די זון אין זעניט 148
מיר וואַרטן 149
דער שווערסטער וועג 151
שפּאַצירן 152
אונטער דעכלעך פֿון די וויִעס 154
לאָמיר לאַכן 156
די עלטער 158
ס'איז שײן דער אוקראַיִנישער סטעפּ 160
פּושקינען 161
דאָס אײביקע געזאַנג 163
אָשערן 165
די ליד פֿון טאַראַסן 167
צו אַן אוקראַיִנישן דיכטער 169
ליזע לאַכט 170
די מאַמע פּרעגלט אײַנגעמאַכטס 172
אַ שעמעוודיק מײדל 174
עס שמעקט דײַן ליד 177
דאָס בערעזענע געזינדל 178
פֿון מײַן באָבעס וויגלידער 180
בריקן 182
קאָלירן 185
הערט מיך, ברידער! 187
אין דער פֿרעמד 190
מײַן ערשטע ליד 192
אַזוי־פֿיל איך 194
די נעסט 196
דער פּאָפּוגע איז קאַלט 198
פֿײַער 200
וואָס קוקסטו, טאַם 202
דער אָנהײב פֿון אַ ליבע 203

וויגליד . . . 207
מײַן געוויסן . . . 209
איך בין א גוואר . . . 211
צו מײַן טאָכטער . . . 213
אן אלטער ניגון . . . 215
די זון פארגייט . . . 217
שימקעס געוויין . . . 219
עפיטאפיע . . . 221
צו דער איין־און־איינציקער . . . 222
שוואנען . . . 224
סאָנעט . . . 226
אין אן אלטן וואלד . . . 227
פליט ארום א פויגל . . . 229
מײַן גוטער גורל . . . 232
אפסנײַ . . . 234
איך בין געקומען אף דער ערד . . . 236
מע זאָגט.. . . . 238
לעבן מײַנס . . . 239
מײַן ליבער . . . 241
צו א שוואנגערער פרוי . . . 243
א צווילינג . . . 245
ס'קאָסט מיך טײַער . . . 248
א טאָג . . . 249
גליק . . . 251
בא א פאָרטרעט . . . 253
שפראכן . . . 255
די אלטע טײַנע . . . 258
דער גלעזער . . . 260
אף דוירעס א דענקמאָל . . . 263
ס'איז גוט צו לעבן אף דער וועלט . . . 266
אונטער א רעגן . . . 268
טיפער פונעם יאם . . . 270
פון סעדער סוכומער . . . 271

א שרעקלעך וואָרט 273
פרעג, מײַן לעבן 275
דאָרשט 276
ביסט שוין גרוי 277
א שטורעם 279
א וועגדונג צו פערעצן 280
יידיש 284
לעכאים 287
צו א זינגערן 289
א בריוו צו שאָלעם־אלייכעמען 290
ווינטערדיק 295
דײַן זויבער הארץ 297

באלאדעס

באלאדע וועגן דער קרעמל־וואנט 301
באלאדע וועגן אָדעסער לימאן 305
באלאדע וועגן א שנירל פערל 311
באלאדע וועגן דעם ברודער־קייווער 318
באלאדע וועגן מײַן טאטן 323
באלאדע וועגן דעם טאנקיסט שלוימע גאָרעליק 328
מײַן מוטער 332

פאָעמעס

עליעס טויט 341

געפונענע פונקען

1. אפן ברעג דעם גרויסן 357
2. רײַך זײַנען ברעגן 358
3. שיין איז דער דניעפער 359

4. איז געקומען א מענטש 361
5. דאָס ליד וועגן כוואַליעס און ווינט 362
6. האָט לענין געזאָגט 363
7. ווען סע קרעכצן די דעמבעס 364
8. בארזשעס 365
9. דאָס ליד וועגן די הענט 365
10. קומען טעג אף די טײַכן 366
שאָטנס פון ווארשעווער געטאָ 368
ה. ר ע מ ע נ י ק. דער דיכטער פון זיג 416

Фефер
Ицик Соломонович

СТИХИ, БАЛЛАДЫ, ПОЭМЫ

ИЗБРАННОЕ

(На еврейском языке)

М. «Советский писатель», 1967 г. 432 стр.
Тем. план выпуска 1967 г. № 326.

Редактор *А. Ю. Гонтарь*
Художник *Л. С. Мороз*
Худож. редактор *Е. Ф. Капустин*
Техн. редактор *Р. Я. Соколова*
Корректоры *А. Б. Стрельник, Б. А. Гершман*

Сдано в набор 16/II 1967 г.
Подписано к печати 22/VII 1967 г.
Бумага 70×108$^1/_{32}$. № 1.
Печ. л. 13$^1/_2$ (18,90). Уч.-изд. л. 11,99.
Тираж 6000 экз. Заказ 2405.
Цена 1 р. 35 к.

Издательство «Советский писатель»
Москва К-9, Б. Гнездниковский пер., 10.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
пер. Аксакова, 13